STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01618

GZEYRES TAH

Nathan Nata Hannover

Permanent preservation of this book was made possible
by Irving Kagan
in memory of
Yetta & Abe Kagan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע

גזרות ת"ח

OFFENBACH ARCHIVAL DEPOT A. M.

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ

ווילנע / 1938

PRINTED IN POLAND
„Drukarnia Wydawnicza“
Wilno, Kwaszelna 23

גזרות ת״ח

.1 ד״ר יעקב שאַצקי:

היסטאָריש־קריטישער אַרײַנפיר צום „יון מצולה״ פון
ר׳ נתן נטע האַנאָווער. . . . . . . ז׳ 9*—159*

.2 זאב־וואָלף לאַצקי־בערטאָלדי:

איבערזעצונג פון ר׳ נתן נטע האַנאָווערס „יון
מצולה״ . . . . ז׳ 3—86

.3 ד״ר י. איזראַעלסאָן:

נתן נטע האַנאָווער זײַן לעבן און ליטעראַרישע
טעטיקייט. . . . . ז׳ 87—120

די איבערזעצונג פֿון „יון מצולה״ און דער אַרטיקל פֿון
ד״ר י. איזראַעלסאָן זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך אין
יאָר 1930, דעריבער ווײַכט די אָרטאָגראַפֿיע אין זיי אָפּ
פֿון דער איצט גילטיקער

ד״ר יעקב שאַצקי

היסטאָריש-קריטישער אַרייַנפיר צום „יון-מצולה״

געהייליקט דעם ליכטיקן אנדענק
פון
יהודה ליב כהן
געבוירן אין ווילנע דעם 15טן
פעברואַר 1881, געשטאָרבן אין
ניו-יאָרק דעם 3טן אַפּריל 1937

אינהאַלט

זייט

I. דער היסטאָרישער ווערט פֿון „יון מצולה" 9*

II. די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון ייִדן אין אוקראַינע ערבֿ דעם כמעלניצקי־אויפֿשטאַנד 26*

III. וועגן די סיבות פֿון די קאָזאַקישע מלחמות 44*

IV. כמעלניצקי אין שײַן פֿון געשיכטע 59*

V. דער כמעלניצקי־אויפֿשטאַנד און די ייִדן 83*

VI. וועגן די ייִדישע איבערזעצונגען פֿון „יון מצולה" 93*

הוספֿה 1. וועגן גזרות ת"ח אין „שארית ישראל", אמסטערדאַם 1771 . . . . 101*

הוספֿה 2. צוויי היסטאָרישע לידער פֿון גזרות ת"ח 107*

הוספֿה 3. וועגן די ייִדישע מאָמענטן אין אוקראַיִנישן היסטאָרישן ליד פֿון כמעלניצקיס תקופֿה 111*

הוספֿה 4. הילטעבראַנדס באַשרײַבונג פֿון אַ רײַזע קיין אוקראַינע אין 1657 . . . . 121*

היסטאָריש־קריטישע הערות 127*

I

דער היסטאָרישער ווערט פֿון „יון מצולה“

נתן-נטע בן משה האַנאָווערס היסטאָרישע כראָניק פֿון דער תקופֿה פֿון דער קאָזאַקישער רעוואָלוציע אין 1648 האָט זיך שוין לאַנג קונה געווען אַ חשובֿן פּלאַץ אין דער ייִדישער, און אויך דער ניט-ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע.

אין דער ייִדישער מקורים-ליטעראַטור וועגן דער כמעלניטשינע פֿאַרנעמט די דאָזיקע כראָניק בלי ספק דעם אויבנאָן. בעת אַנדערע מיטצײַטלער גיבן איבער אין קורצע, טרוקענע שורות די נעמען פֿון געליטענע שטעט און די צאָל פֿון די קרבנות, און אויף די דאָזיקע ידיעות קען מען זיך זעלטן פֿאַרלאָזן, באַמיט זיך האַנאָווער צו געבן אַ פּראַגמאַטיש בילד פֿון די דאָזיקע זייער קאָמפּליצירטע און אַזוי טראַגישע געשעענישן.

די כראָניק „יון מצולה“ איז באַקאַנט אין גאָר ברייטע קרײַזן.

יוסף סמברי דערציילט, אַז דעם „יון מצולה“ פֿלעגט מען לייענען אין זײַן קהילה אין משך פֿון דרײַ וואָכן פֿון שבֿעה עשר בתמוז ביז תשעה באָבֿ[1].

טאַדעוש טשאַצקי, דער ערשטער היסטאָריקער פֿון די פּויליש-ליטווישע ייִדן, דערמאָנט „יון מצולה“, און דערבײַ דערציילט ער, אַז די כראָניק איז ספּעציעל איבערגעזעצט געוואָרן פֿאַר אים[2].

---

[1] Neubauer, Mediaeval Jewish Chronicles I, 149.

[2] זײַן ווערק Rozprawa o żydach i karaitach איז אַרויס אין ווילנע אין יאָר 1807. איך ציטיר לויט דער אויסגאַבע: קראָקע 1860, ז׳ 114—115

גרעץ האַלט אים פֿאַר „זײער געטרײַ און פֿאַרלאָזלעך"; דאָס זעלביקע קאָסעל. בערשאַדסקי כאַראַקטעריזירט אים ווי אַ תּם.[3]

דער אוקראַיִנישער היסטאָריקער קוליש ציטירט אים מיט אַסך צוטרוי אין זײַן געשיכטע פֿון אוקראַיִנע (I, II 216).

אַקעגן קאָסטאָמאַראָוו איז זײער קריטיש געשטימט צום מחבר פֿון „יון מצולה". ער האַלט, אַז מען דאַרף זײַן פֿאָרזיכטיק מיט זײַנע פֿאַקטן, ווײַל קײן עדות פֿון די אַלע געשעענישן וואָס ער באַשרײַבט איז ער ניט געווען. ער האָט צונויפֿגענומען כּלערלײ קלאַנגען. אַ סך ענינים וועגן די פּאָלי-

---

טשאַצקי פֿאַרפֿלאַנטערט שטאַרק די נעמען פֿון די כראָניקערס און פֿון צוויי נע-מען מאיר בן שמואל און נתן נטע מאַכט ער איין נאָמען.

פֿון טשאַצקין אָן ציט זיך אין דער פּוילישער ליטעראַטור דע- אינטערעס פֿאַרן „יון מצולה". אין 1823 האָט אַבֿרהם שטערן אָפּגעדרוקט אין Pamiętnik warszawski אַ פֿראַגמענט פֿון דער כראָניק. אין 1872 האָט מאַטיאַס בערסאָן געדרוקט אין Izraelita (נומער 17) אַ פֿראַגמענט אין זײַנער אַן איבערזעצונג. מאַטשעיאָווסקי האָט זיך באַנוצט מיטן כּתבֿ-יד פֿון בערסאָנס פּוילישער איבערזעצונג פֿון „יון מצולה", וועלכער געפֿינט זיך איצט אין מוזיי פֿון דער יִדישער קהילה אין וואַרשע. Cf. Maciejowski. Żydzi w Polsce, na Rusi i Litwie, p. 100 אין דער הקדמה צום Dyplomataryusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce, W. 1910, p. 9 ווערט דערציילט, אַז אין בערסאָנס ליטעראַרישן עזבון האָט מען געפֿונען אַ גאַנץ העפֿט מיט מאַטעריאַ"ן, איבערגעזעצט אויף פּויליש פֿון העברעיִש וועגן כמעל-ניטשינע.

וועגן אַנדערע איבערזעצונגען זע: שאַצקי אין Izraelita יולי 1913 און באַלאַבאַן אין דער הקדמה צו זײַן פּוילישער אויסגאַבע לעמבערג, 1912.

[3] Ersch-Gruber, XXX, 136, Note 96; Литовскіе евреи, 354, 1883. אין העברעיִשן גרעץ (באַנד VIII, 129) לייענען מיר, אַז האַנאָווער האָט געשריבן „בטוב טעם ודעת סבת המעשים", און אַז דער מחבר „מראה לנו בדבריו ידיעה גדולה ונאמנה בתולדות אומות העולם, בדעתו להסביר דבריו במיטב הגיון, והוא היחידי בין סופרי הרשומות לקורות ישראל בשנות הגזרה המסביר את המעשים בדרך אמת". פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז שפּ"רס (שאול פּנחס ראַבינאָוויטש) מיינונג. זי איז שטאַרק איבערגעטריבן.

טישע און מלחמה־ענינים פֿון יענער צײַט זײַנען בײַ אים ניט ריכטיק געשילדערט און די צאָל פֿון די ייִדישע קרבנות שטאַרק איבערגעטריבן[4].

קריטיש זײַנען אויך אַנדערע אוקראַיִנישע היסטאָריקער: פֿראַנקאָ האַלט, אַז האַנאָווער פֿאַנטאַזירט זייער אַ סך, הגם אייניקע פּרטים שטימען היסטאָריש. אַזוי למשל איז די באַשרײַבונג פֿון זאַסלאַוו „ניט אָן אַ קינסטלערישן ווערט" און וועגן איר אמתדיקייט איז „ניטאָ קיין גרונד מסופק צו זײַן"[5].

הרושעווסקי האַלט, אַז האַנאָווערס כראָניק קומט צום נעענטסטן צו די געשעענישן דורך כאַראַקטעריזירן דעם פּאָן, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די קאָזאַקישע בונטן. אפילו Beauplan, דער באַרימטער פֿראַנצייזישער אינזשעניער, וואָס איז צו יענער צײַט געווען אין אוקראַיִנע און האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דעם, האָט ניט אָפּגעשאַצט אַזוי ריכטיק די לאַגע, ווי דאָס האָט געטאָן האַנאָווער. דער וואָלינער ייִד—זאָגט הרושעווסקי—האָט געגעבן אַ ברייטן סינטעז פֿון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע סיבות פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, ברייטער פֿון Само-видец (אַן אוקראַיִנישער פּסיידאָ-כראָניקער). הרושעווסקי האַלט אָבער, אַז אייניקע ידיעות זײַנען ניט קיין ריכטיקע, און באַזונדערס זײַנען די ידיעות וועגן די שחיטות שטאַרק איבערגעטריבן[6].

וואַצלאַוו ליפּינסקי, אַן אוקראַיִנישער היסטאָריקער וואָס שרײַבט פּויליש האַלט, אַז האַנאָווער האָט געהאַט אַ פּראָפּוילישע אָריענטאַציע, און דערפֿאַר איז ער אומגערעכט צום קאָזאַקישן צד. שוין זײַן טערמינאָלאָגיע, ווי „כמעל דער בוגד" א"אַ, באַווײַזט, אַז האַנאָווער איז געווען אויפֿן צד פֿון דער דעמאָל-

---

[4] Костомаров, Б. Хмѣльницкій, 650.

[5] Франко, Студії над народними піснями, Львів 1913, 299; ЗНТШ. 106, 73—76.

[6] Грушевський, Історія України-Руси, том 8, част. II, 29, 119.

טיקער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע, וואָס האָט פֿאַרשטייט זיך גע־האַלטן מיט די פּוילישע מאַגנאַטן, להיפּוך צו אַן אַנדער קאַטע־גאָריע ייִדן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די רייען פֿון די אויפֿ־שטענדלער און מיר באַגעגענען זייערע נעמען אַפֿילו אין די קאָ־זאַקישע רייסטערס פֿון יאָר 1649.[7]

זײַן פּראָמאַגנאַטישע אײַנשטעלונג און באַזונדערס זײַן אידעאַליזאַציע פֿון דעם פֿירשט י ע ר ע מ י װ י ש נ ע װ ע צ ק י ווערט לעצטנס באַשטעטיקט אויך פֿון דער פּוילישער געשיכטע־שרײַבונג. אָ ל ג י ע ר ד ג ו ר ק אָ האָט אים פֿאַר אַ רעקלאַמע־מאַכער פֿאַר דעם פֿירשט ווישנעוועצקי, וועלכער איז בעצם ניט געווען קיין אוהבֿ־ישׂראל, ווי האַנאָווער וויל אים שילדערן, נאָר ער האָט געראַטעוועט די ייִדן פֿון זײַנע מאַיאָנטקעס און אפֿשר אויך גענומען געלט פֿאַר די דאָזיקע טובֿות. גורקאָ האָלט אָבער, אַז מיט אַלע אירע טעותים, גוזמאות און מליצות איז די כראָניק אַן אויסערגעוויינטלעך ווערק, וואָס גיט אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס האָבן ייִדן געפּילט בעת די יאָרן 1648—49.[8]

וועגן דעם ענין ווישנעוועצקי און די ייִדן וועלן מיר רעדן שפּעטער. מיר ווילן דאָ איבערגעבן די רעפּרעזענטאַטיווסטע מיינונגען וועגן „יון מצולה".

ד ו ב נ אָ װ האָלט, אַז דער „יון מצולה" דערגרייכט ערטערווײַז דעם ניוואָ פֿון וויסנשאַפֿטלעכער געשיכטע־שרײַבונג; ער קען צום פּונקט צייכענען דאָס אינעווייניקסטע לעבן פֿון די קהילות און פֿאַרזעט ניט אויך די אמתע פּאָליטישע און סאָציאַלע סיבות פֿון דער קאָזאַקן־מרידה".[9]

דער לעצטער ביאָגראַף פֿון האַנאָווערן, א י ז ר א ע ל ס אָ ן,

---

[7] Z dziejów Ukrainy, Kijów 1912, 373.

[8] O. Górka, „Ogniem i mieczem" a rzeczywistość historyczna. Warszawa 1934, 29.

[9] S. Dubnow, Weltgeschichte des jüdischen Volkes, VII, 42.

האַלט אים פאַר אַ היסטאָריקער, וואָס צייכנט גענוי יעדע דאַטע(?) און דערבײַ ווײַזט ער אַרויס „אַ גרויסן פאַרשטאַנד און קענטעניש פון דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דעם אויפשטאַנד אין אוקראַיִנע און פון די קריגס-אָפּעראַציעס פון די פּאָליאַקן". דערצו נאָך איז ער זייער פּינקטלעך בנוגע פאַקטן און דאַטעס, און בעת אַנדערע וואַרפן אָן אַ באַרג מיט פאַקטן אָן שום סדר, איז האַנאָווער כמעט אַ פּראַגמאַטישער היסטאָריקער. די דאָזיקע מיינונג טיילן אויך אַנדערע, באַזונדערס די איבערזעצער פון דער כראָניק מאַנדעלקערן (רוסיש) און באַלאַבאַן (פּויליש).

לאָמיר זיך באַמיִען כאַראַקטעריזירן דעם מקור אין שײַן פון דעם ווערק גופא און פון אַנדערע מקורים פון דער זעלביקער תקופה.

קודם כל: פון וואַנען האָט האַנאָווער גענומען זײַנע ידיעות? אין זײַן כראָניק דערמאָנט ער נאָר דעם „צמח דוד", אויף וועלכן ער פאַררופט זיך, בעת ער דערציילט, אַז דער קיניג זיגמונט האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם עסטרײַכישן פירשט קאַרל. מער קיין מקורים געפינען מיר בײַ אים ניט אָנגע-וויזן. איבערגעבנדיק אַ פאַקט (אויף ז' 48) באַמערקט האַנאָווער, אַז „די מעשה דערציילט מען אויך אַנדערש". דערפון איז קלאָר, אַז האַנאָווער האָט געהאַט פון פליטים פאַרשיידענע דערציילונגען און אין דעם פּרט האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן, אַז עס איז פאַראַן אויך אַן אַנדער נוסח פון דער זעלבער געשיכטע. אַן אַנדערש מאָל ווײַטער (אויף ז' 57) באַמערקט האַנאָווער, אַז „ס'האָט מיר דערציילט אַ פרוי, וואָס איז פאַרבליבן א לעבעדיקע צווישן די הרוגים".

פון די מקורים פון גזרת ת"ח, וואָס שטימען אין אייניקע עפּיזאָדן מיטן „יון מצולה", איז די וויכטיקסטע — דער „צוק העתים" פון מאיר פון שעברעשין, וואָס איז אַרויס אין קראָקע אין 1650. האַנאָווער האָט זיכער געקענט דאָס דאָזיקע ווערקל און פון דאָרטן אַרויסגענומען אייניקע פאַקטן. אין זײַנע וואַנדע-

רונגען איבער דײַטשלאַנד, האָלאַנד און איטאַליע האָט ער זיך געטראָפֿן מיט פּליטים, צווישן וועלכע עס זײַנען מסתמא געווען מענטשן, וואָס האָבן געקענט איבערגעבן פֿאַקטן פֿון זייערע איבער־לעבענישן, און דאָס האָט האַנאָווער אויסגענוצט אין זײַן כראָניק. באַזונדערס אין איטאַליע, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע טעטיקייט צו זאַמלען געלט פֿאַר פּדיון־שבֿוים, איז ניט געווען אַזוי שווער צו קריגן ידיעות וועגן דעם וואָס איז געשען מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער און אַ פּשיטא וועגן דעם, ווי די לאַגע איז איצט. שרײַבנדיק זײַן כראָניק אין 1652 באַמערקט האַנאָווער אַזוי: „און ביז הײַנטיקן טאָג גייען אַרום אין פּוילן שווערד, הונגער און קרענק, און די לעצטע צרות מאַכן פֿאַרגעסן די ערשטע, פֿון טאָג צו טאָג איז איין צרה גרעסער פֿון דער אַנ־דערער. אין אָוונט זאָגט מען, הלוואי קומט אָן דער מאָרגן, און אין דער פֿרי זאָגט מען, הלוואַי זאָל שוין ווערן אָוונט". דאָס איז ממש אַרויסגענומען פֿון אַ בריוו אָדער פֿון אַ מינדלעכן באַ־ריכט געבראַכט פֿון פּוילן. די ידיעות האָט האַנאָווער געקענט באַקומען אין ווענעציע ווו ער האָט דעמאָלט געוווינט און גע־דרוקט זײַן ספֿר. עס איז קלאָר, אַז דווקא אין אויסלאַנד האָט האַנאָווער געקענט קריגן מינדלעכע ידיעות וועגן די געשעענישן פֿון ת״ח און אפֿשר האָט ער זיך שוין געקענט באַקענען מיט אייניקע געדרוקטע באַריכטן, וואָס זײַנען אַרויס אין די יאָרן 1650 און 1651 אין דײַטשלאַנד און אין פּוילן (די „צײַטונגען"). ער האָט געקענט אויך פֿרעמדע שפּראַכן (מסתמא זיך אויסגע־לערנט איצט אין אויסלאַנד), און דערפֿאַר איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אייניקע מיטצײַטלערישע באַריכטן (אויף דעם זאָגן עדות אַ סך פּינקטלעכע דאַטעס אין זײַן כראָניק).

אַז האַנאָווער האָט ניט געקענט זען אַלע געשעענישן, איז קלאָר. עס איז אויך קלאָר, אַז די געאָגראַפֿיע פֿון יענע מקומות איז אים ניט צו גוט געווען באַקאַנט.

אין זײַנע רשימות פֿון שטעט ווו עס זײַנען פֿאָרגעקומען

פּאָגראָמען הערשט אַ צעטומלעניש. ביאַלאָצערקעווו ווערט דערמאָנט לעבן אָסטרע, קראַסנע ליגט בײַ אים צווישן נעמיראָוו און טולטשין. פֿאַראַן אַ סך פֿאַקטישע טעותים, וואָס שטאַמען פֿון זײַן פּרעמדקייט אין דער ניט־ייִדישער וועלט. וויהאָווסקי איז לויט האַנאָווערן געווען מיטן העטמאַן קאָניעצ-פּאָלסקי, בעת ער האָט אין דער אמתן געדינט מיטן פּולקאָווניק האָלוב. יערעמי ווישנעוועצקי ווערט לויט אים פֿאַרסמט (ז׳ 74), אָבער דאָס איז ניט ריכטיק.

בכלל האָט האַנאָווער אַ שוואַכקייט צו ווישנעוועצקין. „דאָס פֿאָלק האָט ליב געהאַט דעם דוכּוס ווישנעוועצקי", שרײַבט האַנאָווער (ז׳ 37), בעת דאָס איז היסטאָריש ניט ריכטיק. האַנאָווער דערציילט, אַז „דער דוכּוס ווישנעוועצקי זכרו לברכה איז דענסט-מאָל געווען מיט זײַן חייל אין דער ליטע. און ווי באַלד ער האָט נאָר דערהערט וועגן דעם ייִדישן אומגליק פֿון נעמיראָוו, האָט ער גרויס צער געהאַט דערפֿון, וואָרעם נעמיראָוו איז געווען אונטער זײַן ממשלה" (ז׳ 36 פֿון אונדזער טעקסט). דאָס איז נאָר טיילווײַז ריכטיק. ווישנעוועצקי האָט געוואָלט פֿאַרטיידיקן נעמיראָוו, ניט ווײַל די שטאָט האָט געהערט צו אים, ווי האַנאָווער שרײַבט, נאָר צו זײַנע צוויי פּלימעניקעס. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פֿאַקט, וואָס דער פֿירשט יערעמי האָט געהאַט אַן אינטערעס צו פֿאַרטיידיקן שטעט און מאַיאָנטקעס, וואָס געהערן צו זײַן משפּחה. האַנאָווער זעט אין ווישנעוועצקין, ווי מען וואָלט הײַנט געזאָגט, אַ „ליבעראַל", אָבער דאָס איז ניט ריכטיק.

ווי ווײַט האַנאָווער אָריענטירט זיך נאָר אויף אָט דעם דעספּאָטישן מאַגנאַט און רעקלאַמירט אים, קען מען זען פֿון דעם ווײַטערדיקן פֿאַקט. האַנאָווער דערציילט, אַז זאַסלאַווסקי איז אײַנגעגאַנגען אויף כמעלניצקיס פֿאָרשלאָג און האָט מיט אים געשלאָסן אַ דערווײַליקן שלום־אָפּמאַך און אַז ווישנעוועצקין האָט ער אָפּגעהאַלטן פֿון שלאָגן זיך. שפּעטער, ווען די טאָטערן זײַנען אָנגעקומען, האָט ער אים געגעבן אַן עצה צו אַנטלויפֿן,

וואָס יענער האָט אויסגעפֿאָלגט. הרושעווסקי (געשיכטע פֿון אוקראַיִנע, באַנד VIII, טייל III, ז' 73) האָט באַוויזן, אַז דאָס איז אַ לעגענדע, וואָס מען האָט דעמאָלט פֿאַרשפּרייט, כּדי רייִנצוּוואַשן וויִשנעוועצקין אויפֿן חשבון פֿון די פּולקאָווניקעס. האַנאָווער נעמט אויף די דאָזיקע ווערסיע, ווײַל זי איז לטובֿת פֿירשט יערעמי וויִשנעוועצקי.

דערפֿון נעמען זיך די טענות פֿון דער אוקראַיִנישער היסטאָריאָגראַפֿיע צו האַנאָווערן, ווײַל ער פֿאַרטרעט די „גרויסמאַגנאַטישע" (אַפֿילו ניט קיין „פּראָפּוילישע") אָריענטאַציע. האַנאָווערס סימפּאַטיעס מיטן אָנפֿירער פֿון דעם מאַגנאַטישן אימפּעריאַליזם אין אוקראַיִנע שטימט מיט דער שטעלונג פֿון מ א י ר ב ן ש מ ו א ל פֿון שעברעשין, וואָס זײַן קורצע כראָניק א"נ „צוק העתּים" האָט האַנאָווער זיכער געקענט.

„דוכס הגדול ווישניוועצקי—שרײַבט דער בעל צוק־העתּים — השר עשה ליהודים הטוב והישר, כי הוא שר כשר. בכל מקומות שראה סכנה הניח לנסוע היהודים בראשונה והוא לאחריהם היה למגן וצנה ואם היתה הסכנה לפניו אז נסע לפניהם בהמונין וינוסו הרודפים כלם מפניו. כאשר ירחף על גוזליו וכרחמנות אב על עולליו רחם עליהם הדוכס והחונים עליו ויסעו ישראל עם בניהם ולא רדפו המורדים אחריהם מפני יראת הדוכס אדוניהם". אָט די דאָזיקע אידילישע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם שר כּשר, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר האַנאָווערן, איז ניט מער ווי רעקלאַמע בנוגע אַ מאַגנאַט, וואָס האָט געברענט און חרובֿ געמאַכט דאָס לאַנד, געשאָכטן פּויערים און האָט אויף ניט „זײַנע" ייִדן זיך אַפֿילו ניט אַרומגעקוקט.

די זעלביקע רעקלאַמע געפֿינען מיר בײַ אַ פּוילישן מיטצײַטלער Białobłocki, וועלכער שילדערט דעם זעלביקן וויִשנעוועצקין ווי אַ משה רבינו, וואָס באַפֿרײַט פֿון מצרים ייִדן און שליאַכטע, אָדער ווי אַ פּוילישן ה ע ר ק ו ל ע ס, אָבער דאָס זײַנען

אַלץ חניפֿה־ווערטער געשריבן פֿון געקויפֿטע פֿעדערס, פֿון הויף־גראַמענפֿלעכטער[10].

כמעלניצקין רופֿט האַנאָווער „קאָזאַק", באַנוצנדיק דאָס וואָרט ווי אַ זידלוואָרט. מיר וועלן ווײַטער זען, אַז כמעלניצקי איז ניט געווען סתם אַ קאָזאַק. פּוילישע פּריצים וואָס זײַנען אַריבער צו כמעלניצקין רופֿט ער אָן: בוגדים. די „יונים" זײַנען אין זײַנע אויגן פּשוטע דאָרפֿסיונגען. נאָר די פּאָליאַקן זײַנען געניט אין מלחמות, ווײַל „זיי זײַנען אַלע גרויסע שררות" (ז' 46). האַנאָווער ווייס, אַז די דאָזיקע שררות קוקן אויף ייִדן מיט ביטול און ווילן זיי מאַכן פֿאַר פּוילישע שפּיאָנען (ז' 26). אָבער אין דער סאָציאַלער לאַגע פֿון יענער צײַט אָריענטירט ער זיך כמעט ניט. „די יונים זײַנען געוואָרן צו קנעכט און צו דינסטן בײַ די פּאָליאַקן און ייִדן להבֿדיל", שרײַבט האַנאָווער. „אַלע האָבן איבער די קאָזאַקן געוועלטיקט — זאָגט ער — אַפֿילו די אומה וואָס איז מער געפֿאַלן פֿון אַלע אַנדערע אומות", ד"ה די ייִדן. די גזרה איז געקומען פֿון די תּקיפֿים, ווי למשל ז כ ר י ה ס אָ ב ל ע נ ק י דער ייִדישער אַרענדאַר פֿון ט ש י ה י ר י ן, וועלכער האָט איבערגעגענטפֿערט כמעלניצקין אין די הענט פֿון אַלעקסאַנדער קאָנעצפּאָלסקי. אָבער האַנאָווער מאַכט צו פּשוט דעם ענין, אַזוי ווי דער דאָזיקער עפּיזאָד וואָלט האָבן גורם געווען צו כמעלניצקיס אויפֿשטאַנד.

זײַנע סטאַטיסטישע ידיעות זײַנען אויך ניט קיין קאָרעקטע. די צאָל פֿון די קאָזאַקישע חיילות איז אַלע מאָל שטאַרק איבערגעטריבן, כּדי דאָס פּויליש־פּריצישע חייל זאָל אויסזען מער העלדיש. אין ז אַ מ אָ ש ט ש, שרײַבט האַנאָווער, האָט דער דײַטש Weiher געהאַט 6000 סאָלדאַטן; אַלע מקורים, סײַ פּוילישע און סײַ אוקראַיִנישע, ריידן פֿון 1500. אונטער פּ י ל אַ ו ו ע ץ זײַנען

[10] Грушевський, о. с., VIII, ч. III, 73; Франко, ЗНТШ., XXIII—IV, 33.

געווען 500.000 סאָלדאַטן; אַ גוזמא, ווי עס באַווײַזן די וויכטיק־סטע פּוילישע היסטאָריקער. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מען אויס־געלייזט 20.000 ייִדן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט (ז׳ 24) — אַ ציפֿער שטאַרק איבערגעטריבן.

ניט אַלץ איז אָבער אַזוי שטאַרק איבערגעטריבן אין האַנאָ־ווערס כראָניק, ווי אייניקע היסטאָריקער (באַזונדער ראַוויטאַ־גאַוואָרנסקי דער פּאָליאַק און הרושעווסקי דער אוק־ראַינער) ווילן דאָס האָבן. אין אַ בריוו געשריבן פֿון אַ פּאָליאַק פֿון וואַרשע, דאַטירט דעם 2טן אויגוסט 1648, געפֿינען מיר אַ באַשרײַבונג פֿון די שחיטות, וואָס שטימט מיט האַנאָווערן און אויך מיט אַן ענלעכער שילדערונג אין „מגלת עיפה״ פֿון שבתי הכהן. „די שכנישע ערטער אַרום טשערניגאָוו האָבן זיך אונטער־געגעבן און אַרויסגעגעבן צו די קאָזאַקן אויף עינוים די קאַטוי־לישע שליאַכטע און די ייִדן. אין איין שטאָט מאָגילאַ (!) האָט מען אויסגעשאָכטן איבער 800 שליאַכטשיצעס מיט זייערע פֿרויען און קינדער און 700 ייִדן אויך מיט זייערע ווײַבער און קינדער. אייניקע האָט מען צעהאַקט, אַנדערע האָט מען אַפֿריִער געהייסן אויסגראָבן אַ קבֿר און דערנאָך האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן לעבע־דיקערהייט די ייִדישע פֿרויען און קינדער און מען האָט זיי פֿאַר־שאָטן. דערנאָך האָט מען געגעבן די ייִדן מושקעטן (ביקסן) און געהייסן, אַז איינער זאָל דעם צווייטן דערהרגענען״ (טשאַרטאָ־ריסקיס אַרכיוו, קראָקע, באַנד 379, זײַט 57).

אַזעלכע באַשרײַבונגען זײַנען פֿאַראַן גענוג אין האַנאָווערס כראָניק, דאָס באַווײַזט, אַז עס פֿעלט ניט קיין אויטענטישע פֿאַקטן אין „יון מצולה״. אַזוי למשל דערציילט האַנאָווער, אַז ייִדן האָבן געוואָלט גיין פֿרײַוויליק אין טאָטערישער געפֿאַנ־גענשאַפֿט, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז מען וועט זיי דאָרטן באַ־האַנדלען גוט שוין מחמת דעם אַליין, וואָס די טאָטערן האָבן געוואָלט נאָר אויסלייזגעלט. טאָמאַשעווסקי זאָגט (Жерела V, L.), אַז די טאָטערן זײַנען געווען גײַציק אויף געלט און

דערפֿאַר פֿלעגן זיי מענטשן ניט הרגענען, ווי די קאָזאַקן, נאָר אַוועקפֿירן קיין יאַסיר. אַ באַשטעטיקונג פֿאַר האַנאָווערס ווערטער געפֿינען מיר אויך אין אַ פֿאָלקסליד, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז זיי ווילן בעסער דעם טאָטערישן יאָך, איידער די קאָזאַקישע הענט:

Волять татарські юкі,
Ніж козацькі рукі.

עס זײַנען אָבער פֿאַראַן חוץ גוזמאות אויך אומקריטישע ידיעות. האַנאָווער דערציילט למשל, אַז אין דער פוילישער אַרמיי זײַנען אין דער שלאַכט אונטער בערעסטעטשקע געווען צווישן אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס אויך אַ ייִדישע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון טויזנט זעלנער-ייִדן (ז׳ 72). די דאָזיקע ידיעה האָבן פֿון האַנאָווערן איבערגענומען כמעט אַלע היסטאָריקער און חזרן זי אומקריטיש איבער[11].

מיר ווייסן, אַז אין טולטשין האָבן ייִדן געקעמפֿט זײַט בײַ זײַט מיט די פּאָליאַקן. וועגן דעם דערציילט אונדז ניט נאָר האַנאָווער אַליין, נאָר אויך אַנדערע מיטצײַטלער. מיר ווייסן, אַז אין לעמבערג האָט מען באַזעצט אַ טורעם פֿון אַ צערקווע מיט ייִדישע וועכטער, וואָס מען האָט זיי געגעבן געווער, העק און קאָסעס[12]. דאָס איז געטאָן געוואָרן דערפֿאַר, ווײַל דער מאַגיסטראַט האָט ניט געטרויט די דאָרטיקע אוקראַיִנער, און דעריבער האָט מען די ייִדן באַשטימט אַכטונג צו געבן אויף דעם טייל פֿון שטאָט, ווו די אוקראַיִנער האָבן געוווינט. אויך ווערן פֿאַרנאָטירט אין די מקורים פֿאַקטן, ווען ייִדן האָבן אָנטייל גענומען אין דער-שטיקן פויערים-אויפֿשטאַנדן, באַזונדערס אין דער הײַנטיקער מזרח-גאַליציע.

קיין זאַבאָלאָטאָוו (מזרח-גאַליציע) איז אין יאַנואַר 1649

[11] גרץ-שפ״ר, 8, חלק א 147.

[12] Жерела VI, 35.

געקומען דער ייִדישער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם הויף פּאָטאָק, וואָלף, בראש פֿון דרײַ אָפּטיילונגען סאָלדאַטן און געמאַכט דאָרטן אַ שחיטה. דאָס איז געווען אַ מין שטראָף-עקספּעדיציע פֿאַר די פּויערישע סימפּאַטיעס מיט די אויפֿשטענדלער[13].

אָבער דאָס זײַנען אַלץ איינצלנע פֿאַלן, פּונקט ווי די ידיעה אין „טיט היון", אַז אַ טייל ייִדן אין פּעטער(!) זײַנען געגאַנגען אין קריג (והיו בהם סך מיהודים והלכו קצת מהם למלחמה). וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער האָט געהאַט זייער זײַן אין מלחמה, איז ניט קלאָר. זיכער האָבן זיך די ייִדן ניט געשלאָגן. אפֿשר יחידים זײַנען געווען צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, ווי דאָס איז באַקאַנט פֿון איינציקע שאלות-ותשובות, אָבער וועגן אַ מאַסע פֿון 1000 ייִדן סאָלדאַטן (טויזנט סאָלדאַטן איז אין 1648 געווען אַ גרויסע צאָל!) איז ניטאָ קיין שום באַשטעטיקונג אין די מקורים.

דאָס זעלבע איז שייך אויך צו דער אוקראַיִנישער אַרמיי, ווו מיר געפֿינען מיליטער-לײַט משומדים, אָבער ייִדן כמעט אין גאַנצן ניט. „מאַסן ייִדן שמדן זיך און שטייען צו צו דעם קאָזאַקישן מיליטער — שרײַבט עמעצער פֿון סטאַראָדוב — פּאָליאַקן אָבער, אַפֿילו די וואָס ווילן זיך שמדן, נעמט מען ניט צו און מען הרגעט זיי אַלעמען אויס"[14]. על פּי רובֿ זײַנען אַפֿילו די משומדים געווען אין „הינטערגרונט" פֿון דער מלחמה, ווי מאַרקיטאַנטן אָדער סתּם מיליטערישע בעלי-עגלות[15]. אין די אוקראַיִנישע מקורים ווערט דערמאָנט אַ פּאָלקאָווניק פֿון טשערקאַס Иван Пере-

13 ЗНТШ, XXII — XXIV, 107. אַז ייִדן פֿלעגן מסרן פֿאַר די פּוילישע פּריצים פּויערים-אויפֿשטענדלער איז קלאָר פֿון דעם דאָקומענט אין А. Ю. З Р. III, 85.

14 Регесты и надписи I, 880; Грушевський, о. с. IX 1150, [דערציילט וועגן ייִדן-קעמפֿער קעגן די מאָסקוויטער אין שטאָט פּאָלין (Столин).]

15 „Żydek z taboru naszego poznał się z chrzczonym

крестев, זיכער אַ משומד[16], און אַ קאַראַים אויך אַ פּאָלקאָווניק מיטן נאָמען Эляш Караімовіч.[17]

פֿון אַ רוסישן מקור איז צו זען, אַז אַ מאָהילעווער ייִד, וואָס איז געווען געפֿאַנגען אין מאָסקווע, האָט מען פֿאַרהאַלטן, ווײַל ער האָט געקענט די טעכניק פֿון מאַכן ביקסן און גראַנאַטן

Żydem w kozackim taborze będącym, bo od siebie niedaleko wodę brali". (Michałowski, Księga pamiętnicza, 458).

דער באַרימטער אַנטיסעמיטישער פּובליציסט Miczyński שרײַבט אין „Żwiercadło Korony Polskiej, קראָקע 1618, אַז צווישן די רײַסישע, וואָלינער און פּאָדאָליער ייִדן זײַנען פֿאַראַן שטאַרקע חבֿרה־לײַט, וואָס גייען מיט שווערדן און ביקסן און רײַטן אויף פֿערד און זײַנען גרייט זיך צו שלאָגן. (ציטירט בײַ Бершадскій, Литовскіе евреи, p. 412). דאָס זײַנען געווען מאַרקיטאַנטן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די קאָזאַקן און בכלל געווען נאָענט צו די טאַבאָרן. פֿאַר אַזעלכע דאַרף מען אויך באַטראַכטן די ייִדן, וואָס זײַנען געפֿאַלן אין דער מלחמה פֿון 1610, למשל דער אַזוי פּאָפּולערער אין דער ייִדישער געשיכטע ברוך בן אהרן פֿון טישעוויץ און זײַנע חבֿרים. דער לעצטער מקור וועגן אים (קיין שום חידושים!) איז באָראָוואָי: Евреи в запорожской сечи, Исторический Сборник 1934, I, 149.

[16] Овчаренко, Земельня властність у слобідській Україні у XVII–XVIII в. З. І. Ф. В., XI, 84. (די ידיעה שטאַמט פֿון יאָר 1697).

M. Слабченко דערציילט אין זײַן בוך: Организація хозяйства Украины, III (1923), p. 175 אַז אַ סך פֿרעמדע ייִדן זײַנען געוואָרן קאָזאַקן און אַז שפּעטער האָבן זיך פֿון זיי אַרויסגערוקט סטאַרשינעס, ווי Герцык, Маркович, Крыжановскій. אָבער דאָס איז געווען אַ סך שפּעטער נאָך דער כמעלניטשינע. וועגן די דאָזיקע משומדים — קאָזאַקישע פּאָלקאָווניקעס זע: Мякотин, Очерки соціальной исторіи Украины I, 107 183; III, 28, 132, 207.

[17] Грушевський, о. с. VIII, ч. II, 142; Костомаров, о. с. 84–85; Максимович, Собраніе сочиненій 1876, I, 401 – 402; Крипякевич, ЗНТШ 122, 29–36. לעצטנס האָט אַ פּוילישער קאַראַים Aleksander Mordkowicz צוגעגעבן

און איז אויך געווען אַ גוטער שיסער[18]. אָבער דאָס זײַנען גרויסע זעלטענהייטן אין יענער תּקופֿה. ממילא פֿאַלט אָפּ יעדע מעג־לעכקייט צו גלייבן האַנאָווערן, אַז אונטער בערעסטעטשקע האָבן זיך געשלאָגן אויף דער פּוילישער זײַט 1000 ייִדן.

האַנאָווער דערציילט, אַז דער פֿירשט פֿון טולטשין (זײַן נאָמען ווייס ער ניט, דאָס איז געווען טשעטווערטינסקי!) איז געהרגעט געוואָרן פֿון די קאָזאַקן, ווי אויך זײַן פֿרוי און צוויי טעכטער. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק, ווײַל דער פֿירשט, ווי עס ווערט היסטאָריש פֿעסטגעשטעלט, האָט קיין קינדער ניט געהאַט[19].

אָבער זייער אַ סך פֿאַקטן, וואָס מיר געפֿינען אין האַנאָ־ווערס כראָניק, זײַנען דורך אַנדערע מקורים באַשטעטיקט געוואָרן. עס איז כּדאַי אָנצוווײַזן, אַז כמעלניצקיס רעדע אין תּפֿיסה, וואָס וועגן איר ווערט דערציילט אין „יון מצולה", שטימט מיטן טעקסט פֿון דעם ערשטן אוניווערסאַל וואָס דער אוקראַיִנישער העטמאַן האָט אַרויסגעגעבן[20]. האַנאָווער דערציילט אויך, אַז אין „יענע טעג האָט דער מלך ירום הודו געפּסקנט, אַז ווער סע האָט אין זײַן מדינה געביטן זײַן אמונה מחמת אונס, מעג זיך אומקערן

וועגן אים אַ בראָשורע א"ב
O Iljaszu Karaimowiczu, zwierzchniku wojsk Zaporoskich. Łuck 1931, אַן דער מינדסטער השגה וועגן דער ליטעראַטור אַרום דער געשטאַלט פֿון אליהו קאַראַימאָוויטש.

[18] Ю. Гессен, Жизнь пленных в Московском Государстве. Русское Прошлое, II (1923), 70.

[19] Lipiński, Z dziejów Ukrainy, 167. דער זעלבער ליפּינסקי האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס וואָס האַנאָווער דערציילט, אַז די פּריצים האָבן ניט געוואָלט אויסשחטן די פּויערים, ווײַל זיי האָבן זיך געזאָרגט, ווער עס וועט באַאַקערן די ערד, ווערט באַשטעטיקט פֿון Jemiołowski, Pamiętniki, ז' 5. זע אויך אין אַ נײַעם מקור: Tomkiewicz, Wiśniowiecki, 244.

[20] С. Томашівський, ЗТНШ., XXIII-XXIV, 1—9.

צוריק צו זײַן פֿריִערדיקן גלויבן" (ז׳ 69). דאָס איז היסטאָריש ריכטיק: דעם 5טן מאַי 1649 האָט דער קיניג יאַן קאַזימיר אַרויס־געגעבן אַ דעקרעט, וואָס באַשיצט די ייִדן קעגן צוואַנג־שמד און דערלויבט די געשמדטע זיך אומצוקערן צום ייִדישן גלויבן[21].

וועגן אַנדערע פֿאַקטן, וואָס שטימען מיט דער געשיכטע, וועט דער לייענער געפֿינען אין מײַנע הערות צום „יון מצולה".

צו די סאַמע וויכטיקסטע טיילן פֿון זײַן כראָניק געהער אָן ספֿק דער טייל, ווו האַנאָווער דערציילט וועגן דעם וואָס איז געשען אין זאַסלאַוו און אָסטראָ. דער דאָזיקער טייל טראָגט שוין אַן אויטאָביאָגראַפֿישן כאַראַקטער. אַפֿילו די דאַטעס זײַנען דאָ זייער פּינקטלעכע, אַ זעלטנהייט אין גאַנצן בוך זײַנעם. ער דער־ציילט, אַז ייִדן זײַנען דאָרט געווען פֿון ראש חדש אדר ביז דינסטאָג ח׳ אדר (13 פֿעברואַר ביזן 2 מאַרט 1649). דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל ער האָט עס דירעקט איבערגעלעבט. אין זאַסלאַוו איז האַנאָווער געווען ביזן 25סטן יולי 1648, פֿון דאָרטן איז ער אַוועק קיין מעזריטש און מסתמא פֿון מעזריטש קיין אָסטרע, ווו עס איז געהרגעט געוואָרן זײַן פֿאָטער, משה האַנאָווער. ווי אַזוי עס האָט אים אָבער אָפּגעגליקט צו אַנטלויפֿן, דאָס דער־ציילט ער אונדז ניט. בכלל פֿעלט אין דער כראָניק דער פּערזענ־לעכער מאָמענט. דערציילן די אַלגעמיינע טראַגעדיע איז פֿאַר אים וויכטיקער ווי איבערגעבן זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבענישן. דער דאָזיקער פֿרומער מקובל, וואָס באַקלאָגט אין אַזאַ צײַט פֿון מהומות, אַז „מיר האָבן ניט זוכה געווען" (ז׳ 39) צו געפֿינען דעם פּירוש צום זוהר, וואָס דער קדוש שמשון אָסטראָפּאָלער האָט מחבר געווען — אָדער אַז מען האָט תּשובֿה געטאָן, „נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿן" (ז׳ 40), איז זייער ווײַט פֿון זוכן פּערזענלעכע „אומשטאַרבלעכקייט" דורך זײַן ווערק.

[21] Жерела IV, 261–262 געווען געדרוקט שוין איין מאל, אבער די גרויסגעבער פון די „מקורים" האבן דאס ניט געוווסט. זע Акты изд. Вил. Ком. XXIX, 1902, № 7.

האַנאָווער מאָטיווירט דעם ציל פֿון זײַן כראָניק אַזוי: „כּדי סע זאָל פֿאַרבלײַבן אַ זכר אויף צו דערציילן פֿאַר קומענ־דיקע דורות, האָב איך פֿיל געזעצט ווען דער סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופֿן די מרידה פֿון די יוונים קעגן דער פּוילישער מלוכה", און אויך אַז „איטלעכער זאָל זיך קאָנען משער זײַן דעם טאָג, ווען זײַן פֿאָטער אָדער מוטער זײַנען געשטאָרבן".

האַנאָווער האָט צוגעגעבן אַ באַשרײַבונג פֿון דעם לעבן־שטייגער, שולוועזן, לומדות און פֿון די ייִדישע וועדים. דאָס ייִדישע לעבן שילדערט ער שטאַרק אידעאַליזירט — אַ מין ראָמאַנטישע בענקשאַפֿט נאָך דעם פֿאַרלאָרענעם „גן-עדן" האָט אים דיקטירט אַזוי צו שרײַבן. וועגן דעם שולוועזן רעדט האַנאָווער מיט אַ סך התפּעלות, מן הסתם האָט אים דערצו באַוויגן דער מעמד פֿון דעם ייִדישן שולוועזן אין איטאַליע, וואָס איז זיכער געווען אין די אויגן פֿון אַ מקובל צו „גויִש", צו ווינציק ייִדיש און צו פֿיל ראַציאָנאַליסטיש.

ל. בראַמסאָן, דער היסטאָריקער פֿון ייִדישן שולוועזן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, כאַראַקטעריזירט ריכטיק האַנאָווערס שילדערונג ווי אַן ענטוזיאַסטישע באַשרײַבונג, אָן שום קריטישן צוגאַנג צו דעם ענין, הגם מען קען ניט פֿאַרלייקענען דעם פֿאַקט, אַז האַנאָ־ווערס עדות זאָגן איז זייער אַ וויכטיקער מקור פֿאַר דער געשיכטע פֿון דעם אַלטן ייִדישן חינוך אין פּוילן (Сборник в пользу начальных еврейских школ, 1896, 288).

אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון דעם וועד האָט זיך האַנאָווער שוואַך אָריענטירט; אַ סימן, אַז ער האָט אין דעם ייִדישן קהל־לעבן ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָלע. זײַנע ידיעות זײַנען שטאַרק מטושטש און מען קען זיך אויף זיי ניט פֿאַרלאָזן. בײַ דעם הײַנטיקן שטאַנד פֿון פֿאָרשונגען וועגן דער ייִדישער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אין פּוילן קען מען זיך באַגיין אָן די אינפֿאָרמאַציעס פֿון נתן נטע בן משה האַנאָווער.

האַנאָווערס כראָניק האָט באַקומען „בירגעררעכט" אין דער

געשיכטע-ליטעראַטור און זי האָט עס כשר פאַרדינט, ניט געקוקט דערויף וואָס אַ סך פאַקטן, ציפערן און דאַטעס זײַנען ניט ריכטיק און זייער אַ סך פאָלקס-מעשיות האָט ער אומקריטיש איבער-גענומען אין זײַן בוך. אָבער ער איז פאָרט ניט קיין היסטאָריקער נאָר אַ כראָניקער. אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע יידישע כראָניקער פון יענער צײַט איז ער דער סאַמע אויספירלעכסטער, הגם אַנדערע האָבן אַ גרעסערע רשימה פון יידישע ישובים, וואָס זײַנען אומגעקומען אין יענע בלוטיקע יאָרן[22]. האַנאָווערס ברייט פאַרטראַכטע שילדערונג פון די געשעענישן שטעלט אַוועק דעם „יון מצולה" צווישן די וויכטיקסטע מקורים פאַר דער גע-שיכטע פון די יאָרן 1648 — 1651.

---

[22] די העברעישע און טיילווײַז יידישע מקורים-ליטעראַטור בײַ Steinschneider. Die Geschichtsliteratur der Juden, 169-174 עס איז אַ גוזמא צו זאָגן, אַז עס איז שוין ניטאָ וואָס מחדש צו זײַן וועגן גזרת ת"ח—נאָך האַנאָווערן, ווי דאָס וויל האָבן גאַלאַנט אין זײַן אַרבעט: Къ исторіи поселенія Евреевъ въ Польшѣ и Руси вообще и въ Подоліи въ частности. Восходъ 1897, VII, 52-69; IX, 22-84.

זע אויך די רעצענזיע אויף גאַלאַנטן אין ЗНТШ, XXV, 14-17

II

די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון ייִדן אין אוקראַיִנע ערבֿ דעם כמעלניצקי־אויפֿשטאַנד

...A chłop dla żyda z wilka drze skórę
I wnet na lurę
Do karczmy wlecze,
Gdzie żydek chłopka,
Jak wróbel z szopka
Kłosy osiecze.
Żydów scierają panowie,
Panów zaś drą patronowie.
(Guniewicz, Refleksye duchowne, 1753)[1]

„פֿאַרשטײן די בלוטיקע געשעענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט [פֿון 1648], דעשיפֿרירן די פֿאַרביסנקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער שנאה קען מען נאָר מיט דעם מעטאָד פֿון אַנאַליזירן די סאָציאַלע באַציִונגען און פֿון די טרײַבפֿעדערס פֿון דעם קלאַסנקאַמף", אַזוי שרײַבט אַן אוקראַיִנישער היסטאָריקער, אַ ייִד, אין שײַכות מיט אַן אַנדער ווערק וועגן די ייִדן אין פּוילן און רוסלאַנד, וואָס ער רעצענזירט[2]. דאָס איז נאָר טיילווײַז ריכטיק: די געשעענישן פֿון יענער תּקופֿה זײַנען צו קאָמפּליצירט, אַז מען זאָל קענען מיט

[1] ציטירט לויט: A. Brückner. Dzieje kultury polskiej III, 1931, 109.

[2] גערמײַזע (O. Гермайзе) אין זשורנאל Україна, № 3, 167-164, 1924 וועגן דעם בוך פֿון I. Meisl Geschichte der Juden in Polen und Russland, 1922.

אַ ריין דעסקריפּטיווער מעטאָדע פאַרשטיין דעם דאָזיקן בלוטיקן קאָנפליקט.

נתן נטע האַנאָווער שטייט אומבאַהאָלפן פאַר די דאָזיקע געשעענישן און ער קען זיי ניט באַנעמען. ער נעמט איבער דעם פוילישן נוסח צו קוקן אויף דעם קנויל פון דעם קאָמפּליצירטן קאַמף ווי אויף אַ ווילדן אויסבראָך פון אומדאַנקבאַרע פויערים און קאָזאַקן קעגן גוט מיינענדיקע פּריצים. עס איז אמת, אַז אין איין אָרט באַמערקט האַנאָווער, אַז דאָס אומגליק איז געקומען פון די יידישע תקיפים, וואָס האָבן געוועלטיקט איבערן פויער (ז׳ 10). ער שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ אויף די איינצלהייטן פון דעם דאָזיקן געוועלטיקן. נאָך מער, ער באַמערקט אין ערגעץ ניט די פּוילישע עקאָנאָמישע פּרוזשינע, וואָס האָט געדריקט אויף די יידן.

די אינטענסיווע יידישע קאָלאָניזאַציע אין די מזרח-געביטן פון פוילן, וואָס מען רופט אָן אוקראַינע, האָט זיך פונאַנדערגעבליט ערשט נאָך דער לובלינער וניע, — הגם די קאָלאָניזאַציע גופא דאַטירט נאָך פון 14טן יאָרהונדערט. פּוילישע שליאַכטע פון מאַזאָוויע און גרויספּוילן הייבט אָן צו קאָלאָניזירן דרום-רײַסן. זיי ציען מיט קודם די מער פאַרמעגלעכע יידישע עלעמענטן, די וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ גוטן מעמד אין די פּוילישע פּראָווינצן, אַ דאַנק זייערע אַרענדעס פון די פּריצישע הכנסות. די דאָזיקע פאַרמעגלעכע יידישע עלעמענטן זײַנען מיטגעגאַנגען מיטן שטראָם פון דער גרויס-מאַגנאַטישער אימיגראַציע און האָבן אויסגעפירט אין אוקראַינע די זעלביקע עקאָנאָמישע פונקציעס, ווי אין די פריערדיקע וווינערטער זייערע. די דאָזיקע טעטיקייט פון די יידן איז אין תוך געגומען געווען אַ המשך פון דער זעלביקער עקספּלואַטאַציע פון דער עקאָנאָמישער קאָניונקטור אין מאַזאָוויע, גרויספּוילן אאַז״וו, נאָר צוגעפּאַסט צו די נײַע באַדינגונגען האָט זי געטראָגן אַ מער רויבערישן כאַראַקטער, ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ערשטער סטאַדיע פון קאָלאָניאַלער ווירטשאַפט-טעטיקייט.

עס ווערן קאָלאָניזירט וואָלין, פּאָדאָליע, רויט־רײַסן. אַרום די שטעט פֿאָרמירט זיך אַ ייִדישער ייִשוב, שפּעטער קומען צו דאָרפֿס־ייִשובֿים. לויט אירע טענדענצן איז די נײַע אימיגראַציע אָבער על־פּי רובֿ אַ שטאָטישע און גייט ניט צו ווײַט אַוועק צום מזרח פֿון אוקראַיִנע, דאָרטן וווּ דער מאַגנאַטישער פּיאָניער האָט זיך נאָך ניט באַוויזן און וווּ דאָס לעבן איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סך געפֿאַר. דערפֿאַר זײַנען דאָרטן ייִדישע ייִשובֿים נאָך זייער שיטערע. עס באַווײַזט זיך אָבער צווישן דעם קאָלאָניסטישן ייִדישן עלעמענט דער טיפּ פֿון אַוואַנטוריסט, וואָס איז גרייט צו ריזיקירן און צוזאַמען מיט זײַנע חבֿרים אַרײַנצודרינגען טיפֿער אין די ווילדע ערטער פֿון דעם פּרוכפּעריקן, ניט באַאַרבעטן לאַנד.

פעסטשטעלן גענוי די מיגראַציע־באַוועגונג אין די מזרח־געביטן פֿון פּוילן איז זייער אַ שווערער ענין. ריכטיק כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע מיגראַציע אַ יונגער ייִדישער פֿאָרשער (אלעזר פֿעלדמאַן אין „בלעטער פֿאַר געשיכטע", וואַרשע 1934, 59), — אַז זי באַווײַזט זיך „פּלוצלונג קורץ פֿאַר, אָדער ערשט אין די צײַטן פֿון כמעלניצקיס אויפֿשטאַנד, אָבער עס איז זיכער, אַז דאָס רובֿ פֿון זיי (ד"ה פֿון די קהילות) האָבן שוין פֿריער עקסיסטירט".

אין וואָלין האָבן מיר קהילות אַזוי פֿרי ווי אין 15טן יאָרהונדערט, הגם די בלי־תּקופֿה פֿון די קהילות פֿאַלט אויס אין 16טן יאָרהונדערט. אַזוי האָבן מיר שוין דעמאָלט לוצק (1409), קרעמענעץ (1438, און ניט 1544, ווי פֿעלדמאַן גיט אָן), אָסטראָ (1447), לודמיר, בערעסטעטשקע (1569) א"אַ.

אין פּאָדאָליע עקסיסטירן שוין צו יענער צײַט כּמעט די אַלע קהילות, וואָס האַנאָווער האָט שפּעטער דערמאָנט אין זײַן כראָניק, ווי באַר (1550), סאַטאַנאָוו (1565), יאַזלאָוויץ (1578) אאַז"וו.

אין רויטרײַסן געפֿינען מיר קהילות שוין אין 14טן י"ה

לעמבערג — שוין אין 1356), דער גרעסטער טייל אָבער זײַנען אויפֿגעקומען אין 16טן י"ה, ווי בראָד (1588), יעראָסלאַוו (1537), זאַמאָשטש (1597) א"אַ.

דער גרעסטער טייל אָבער פֿון די קהילות, וואָס זײַנען חרובֿ געוואָרן אין 1648, זײַנען אויפֿגעקומען אַ סך שפּעטער, און וואָס ווײַטער צום מזרח פֿון פּוילן אַלץ פֿרישער איז די אויפֿקום-דאַטע פֿון דער קהילה.

וואָס שטאַרקער און גיכער עס וואַקסט די עשירות פֿון די גרויסמאַגנאַטישע קאָלאָניזאַטאָרן אין אוקראַיִנע, אַלץ טיפֿער גייען זיי אַרײַן אין די ניט קאָלאָניזירטע טעריטאָריעס. די ייִדן גייען מיט און דער טעמפּ פֿון דער קאָלאָניזאַציע ווערט אַ גיכערער, ממילא די עקספּלואַטאַציע אַ שטאַרקערע. אויף די ייִדן קוקט מען ווי אויף אַ גוטן קוואַל פֿון פֿאַרשיידענע הכנסות. דער בישאָף ווערעשטשינסקי (Wereszczyński) האָט שוין אין 1590 פּראָיעקטירט, אַז די ייִדן זאָלן צושטעלן יעדער יאָר געלט און טוך פֿאַר אויסהאַלטן פֿינף טויזנט קאָזאַקן. אויף אַזאַ אופֿן האָט דער דאָזיקער פּראַוואָסלאַוונער בישאָף און פּאָליטיקער געוואָלט פֿאַרזיכערן אַ שוץ פֿאַר די ניט-קאָלאָניזירטע טעריטאָריעס [2a].

די פּוילישע מאַגנאַטן פּראָטעזשירן די ייִדן, וועלכע פֿילן זיך פֿעסט און זיכער אונטער די פֿליגלען פֿון זייערע „באַשיצער" און שותּפֿים. ניט בלויז שוץ האָבן די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן געפֿונען בײַ די פּוילישע מאַגנאַטן, נאָר אויך די פֿולע פֿרײַהייט צו עקספּלואַטירן דאָס לאַנד און די מענטשן, ווי אויך דאָס רעכט צו האָבן מאַיאָנטקעס, אַרענדירן גאַנצע שטעטלעך און דערפֿער, מאָנען שטײַערן און אַפֿילו משפּטן די פּריצישע אונטערטאַנער לויטן פּוילישן געזעץ, ד"ה אַפֿילו מיט טויטשטראָף [3]. די פֿאָרמען

[2a] Кіевская Старина, 1895, 327–29.

[3] שוין Grondski (Historia belli cosaco-polonici, Pest, 1789, p. 33) האָט ריכטיק באַמערקט, אַז ייִדן האָבן געהאַט דאָס רעכט צו

פֿון די דאָזיקע אַרענדעס געפֿינען מיר שוין אין ליטע. עס איז גענוג זיך צו באַקענען מיט דערווירטשאַפֿט-פּאָליטיק פֿון דעם גרויסן ליטווישן קאַנצלער, לעוו סאַפּעהאַ (Sapieha), ווי מיר זעען ווי אַרענדאַרן ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך מעשטשאַנעס און שליאַכטשיצעס, כּדי זיך צו איבערצײַגן, אַז קיין נײַע פֿאָרמען אַרענדע-ווירטשאַפֿט זײַנען אין אוקראַיִנע ניט געשאַפֿן געוואָרן, נאָר עס זײַנען אַריבערגעטראָגן די אַלטע פֿון פּוילן, אָבער אַ דאַנק דעם גיכן טעמפּ פֿון עקספּלואַטאַציע האָבן זיי אָנגענומען אַ מער רויבערישן כאַראַקטער[3a].

כּדי צו קענען זיך אונטערנעמען אויף אַזעלכע אַרענדעס, וואָס האָבן געגעבן אַזעלכע ברייטע פּריווילעגיעס, האָט מען באַדאַרפֿט האָבן אַ גרויסן קאַפּיטאַל. די דאָזיקע קאַפּיטאַלן האָבן פֿאַרמאָגט אייניקע פֿון די גרויספּוילישע און טיילווײַז אויך די מאַזאָווישע און די ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַרענדירן פֿאַרשיידענע הכנסות אין דער „אַלטער היים“ פֿון דער פּוילישער רעפּובליק. די קאָנטראַקטן פֿון יענער תּקופֿה, וואָס זײַנען אָפּגעהיט געוואָרן, באַווײַזן, ווי שטאַרק און פֿאַרצווײַגט עס איז געווען די אַרענדע-טעטיקייט פֿון דעם ייִדישן קאַפּיטאַליסט אין אוקראַיִנע. אין לוצק למשל געפֿינען מיר אַן אַרענדאַר-אונטערנעמער אַ געוויסן חאַצקעל יעסמאַנאָוויטש (Хозька Есманович). אין 1565 גיט ער איבער גאַנצע זיבן הויפֿן, וואָס זײַנען געווען בײַ אים פֿאַרמשכּונט פֿון פּוילישע פּריצים, צו אַן אַנדער פּריץ, אַ געוויסן ניקאָלאַי דובראָווסקי[4].

משפּטן די פּויערים: „judicia super illos usurpabant“, וועגן jus gladii, וואָס ייִדן האָבן געהאַט, רעדט אויך: Житецкій, Евреи в Южной Россіи. Кіевская Старина 1901, 7–8, 1–45.

[3a] S Ingolt, Sprawy gospodarcze Lwa Sapiehy· Studja... poświęcone Bujakowi, Lwów 1931, 201 sq·

[4] А. Ярошевич, Капіталістична аренда на

פּאָלאָנע איז אין 1585 געווען אַרענדירט פֿון אַ ייִדן אליעזר נתן. אַן אַנדער קאַפּיטאַליסט אַבֿרהם בן יעקבֿ אַרענדירט אַ דאָרף פֿון פירשט קונצעוויטש-בוליגאַ. דער פּירשט גזשעגאָזש סאַנגושקאָ שליסט אַן אָפּמאַך אויף פֿינף יאָר מיט אַ ייִדישן אַרענדאַר אַברהם בן שמואל און זײַן פֿרוי יהודית אויף אַרענדירן דאָס שטעטל קאַשען לודמירער קרײַז[5].

אין די דאָזיקע אַרענדירטע מאַיאָנטקעס פֿירן די ייִדן אויס די פֿונקציעס פֿון אַבסאָלוטע בעלי-בתּים איבערן לעבן און טויט פֿון די פּויערים. אין דעם קאָנטראַקט, געשלאָסן 1595 צווישן דעם טראָקער קאַשטעלאַן פֿירשט פּראָנסקי און דעם ייִדן אַבֿרהם בן שמואל, וואָס האָט אַרענדירט אויך הויפֿן פֿון אַנדערע שררות, ווי סאַנגושקאָ, איז אַרײַנגעשריבן אַ פּונקט, אַז ער האָט דאָס רעכט צו משפּטן די פּויערים אַפֿילו ביז טויט-שטראָף. אמת דער ייִד האָט געהאַט אַ שותּף, אַ געוויסן שליאַכטשיץ בורקאַצקי, אָבער די דאָזיקע פּריווילעגיע איז אים זיכער ניט געגעבן געוואָרן אין זכות פֿון דעם קריסטלעכן שותּף[6]. ווײַל אין אַ קאָנטראַקט פֿון 1630 לייענען מיר, אַז דער ייִדישער אַרענדאַר פֿון דעם הויף סעלץ, פּרושענער קרײַז, האָט דאָס רעכט צו משפּטן אַלע „דאָרפֿס-אײַנוווינער (ziemianie), באַיאַרן און פּויערים“ לויטן אַלטן מנהג און שטראָפֿן לויט דעם כאַראַקטער פֿון די באַגאַנגענע פֿאַרברעכנס[7].

ייִדישע אַרענדעס בשותּפֿות מיט פּאָליאַקן זײַנען אויך ניט קיין זעלטענע דערשײַנונג. דאָרטן ווו די שליאַכטע האָט ניט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן נעמט זי ייִדן פֿאַר שותּפֿים אָדער פֿאַר אַרענ-

Україні за польської доби. (Зап. Соціяльно - Екон. Відділу У. А. Н., V—IV, 1927, 218) וועגן אנדערע ארענדעס פֿון דעם זעלביקן ייִדישן קאפּיטאליסט זע: Русско-евр. архив, II, 149

5 Ярошевич, ibidem, 130, 218.

6 Ярошевич, ibidem, 130.

7 Еврейская Старина, II, 106—109.

דאַרן פֿון טײלן פֿון זײערע לאַטיפֿונדיעס, כּדי זײ זאָלן קענען דאָס געלט אינוועסטירן אין נײַע אונטערנעמונגען. אַזוי למשל געפֿינען מיר, אַז אין 1580 קויפֿן אָפּ וואָלאָוויטש און פֿירשט סאַפּעהאַ די זאַלץ-אינדוסטריע אין קאָדנע מיטן רעכט צו עקספּאָרטירן שווערן זאַלץ פֿון קראָקע און נעמען אַרײַן דרײַ ייִדן פֿאַר שותּפֿים. אַ ייִד פּנחס אַרענדירט בשותּפֿות מיט אַ פּאָלאַק מיקלאַשעווסקי (אין 1596) אויף דרײַ יאָר צײַט אַ הויף אין כעלעמער קרײַז. אַ שליאַכטשיץ מיקאָלאַי וואָנסאָוויטש שרײַבט אונטער אַ בשותּפֿותדיקן קאָנטראַקט מיט אַ ייִדן אפֿרים פֿון נײַ-זבאַראַזש אויף אַרענדירן אַ הויף און נײַן (9) דערפֿער פֿון פֿירשט פּיאָטר זבאַראַזשסקי; דער קאָנטראַקט איז אויף דרײַ יאָר און די צוויי אַרענדאַרן צאָלן אײַן מזומן פֿופֿציק פּראָצענט פֿון דעם אַרענדע-געלט[8].

די דאָזיקע אַרענדע-קאָנטראַקטן ווײַזן אונדז, אַז עס זײַנען געווען צוויי טיפּן פֿון אַרענדעס אין אוקראַיִנע: ריינע אַרענדע און משכּון-אַרענדע.

ריינע אַרענדע איז געווען פֿאַרבונדן מיט קאָמערציאַליזירן די מאַיאָנטקעס, מיט אינוועסטירן נאָך מער קאַפּיטאַל, כּדי צו מאַכן פֿון דער אַרענדע אַ זײער הכנסהדיקע אונטערנעמונג. דער דאָזיקער טיפּ פֿון אַרענדע איז צום מערסטן פֿאַרשפּרייט צווישן ייִדן. אויף עלף קאָנטראַקטן פֿון דעם טיפּ פֿון די 80ער און 90ער יאָרן פֿון 16טן י״ה זײַנען פֿינף — ייִדישע.

די משכּון-אַרענדע איז אַן אַרענדע, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון באָרגן געלט, ווען אַ הויף ווערט איבערגעגעבן דעם מלווה ווי אַ משכּון. אַזעלכע אַרענדעס זײַנען זעלטענער צווישן ייִדן, זײער אָפֿט אָבער בײַ ניט-ייִדן. אַזוי למשל האָט דער טשערני-

---

8 די אַלע בײַשפּילן גענומען בײַ Ярошевич, וואָס האָט אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל מוסטערן פֿון קאָנטראַקטן מיט ייִדן אין אוקראַיִנע. מילואים ברענגט O. Баранович אין זײַן רעצענזיע אויף דער דאָזיקער אַרבעט זע: Україна, 1928, № 28, 138-151.

גאָווער פּאָדסטאָלי פּאַוועל באָזשענצקי (Borzęcki) געליִען דעם פֿירשט יערעמי וויִשניעוועצקי 12.000 גילדן און דערפֿאַר האָט ער באַקומען אויף דרײַ יאָר צײַט אַ משכּון די אַרענדע פֿון דעם שטעטל Złotonosza. אין קאָנטראַקט ווערט געזאָגט, אַז אַלע הכּנסות, אַרענדע פֿון שענקען, ברויערײַען, און אויך די אונטערטאַנער, באָיאַרן, פּויערים אאַז״וו, זײַנען אין רשות פֿון דעם אַרענדאַר. אויב דער בעל־הבית (וויִשנעוועצקי) וועט צום טערמין ניט אויסקויפֿן זײַן פֿאַרמשכּונטן מאַיאָנטעק, ווערט די דאָזיקע אַרענדע אויטאָמאַטיש פֿאַרלענגערט אויף נאָך דרײַ יאָר. דאָס שטעטל קען אָבער ניט אויסגעקויפֿט ווערן פֿאַרן טערמין. די מלוכה־שטײַערן צאָלט דער אַרענדאַר, אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה אָדער אין פֿאַל ווען די פּויערים וועלן זיך צעלויפֿן — דאַרף דער בעל־הבית „באַפֿעלקערן“ די אַרענדירטע טעריטאָריע[9]. אַזעלכע משכּון־אַרענדעס זײַנען די ייִדן ניט געווען צום האַרצן, ווײַל מען האָט געמוזט אַליין זײַן אַ בעל־הבית פֿון אַ מאַיאָנטעק כּדי צו קענען גוט אַגריקולטור. דעריבער האָט זיך דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט ניט אַנגאַזשירט אין משכּון־אַרענדעס. דער מיטעלער ייִדישער אונטערנעמער פֿלעגט אָבער אין אַזאַ משכּון־אַרענדע אַרענדירן אַ געוויסע הכּנסה, ווי שענקערײַ, ברויערײַ אאַז״וו.

די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן אין אוקראַיִנע האָבן אין דער תּקופֿה פֿון אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע געזוכט אַ גיכן און וואָס מער הכנסהדיקן אומזאַץ פֿון זייערע קאַפּיטאַלן, וואָס מען האָט ניט געקענט פֿאַרויסזען פֿון ערדאַרבעט, אַפֿילו מיט פֿאַרשקלאַפֿטע פּויערים ווי אַרבעטסהענט. דאָרטן ווו מען באַגעגנט אַ בשותּפֿותדיקע אַרענדע צווישן אַ פּאָליאַק און אַ ייִד, איז דער פּוילישער קאַפּיטאַליסט פֿאַרבונדן מיט דער אַגריקולטורעלער זײַט פֿון אַרענדע־אונטערנעמונג, און דער ייִדישער — מיט דער קאָמערציעלער.

---

[9] Tomkiewicz, Ieremi Wiśniowiecki, Warszawa 1934, 96.

אין דער ערשטער פּיאָנירישער תּקופה פֿון קאָלאָניזאַציע איז די אַרענדע־ווירטשאַפֿט אָנגעקומען לײַכט. די ראַנדגעביטן פֿון פּוילן האָבן געהאַט אַ שיטערע באַפֿעלקערונג, און ממילא זײַנען די אַרענדע־פּרײַזן געווען וואָלוועלע און די קאָנקורענץ נאָך ניט קיין שטאַרקע. לויט די אויסרעכענונגען פֿון פּוילישן עקאָנאָמיסט רוטקאָווסקי האָט פּוילן געציילט פֿאַרן יאָר 1648 3,8 מיליאָן נפֿשות. פֿון זיי האָבן 392.000 געוווינט אין וואָלין און פּאָדאָליע, 545.000 — אין אוקראַיִנע און 573.000 אין רויטרײַסן. אין דורכ־שניט האָבן זיך געפֿונען אין רויטרײַסן 8 נפֿשות אויף איין קוו׳־קילאָמעטער לאַנד, אין וואָלין און פּאָדאָליע — 8, אין גרויס־פּוילן — 14 און אין אוקראַיִנע נאָר — 3[10]. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס אוקראַיִנע איז געוואָרן אַזוי גיך דער אָביעקט פֿון אַן אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע.

די גרויסע שטחים לאַנד זײַנען געווען דאָס אייגנטום פֿון איינצלנע מאַגנאַטן. לויט אַן אויספֿאָרשונג פֿון אַן אוקראַיִנישן געלערנטן איז גאַנץ וואָלין געווען אין יאָר 1629 דאָס אייגנטום פֿון אַ פּאָר מאַגנאַטן. 56,9% פֿון אַלע שטיבער (קוימנס — dymy) האָבן געהערט צו דרײַצן מאַגנאַטן. 4900 נפֿשות זײַנען געווען אין דעם קלאַס פֿון פּריווילעגירטע און האָבן ניט געצאָלט קיין שום שטײַערן, בעת 650.760 נפֿשות האָבן געמוזט צאָלן דעם „פּאָדימנע"־שטײַער[11].

די וואָלינער מאַגנאַטן האָבן ניט געקענט פֿאַרוואַלטן איבער אַזעלכע גרויסע נחלאות ערד. פֿאַר זיי איז אַרענדע ווי אַ קאָמער־ציעלע אונטערנעמונג געווען אַ גרויסע ברכה. זיי פֿלעגן לײַען געלט בײַ ייִדן, וואָס, ווערנדיק באַנקירן פֿון די פּאַל אַקן, האָבן זיי אַרײַנגעטראָגן אַ ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿלעבונג אין וואָלין. די

---

[10] Rutkowski I., Zarys gospodarczych dziejów Polski, 1923, 113.

[11] Ол. Баранович, Залюднення України перед Хмельниччиною. 1. Волиньське воїводство. Київ 1931.

ייִדן האָבן פאַרבונדן וואָלין מיט קרוינפּוילן און באַזונדערס אין האַנדל מיט תּבֿואה זײַנען זיי ווי פאַרמיטלער דערגאַנגען אַזש ביז דאַנציק. לויט אַן אויסדרוק פון אַ פּוילישער היסטאָריקערין האָט אַ דאַנק דעם ייִדישן קאַפּיטאַל געבליט די פּוילישע קולטור אין וואָלין[12].

צו ווײַזן, ווי גיך עס איז געוואַקסן די ייִדישע באַפעלקערונג אין וואָלין, קען דינען דער בײַשפּיל פון אַלט־קאָנסטאַנטין. אין 1603 האָט די דאָזיקע שטאָט געציילט 4 ייִדישע שטיבער אויפן מאַרק (ד״ה אין צענטער שטאָט), בעת אין 1635 — שוין גאַנצע 130[13].

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אַלע שטעט אין דער ברייטער אוקראַיִנע. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקטער געלטווירטשאַפט, וואָס איז ווײַטער געווען פאַרבונדן מיטן אימפּאָרט און עקספּאָרט אין האַנדל.

זינט דעם 16טן י״ה הייבט זיך אָן דער תּבֿואה-עקספּאָרט פון ליטע קיין דאַנציק, קעניגסבערג און ריגע. דער האַנדל מיט געהילץ, פּאָטאַש, ברעטער, סמאָלע אאַז״וו קאָנצענטרירט זיך אין אַ פּאָר שטעט, ווי קיעוו, לוצק אאַז״וו.

אין 1545 האָט וואָלין למשל געהאַט 57 פּלעצער, ווו מען האָט געגומען גרענעץ־אָפּצאָל, דאָס איז אַ באַווײַז, אַז געלטהאַנדל האָט זיך דאָרטן אויסגעאַרבעט לויטן מוסטער פון מערבֿ־אייראָפּע בעתן מיטלעלטער, ד״ה אַז דער האַנדל איז געווען אויסגערעכנט אויף דעם קליינעם לאָקאַלן מאַרק[14]. עס איז אַ טיפּישע פעאָדאַלע

---

[12] Anna Dembińska, Wpływy kultury polskiej na Wołyń w XVI w. (Prace Kom. Hist. Pozn. Tow. Przyjaciół Nauk, VII, 1933, 15).

[13] Ол. Баранович, Панське місто за часів польської держави, Старий Константинів. З. Іст.-Філ. Відділу Укр. Ак. Н., XVII. (1928); idem, З історії заселення південної Волини, ibidem, VI, 1925, 10—19.

[14] Ярошевич, о. с.

ווירטשאַפֿט. עס וואַקסט די צאָל ירידים גראָדנע האָט למשל אין 16טן י"ה דרײַ ירידים אַ יאָר. קאַמענעץ, ווילנע באַקומען אַ נאָמען אַ דאַנק זייערע ירידים מיט טוך.

אַלע שטײַערן און התחײַבֿותן ווערן אַריבערגעטראָגן גאָר גיך פֿון נאַטור-אָפּצאָלונגען אויף געלט. ממילא וואַקסן די פּרײַזן אויף אַרענדעס. דאָס געלט ווערט ווערט וועלוועלער. שפּירות ווערן געהעכערט. די ערדרענטע וואַקסט, אויך די מלוכה-שטײַערן. די ציַנזן פֿאַלן אויף די פּלייצעס פֿון די פּויערים.

כּל זמן דער ייִד דער קאַפּיטאַליסט האָט געהאַט דעם שוץ פֿון מאַגנאַט, האָט ער געקענט אויספֿירן די התחײַבֿותן און פּרײַ עקספּלואַטירן די אַרענדירטע מאַיאָנטקעס. אָבער דער קאָנפֿליקט צווישן דער מיטלער און קלענערער שליאַכטע און די מאַגנאַטן האָט געמוזט אַרײַנברענגען אַ שאַרפֿע ענדערונג. אין דער אַקומולאַציע פֿון ערד האָט דער מאַגנאַט ביסלעכווײַז אַרויסגעשטויסן דעם קלענערן ערד-אייגנטימער. די דאָזיקע אַרויסגעשטויסענע „שטיפֿברידער פֿון אַדלקלאַס" האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די זעלביקע געביטן, וואָס די ייִדן האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט אונטער דעם שוץ פֿון די מאַגנאַטן, ד"ה אַרענדע פֿון „אָטקופּ", שטײַער-הכּנסות, סײַ מלוכהשע, סײַ מאַגנאַטישע. אויף די סיימיקעס האָט די קלענערע שליאַכטע אָנגענומען אַ רײ באַשלוסן קעגן די ייִדישע מאָנאָפּאָלן אין אוקראַינע. מען קעמפֿט קעגן די ייִדן מיט פּאָגראָמען, בלוט-בלבולים און אַנדערע מיטלען [15]. אַ טייל פֿון דער גאָר דעקלאַסירטער שליאַכטע ווערט פֿאַרשלונגען פֿון דעם אַלץ וואַקסנדיקן מיטלשטאַנד-קלאַס אין די פּילצאָליקע אוקראַיִנישע שטעט און ווערט אַפֿילו מיט דער צײַט די אָנפֿירערין פֿון דעם טאָפּלטן קאַמף קעגן די מאַגנאַטן און די ייִדן.

15 דער דאָזיקער ענין ווערט זייער גוט געשילדערט בײַ:
И. Берлин, Историческія судьбы еврейскаго народа на территоріи русскаго государства. Петербург, 1919, 182 sq.

די ייִדן, וואָס זײַנען ניט קיין אַרענדאַרן, פֿירן אויס די פֿונקציעס פֿון די מאַגנאַטישע האַנדלס-אַגענטן. זיי פֿירן סחורות פֿרײַ פֿון צאָל, ווײַל עס איז באַשטימט כּלומרשט פֿאַר די מאַגנאַטן. דערפֿאַר פֿאַרקויפֿן זיי וועלוועלער און קענען קאָנקורירן מיט די קריסטלעכע סוחרים. די צאָל ייִדישע סוחרים וואַקסט, ווײַל די צאָל גרויסע אַרענדעס ווערט קלענער. אין אָנהייב 17טן י״ה איז שוין אַרענדע אַ טײַערער ביסן, און דערפֿאַר אינוועסטירן ייִדישע קאַפּיטאַליסטן געלט אין קלענערע מאַיאָנטקעס און זעלטן שוין אין גרעסערע אַרענדע-אָפּעראַציעס. אויף 152 אַרענדע-אַקטן פֿון יענער תּקופֿה זײַנען נאָר 14 — ייִדישע. אמת, עס זײַנען נאָך אַלץ פֿאַראַן גרויסע ייִדישע קאַפּיטאַליסטן. אַזוי למשל געפֿינען מיר אין 1622 ייִדן, וואָס אַרענדירן גאַנצע סטאַראָסטוועס, ווי קאָרסון, באָהוסלאַוו, ביאַלאָצערקעוו און לובעצק. די דאָזיקע אַרענדעס זײַנען ניט געווען פֿאַרבונדן מיט דער פֿאָלוואַרק-סיסטעם, ווײַל די פּויערים זײַנען געזעסן אין די „סלאָבאָדעס״ און ניט געהאַט קיין שום התחײַבֿותן לגבי די אַרענדאַרן. די אַרענדאַרן האָבן עקספּלואַטירט די נאַטירלעכע רײַכטימער, ווי סעליטרע, אויסברענען פּאָטאַש, אַרענדירט די שענקען, מילן, דעם טראַנספּאָרט, דאָס אויפֿמאָנען שטײַערן און אויך אויסגעפֿירט די יוריסדיקציע פֿון די סטאַראָסטעס[16]. דעם פּאָטאַש אין באָהוסלאַוו למשל אַרענדירט אַ ייִד קאָפּל, וועלכער איז אויך דער אַרענדאַר פֿון די סטאַראָסטוועס קאַניעוו און באָהוסלאַוו אויף צוויי יאָר.[17]

וואָס עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, איז די קורצטערמיניקייט פֿון די אַרענדעס. אין 16טן י״ה אין דער תּקופֿה פֿון אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע זײַנען די ייִדישע אַרענדעס לאַנגטערמיניקע. אין דער תּקופֿה פֿון דער ערשטער העלפֿט 17טן י״ה—

16 Jabłonowski, Źródła dziejowe, XXII, 380.

17 Jabłonowski, Źródła dziejowe, V (1877), 136.

עלֿ פּי רובֿ — שוין קורצטערמיניקע. דאָס איז געשען דערפֿאַר וואָס די זיכערקייט פֿון יורידישער שוץ איז קלענער געוואָרן און די אינטערווענץ פֿון דער מלוכה איז גרעסער געוואָרן. די מלוכה וויל באַשיצן דעם שטאָטישן מיטלשטאַנד און די שליאַכטע קעגן די ווײַט געצילטע שטאַנדישע אינטערעסן פֿון די מאַגנאַטן. די שטאָט אין אוקראַינע פֿאַרלירט איר באַטײַט, ווײַל דער מאַגנאַט האָט אין זײַן מאַיאָנטעק אַן אייגענעם מיטלשטאַנד, ד״ה די ייִדן. אַלע ווירטשאַפֿטלעכע פֿונקציעס ווערן געדעקט פֿון די ייִדן[18]. די מעשטשאַנעס מיט דער שליאַכטע אָרגאַניזירן זיך קעגן די מאַגנאַטן און קעגן די סטאַראָסטעס, וואָס ווערן פֿון זיי קאָנטראָלירט. עס הייבן זיך אָן צו מערן גזירות אויף ייִדן, וואָס זײַנען איצט צו זייער אומגליק מער קאָנצענטרירט אין די שטעט.

אין דער תּקופֿה פֿון 1570 ביז 1630 קומט פֿאָר די לעצטע ייִדישע אימיגראַציע אין די מזרח־טיילן פֿון אוקראַינע. עס שאַפֿן זיך נײַע צענטערס. די ייִדן קומען אַלץ נענטער און נענטער צו דער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער כמעלניטשינע.

אין 1623 ווערט די ייִדן פֿאַרבאָטן זיך צו באַזעצן אין טשערניגאָווער און נאָווגאָראָד־סעווערסקער קרײַז, ווײַל זיי שטערן אין האַנדל די דאָרטיקע קריסטן[19]. 1627 האָבן די מיליטער־לײַט פֿון ביאַלאָצערקעוו דערלאַנגט דעם קיניג אַ בקשה אין וועלכער זיי שרײַבן אַזוי: „די אוקראַינער שלעסער אַדמיניסטרירט פֿון ייִדן זײַנען אויף אייביק חרובֿ מיט אַן אומגעהײַערן היזק פֿאַר אײַער מאַיעסטעט און פֿאַר דער רעפּובליק, קיין סטאַראָסטע זעט מען דאָרטן ניט, ווײַל זיי האָבן גענוג און נעמען נאָך מער אין זכות פֿון אײַער מאַיעסטעט. האָט דער אָרעמער זעלנער געהיט דעם שלאָס, וואָס עס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן פֿון אײַער מאַיעסטעט און דער ייִד איז געוואָרן אַ שותּף

18 Історія України, том I, Київ 1932, 97 .(אַ קאָלעקטיווע ארבעט)
19 Кіевская Старина, 1883, I, 214—215.

צו די קיניגלעכע חסדים און צו זײַנע (דעם זעלנערס) בלוטיקע פֿאַרדינסטן״.[20]

אין קיעוו האָט מען אָנגעהויבן באַקעמפֿן אַפֿילו ייִדישע שחיטה. אמת, דער מיטראָפּאָליט פּיאָטר מאָגילאַ האָט אַרויסגעגעבן אַ כּרוז, אין װעלכן עס װערט דערלויבט ייִדן זיך צו באַנוצן מיט שחיטה און עס װערט אויפֿגעפֿאָדערט, אַז די קריסטן זאָלן ניט רודפֿן די ייִדן, װײַל דער קריסטלעכער סוחר האַנדלט מיטן ייִדישן.[21] דער דאָזיקער פֿאַקט, װאָס װערט געבראַכט אין אַ סך מקורים, איז אין אַ סתּירה מיטן באַשלוס פֿון קיעװער סאָבאָר פֿון 1640, אַז מען זאָל ניט קויפֿן קיין פֿלייש בײַ ייִדן.[22]

ייִדן װערן באַגרענעצט אין זייער רעכט אין אַ רײ ראַנדשטעט. דערבײַ אָבער װערט אויך פֿאַרשאַרפֿט דער קאַמף פֿון דער שליאַכטע פֿאַרן רעכט צו האַנדלען און האַלטן שענקען אין די שטעט (קאָנסטיטוציע פֿון 1633) [23]. דער מיטלשטאַנד איז צופֿרידן פֿון דער אינטערװענץ פֿון דער מלוכה, די מאַגנאַטן זעען אָבער אין דעם אַן אַטאַקע אויף זייערע „גאָלדענע פֿרײַהייטן״.

געדריקט פֿון אַלע זײַטן האָט דער ייִד אין אוקראַינע אַלץ מער און מער אַראָפּגענידערט עקאָנאָמיש. די יידישע אַרענדעס װערן קלענער, װײַל די פּרײַזן װערן גרעסער. אין פּרײַז קומט שוין אַרײַן דער שכר פֿאַר דער יורידישער באַשיצונג קעגן רדיפֿות, װאָס האָט קיין שום האַפֿט מער ניט געהאַט. אין דער אַרענדע װערט שוין דעם פּויערס אַרבעט דער עיקרדיקער אָביעקט,

---

[20] Lipiński. Z dziejów Ukrainy, Kijów 1912, 358.

[21] Н. Галантъ, Кіевская Старина V, 1905, 149–152; Слабченко, Малорусскій полк, 161.

[22] Грушевський, Історія України - Руси, VIII, част. II, 91.

[23] Starczewski E., Możnowładztwo polskie na tle dziejów, 1914, 192. דער מחבר שטיצט זיך אויף האַנאָווער, באַזונדערס אין זײַן כאַראַקטעריסטיק פֿון פֿירשט דאָמיניק זאַסלאַווסקי, ווי אַ געגנער פֿון וױשנעװעצקי. דאָס איז היסטאָריש ניט ריכטיק.

ווײַל זי איז דער סאַמע הכנסהדיקער טייל פֿון דער אונטערנעמונג. ערדאַרבעט ווערט שטאַרקער קאָמערציאַליזירט, אַנטוויקלט זיך ווי אַ פּרנסה, ווי אַן אַרטיקל פֿאַר עקספּאָרט. דערפֿאַר האָט די צוואַנגסאַרבעט געמוזט פֿאַרשטאַרקט ווערן. די קאָנקורענץ צווישן ייִדישע אַרענדאַרן ווערט אַלץ פּאַרביסענער. כּדי צו באַקומען אַן אַרענדע, מוז מען צאָלן גרעסערע געלטער. מען שרויפֿט די פּרײַזן פֿון אַרענדע און מען מוז דערפֿאַר מער עקספּלואַטירן, כּדי דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל זאָל אַרײַנברענגען דעם נייטיקן ריווח. דאָס געזעץ פֿון חזקה פֿאַרלירט זײַן חשיבֿות. דעם קאַמף פֿאַר „מערוועט" ברעכט אַלע דינים און מנהגים.

פֿרומקייט פֿאַלט. שמדן זיך ווערט אַן אָפּטע דערשײַנונג. עס שמדן זיך שענקערס, אַרענדאַרן. אייניקע פֿון זיי ווערן אַפֿילו אָנפֿירערס פֿון רויבער-באַנדעס, אַנדערע אַרבעטן זיך אַרויף אַזוי הויך, אַז זיי שווימען אַרויס ווי פּולקאָווניקעס, אַטאַמאַנען און אַפֿילו קעפּ פֿון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך. שווער אָנצוציילן די משומדים אין אוקראַינע פֿון יענער תּקופֿה, אָבער זייער צאָל איז גאָר אַ חשובֿע[24]. ייִדישע בחורים פֿון אוקראַינע, וואָס לויפֿן צו די קאָזאַקן, טוען דאָס אויך כּדי ניט דערטרונקען צו ווערן אין דעם מבול פֿון אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן חורבן. אין 1642

---

[24] Ор. Левицкій, Очерки народной жизни в Малороссіи во второй половинѣ XVII ст., Кіев 1902, p. 307: „многіе из таких „перехрыстов" сдѣлались родоначальниками старшинских (впослѣдствіи дворянских) фамилій в Малороссіи".

פּאַוולאַ פֿון אַלעפּאָ דערמאָנט דעם פּאָלטאַווער פּולקאָווניק, Павел Герцик, אַ זון פֿון אַ ייִדישן קאָראַבייניק אין פּאָלטאַווע A. Ю. З. Р., III (1914), № 37, 45.

וועגן די פּראַוואָסלאַווע ביסקופּן קינדער פֿון ייִדישע שענקערס זע: Щербина, Кіевская Старина, 1885, 2; Записки Тов. Шевченко, VII, 4-5; Орловскій, Кіевскія Епархіальныя Вѣдомости, 1894. — זע אויך „ייִוואָ-בלעטער" I, 356.

באַקלאָגט זיך אַ רבֿ, אַז ייִדן פֿאַרקויפֿן בראָנפֿן שבת און יום-טובֿ[25]. ר׳ משה רבקש, אַ באַרימטער תּלמודיסט, אַ מיטצײַטלער פֿון דער כמעלניטשינע, האָט אין זײַנעם אַ ספֿר געשריבן אַזוי:

„ואני כתבתי זאת לדורות שראיתי רבים גדלו והעשירו מן טעות שהטעו את אינו יהודי ולא הצליחו וירדו נכסיהם לטמיון ולא הניחו אחריהם ברכה. ורבים אשר קדשו השם והחזירו את טעות אינו יהודי בדבר חשוב גדלו והצליחו והניחו יתרם לעולליהם“[26]. און אין אַ ייִדישן קלאָגליד פֿון 1648 לייענען מיר, אַז:

פֿון ווּעשטוּועגן איז דיא גזרה גיקומין
ווײַל דער רייכה האט דען ארמן ניט אנגנומין[27].

אַן אוקראַיִנישער היסטאָריקער כאַראַקטעריזירט דעם קאָנ-פֿליקט צווישן שטאָט און מאַגנאַטישן הויף, אין וועלכן דער ייִד איז געווען דער הויפּט-אינסטרומענט אויף אַזאַ אופֿן: לגבי דער מלוכה, וואָס איר פֿאַרטרעטערין איז געווען די סטאַראָסטווע, איז דער ייִד אין אוקראַיִנע געווען דער צעשטערער, אָבער פֿאַר דעם סטאַראָסטע גופֿא, ד״ה פֿאַר דעם פּערזענלעכן פֿאַרטרעטער פֿון דעם מאַגנאַט, איז דער ייִד געווען זייער נוצלעך, ווײַל ער האָט געהאַט אַלע מאָל גרייט געלט, איז געווען גרייט צו קויפֿן און אַרענדירן, פֿאַר אַלץ האָט ער געצאָלט אין פֿאָרויס מיט מזומן. ער האָט אָבער געפֿאָדערט איין זאַך: אָנשרעקן דעם פּויער, אַז יענער זאָל מורא האָבן צו טון עפּעס, וואָס זאָל פֿאַרקלענערן דעם ייִדנס הכנסה[28].

לעצטנס אויך: М. Слабченко, Организация хозяйства Украины III, 1923, 175.

25 איך ציטיר לויט: И. Г. Оршанскій, Евреи в Россіи, 373. זע אויך: פּנקס מדינת ליטא, סימן שנ״ח (1639) און תק״ל (1662).

26 Graetz, Geschichte der Juden, X, 1868, 64.

27 מ. ווײַנרײַך, בילדער פֿון דער אלטער ייִדישער ליטעראטור, זײַט 217.

28 Ефименко, Южная Русь, 1905, 56.

אַזוי אַרום האָבן מיר אין יענער צײַט אַ טיפּע עקאָנאָמישע דיפּערענציאַציע. פּריצים און ייִדן, שוואַכערע קאַפּיטאַליסטיש, ווערן צעמאָלן אונטער די רעדער פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונגס-מאַשין אין אוקראַינע. פּוילישע פּריצים ווערן מעשטשאַנעס און אַפילו קאָזאַקן; ייִדישע אַרענדאַרן ווערן יורדים און פאַרוואַנדלען זיך אין קליינע אַרענדאַרן, פּאַכטערס, שענקערס, בעלי-מלאָכות אאַז״וו[29]. דער רובֿ מנין פון די אוקראַינער ייִדן איז געוועזן אָרעם שוין ערבֿ דער כמעלניטשינע און האָט געפירט אַ קלאָגעדיקע עקאָנאָמישע עקסיסטענץ און זיך געשלעפּט אין עק פון די איינצלנע מגושמדיקע ייִדישע קאַפּיטאַליסטן.

אין די שטעט וואַקסט דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס קען ניט געצאַמט ווערן דורך דער צענטראַלער מאַכט. דער מאַגנאַט, ווי אַ ווישנעוועצקי, וועט נאָך פאַרטיידיקן „זײַנע" ייִדן, ווײַל זייער ירידה איז זײַן היזק. אָבער די היפּוכים ווערן שאַרפער, און ממילא איז דער אַנטאַגאָניזם אַ קאָמפּליצירטערער. מען רעדט שוין ניט פון קאַמף קעגן ייִדן און שליאַכטע, נאָר מען הערט שוין דיבורים וועגן פאַרטיידיקן דעם פּראַוואָסלאַוונעם-אוקראַאינישן האַנדלסקלאַס קעגן דער קאָנקורענץ פון פּלינקן ייִד, הינטער וועמען עס שטייט דער מאַגנאַט[29a].

וואָס שטאַרקער עס ווערט דער אינדיפערענטיזם פון דער פּוילישער מאַכט לגבי די אינעווייניקסטע סיכסוכים אין די אוקראַאינישע שטעט, סיכסוכים, וואָס אויך דער אַרמענישער סוחר

---

[29] וועגן ייִדן שענקערס פון יענער תקופה געפינען מיר בײַ הרושעווסקי (באַנד VIII, טייל III, 23) אַזאַ ציטאַטע:

„Козаки не маючи чим платити горілки та меду, дочок заставляли і ті побахуровалися".

[29a] ווימינאַ (Vimina) שרײַבט אין זײַן: Storia delle guerre civile di Polonia, Venetia 1671 אַז די גלחים האָבן גערופן צום קאַמף און האָבן געזאָגט, אַז די ייִדן זײַנען פאַר די פּריצים וויכטיקער ווי די קריסטן און אונטער זייער שוץ גייט אָן די עקספּלואַטאַציע.

פֿאַלט אין זיי אַ קרבן, אַלץ שטאַרקער איז די כוואַליע פֿון שנאה צום ייִדן. דאָס זעלבע זעען מיר אין דאָרף, ווו דער ייִד, דער „טאָפּלמאַן פֿון שליאַכטשיץ"[30], ווערט באַטראַכט ווי אַן אַגענט פֿון די עקאָנאָמען און די מאַגנאַטן.

„הגם די ייִדן — זאָגט דער אוקראַיִנישער היסטאָריקער באַראַנאָוויטש — זײַנען געווען צוגעדריקט פֿון דעם פּריצישן קלאַס אין זייער האַנדל און מלאָכה־טעטיקייט, אָבער זײַענדיק עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פֿון פּריץ, אַרומגערינגלט פֿון אַ פֿײַנטלעכן פּויערטום און בירגערטום, וואָס האָט געברענט מיט אַ גרעסערער שנאה צו די ייִדן ווי די פּריצים, האָבן זיי זיך געמוזט אָנשפּאַרן אין דעם לאַגער פֿון די פּריצים"[31]. די דאָזיקע אָריענטאַציע אויף דער פּריצישער מאַכט, וואָס איז געווען זייער פֿײַנטלעך רעליגיעז, נאַציאָנאַל און עקאָנאָמיש, איז געווען די סאַמע טראַגישסטע פּאָליטישע אָריענטאַציע, וואָס די ייִדן האָבן געקענט האָבן צו יענער צײַט און וואָס איז אַזוי בולט פֿון האַנאָווערס רייד וועגן די ווישנעוועצקיס, די פֿלומרשטע „אוהבֿי ישראל". די געשיכטע האָט שוין איר פּסק־דין וועגן דעם אַרויסגעגעבן, אַ פּסק־דין וואָס שטימט ניט מיט האַנאָווערס פּאָליטישן קוק[32].

---

30 אַן אויסדרוק פֿון Житецкій אין Кіевская Старина 73, 1901

31 О. Баранович, Панське місто за польської держави. З. І. Ф. В., XVII, 1928, 22.

זע אויך: М. Ткаченко, Гуманщина в XVI – XVII в. в. З. І. Ф. В. XI (1927), 27.

32 צו דעם ענין ווישנעוועצקי און די ייִדן זע:

Jakób Schall אין Miesięcznik Żydowski 1934, 3, 264–268.

ער פֿאַרטיידיקט האַנאָווערס אָריענטאַציע קעגן ד"ר א. גורקאַס קריטיק.

די וויכטיקסטע ליטעראַטור אָנגעגעבן בײַ:

M. Korduba, Jeremias Wiśniowiecki im Lichte der neuer Forschung. Zeitschrift für osteuropäische Geschichte, VIII, Heft 2.

III

וועגן די סיבות פֿון די קאָזאַקישע מלחמות

פון וועשט וועגן איז דיא גזרה גיקומין?
ווייל דער רייכה האט דען ארמן ניט אן גנומין.
(פֿין אַ יִדישער קינה איף גזירת ת״ח)

שוין אין 1630 הערן מיר אַ טענה, אַז „דאָס הפֿקרות (самоволя) פֿאַרשפּרייט זיך פֿון די יִדישע אַרענדעס"[1]. קושעוויטש גיט אָן, חוץ אַנדערע סיבות, אויך די „אומרחמנותדיקע שינדערײַען פֿון די יִדן"[2]. דער הויף־היסטאָריקער קאָכאָווסקי שרײַבט, אַז „די הערשאַפֿט פֿון דעם געמלטן יִדישן שטאַם מאַכט די לאַגע נאָך מער אומדערטרעגלעך"[3]. דער כראָניקער Самовидець, וואָס הרושעווסקי האַלט פֿון אים, אַז ער שטעלט פֿאַר

---

[1] Грушевський, Історія України-Руси, VIII, p. I, 1922, 127.

[2] Архив Ю. З. Р., III, 16.
קושעוויטש (1607—1686) איז געווען אַ לעמבערגער ראַטמאַן, אַן עדות פֿין כמעלניצקיס באַלעגערונג פֿון זײַן שטאָט. זע וועגן אים:
С. Томашівський, Самуіл Казимир Кушевич і його записна книжка (З. Н. Т. Ш. XV, 1—24); B. Glodtowa, S. Kusiewicz, życie i działalność kulturalna (Prace Historyczne, Lwów 1929, 283 - 294) זײַנע בריוו פֿין לעמבערג קיין ווארשע, זייער וויכטיקע פֿאַר יִדישע ענינים, זײַנען געדרוקט אין Жерела, VI ,107–122 ibid., IV passim

[3] Annalium Poloniae... Climacteres, Cracoviae 1683.
אויך ציטירט ביי הרושעווסקי, דצ"וו, באַנד VIII, טייל II, 120—121.

רעאַליסטיש די לאַגע אין 1648, באַמערקט, אַז דאָס רודפן פּראַ-װאָסלאַװיע, דאָס אָנטון נגישות די קאָזאַקן און די קריװדעס פון ייִדן אין שטעט האָבן גורם געװען די מלחמה[4]. דער דיאַק גרי-גאָרי קונאַקאָװ, אַ טיכטיקער מאָסקאָװיטישער קאָרעספּאָנדענט

[4] Грушевський, о. с. VII, 263; VIII, 80.

אַז דער Самовидець , מיט װעלכן די אוקראַיניש-רוסישע היסטאָריאָ-גראַפיע האָט אַזוי לאַנג שטאַלציִרט, איז אַ שפּעטערדיקע קאָמפּילאַציע, איז יעצט באַװיזן געװאָרן מיט ראיות ניט אָפּצושלאָגן. דערפאַר איז הרושעװסקיס אַטעסטאַציע װעגן אים אַן איבערגעטריבענע און אַ פאַרעלטערטע.

װיקטאָר ראָמאַנאָװסקי (Романовський) האָט פעסטגעשטעלט, אַז די טאָגבוכער פון Зорка, די כראָניקעס פון Величко, Грабянка, Ерлич—די ביז איצט װיכטיקסטע מקורים פאַר דער תקופה פון כמעלניטשינע זײַנען היסטאָריש װייניק װערט. דער מחבר פון Самовидець איז געװען ראָמאַן ראַקושקאַ ראָמאַנאָװסקי. ער האָט געשטאַמט פון סטאַראָ-דוב, איז געשטאָרבן אין 1703. זײַן כראָניק איז אָנגעשריבן ניט פריער װי 1672, און דער ערשטער אױטענטישער פאַקט שטאַמט פון 1655. דער טאָגבוך פון Зорка, דעם בלומרשטן סעקרעטאַר פון כמעלניצקין, װאָס איז אַרײַן אין װע-ליטשקאָס כראָניק, איז אַ פאַלסיפיקאַט. בכלל זײַנען אַ סך דאָקומענטן און כראָניקעס אוקראַיִנישע פאַלסיפיקאַטן אױפגעקומען אין אַ צײַט, װען די אוקראַיִנישע שליאַכטע האָט ראָמאַנטיזירט די גיט לאַנגע פאַרגאַנגענהייט.

די װיכטיקסטע נײַע ליטעראַטור:

В. Романовський, Хто був „Самовидець". Україна 1925, V, 60–73; М. Петровський, До питання про певність відомістей літопису Самовидця. Записки Ніженського Інституту Народної Осьвіти, VI (1926), 1–80; idem. Псевдо-діяріум Самуїла Зорки. Записки Іст. Фил. Відділу. Київ XVII, 161–204; Оглоблін, До питання про автора літопису Самовидця, ibidem, VII–VIII, 181–196; А. Ершов, Україна, XXXVII (1929) 142–145; М. Андрусян З.Н.Т.Ш, CXLIX, 1928, 189–194; М. Петровський. Нариси з історії України: Харків-Ніжень. 1930, 452 pp.; М. Возняк, Хто-ж автор т. зв. Літопису Самовидця. З.Н.Т.Ш. 153, 1–80.
(מיט גאָר אַנדערע היפּאָטעזן).

אַ קורצע (ניט קיין פולע) איבערזיכט אין:
Zeitschrift für Osteuropäische Geschichte, V, 1931, 561 – 564

פון יענער תקופה, שרײַבט אויך צו אַלץ דעם באַוועלן די קאָזאַקן מצד די ייִדן - אַרענדאַרן[5]. דער ליטווישער קאַנצלער אַלברעכט סטאַניסלאַוו ראַדזיוויל דערמאָנט ניט קיין ייִדן. ער שרײַבט, אַז הגם אין „אַנדערע לענדער קומען אויך פאָר אויפשטאַנדן, דאָך אין ערגעץ זײַנען זיי ניט אַזוי שטרענג, ווי בײַ אונדז אין פוילן, ווײַל אין ערגעץ דריקט מען ניט אַזוי די אונטערטאַנער, ווי בײַ אונדז" (אין פוילן)[6].

גראָנדסקי (Grondski) אַ שאַרפער אָבסערוואַטאָר פון די געשעענישן פון 1648, אַ פּאָליאַק מיט אַ פּראָקאָזאַקישער אָריענטאַציע, כאַראַקטעריזירט די לאַגע אַזוי: „דאָס רײַסישע פאָלק איז געווען אונטערגעדריקט. די פּאַנעס האָבן געצוווּנגען די זין (פון פאָלק) צו טון פאַרשיידענע אַרבעטן, און צוגלײַך האָט מען פון זייערע טאַטעס געפאָדערט, ווי דער מנהג איז געווען, אַרבעט און שטײַערן. ווער עס האָט געהאַט אַ סך זין, בײַ דעם האָט מען איינעם צוגענומען, ער זאָל אויספילן די געוויינטלעכע התחײַבותן פאַרן פּאַן, און פון אַנדערע חתונה - געהאַטע קינדער האָט מען גענומען יעדע וואָך אַ מטבע, וואָס האָט געהייסן „דודעק" און איז ווערט 6 אונגערישע גראָשן. די ייִדן האָבן דעם דאָזיקן שטײַער געזאַמלט און אויסגעצאָלט (די פּריצים). חוץ דעם אויב עס איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, בפרט אַ ייִנגל, איז כּדי דער פּאַן זאָל הנאה האָבן דערפון, וואָס עס פאַרמערן זיך

Л. Окиншевич, Нариси з соціяльно-економічної історії Укр., Київ 1932.

פאַראַן נאָך אַ מקור א"נ:

„Повѣсти о том, что случилось на Украинѣ, как она Литвою завладѣна" (Ершов) יערשאָוו האָט באַוויזן, אַז די גאַנצע כראָניק איז אַרויסגענומען פון אַ כיכל, וואָס איינער В. Рубан האָט אַרויסגעגעבן אין 1777. Cf. Зап. І. Ф. В. XI (1927), 1–10

[5] Регесты и надписи I, 875.

[6] A. S. Radziwiłł, Pamiętniki, wyd. Raczyńskiego, 1839, II, 391.

זײַן בײַ זײַנע פּויערים און כּדי אויסצומײַדן, אַז דער בחור, ווען ער וועט אויסוואַקסן, זאָל זיך ניט פֿאַרשרײַבן צווישן די קאָזאַקן אָן דעם וויסן פֿון פּאַן,—האָט מען ניט דערלויבט אים צו טויפֿן, כּל זמן ער וועט ניט אײַנצאָלן די דאָזיקע מטבע. אויך ווען אַ מיידל האָט חתונה געהאַט, האָט זי ניט געקענט אָפּריכטן די חתונה, כּל-זמן דער „דודעק“ איז ניט באַצאָלט געוואָרן דעם פּאַן. לכתּחילה האָט דער שטײַער אויסגעזען צו זײַן אַ גרינגער, אָבער שפּעטער, מחמת דער ייִדישער דרייערײַ, איז ער אויסגעוואַקסן אין אַ שווערער לאַסט. ווײַל אַזוי באַלד ווי מען האָט געבראַכט דעם שטײַער פֿאַר טויפֿן אַ ייִנגל אָדער חתונה מאַכן אַ מיידל, האָט דער ייִד אויסטראַכטנדיק פֿאַרשיידענע מניעות אונטער פֿאַרשיידענע תּירוצים ניט גענומען באַלד דאָס געלט, נאָר מיט זײַן באַטירלעכער ספּריטנעקייט האָט ער געצוווּנגען זיך באַצאָלן מער. אויך אַנדערע דאָרפֿס-התחײַבֿותן זײַנען געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג, על-פּי רובֿ דערפֿאַר, ווײַל די שטײַערן זײַנען געווען אַרענדירט פֿון ייִדן, וועלכע האָבן לא די וואָס אויסגעטראַכט פֿאַרשיידענע הכנסות צום גרויסן שאָדן פֿון די פּויערים, נאָר זיי האָבן זיך גענומען דאָס רעכט צו משפּטן זיי“[7].

פֿון דער לאַנגער ציטאַטע פֿון גראָנדסקין איז אינטערעסאַנט דער פּונקט וועגן שטײַערן געצאָלט דעם ייִדן פֿאַר טויפֿן אַ ייִנגל. דער דאָזיקער מאָטיוו איז גוט באַקאַנט פֿון דער אוקראַינישער דומע וועגן 1648, ווו דאָס צאָלן אַ באַזונדער שטײַער דעם ייִדישן אַרענדאַר פֿאַרן רעכט צו טויפֿן אַ קינד ווערט פֿאַרבונדן מיט דער אַרענדע פֿון די צערקוועס מצד די ייִדן.

...Жиди-рандарі...

...На славній Україні всі козацькі церкви заорандовали

---

7 Grondski, o. c., 32 (ער האָט פֿאַרענדיקט זײַן כראָניק אין 1672). צו זײַן כאַראַקטעריסטיק פֿון פּוילישן צד זע: Prochaska, Nieco o Grądskim, Kwartalnik Historyczny, 1906, 498—502.

Которомуб то козаку, альбо мужику дав
Бог дитину появити,
То не йди до попа благословиться,
Да пійди до Жида-рандара, та полож шостак,
Щоб позволив церкву одчинити,
Тую дитину охрестити.

איך דאָס רעכט אויף חתונה האָבן וואָס גראַנדסקי דער־מאָנט ווערט געשילדערט אין דעם זעלביקן ליד:

Іщеж то которомуб то козаку альбо мужику
дав Бог дитину одружити
То не йди до попа благословиться,
Да пійди до Жида-рандара, та полож битий
тарель,
Щоб позволив церкву одчинити,
Тую дитину одружити.[8]

די דאָזיקע דומע, זיכער אַ שפּעטערדיקער ליטעראַרישער פּראָדוקט, וואָס איז אַרויס פֿון די קרײַזן פֿון קיעווער סעמינאַריסטן, ווי מיר וועלן דאָס באַווײַזן ווײַטער, שטימט אָבער אין תּוך מיט די באַשולדיקונגען, וואָס גראַנדסקי ברענגט אַרויס. עס איז אָן ספֿק באַאַרבעט געוואָרן לויט אים אָדער אַן אַנדער ענלעכן מקור. דער מקור האָט אויך געקענט זײַן אַ מיטצײַטלערישע בראָשור א"נ Fawor niebieski, געשריבן פֿון אַ קאַטוילישן גלח און אָפּגעדרוקט אין 1648, אין וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז אין אוקראַינע לאָזט מען ניט טויפֿן אַ פּראַוואָסלאַוונע קינד, כּל זמן מען באַצאָלט ניט דעם ייִדן אַ ספּעציעלן שטײַער. דער מחבר האַלט עס פֿאַר שעדלעך, „ווײַל די ייִדן זוכן קינדיש

---

[8] Ф. Колесса, Українські народні думи. Львів 1920, p. 137–138.

בלוט"[9]. דער דאָזיקער עדות איז אמת ניט שטאַרק פֿאַרלאָזלעך, ווײַל מיר ווייסן, אַז גראָד קאַטוילישע גלחים האָבן ניט געלאָזט טויפֿן קיין פּראַוואָסלאַוונע קינדער, כּל זמן מען וועט זיי ניט באַצאָלן קיין שטײַער.

לאָש (Łoś) דערציילט אין זײַנע זכרונות, אַז די סיבות פֿון דער קאָזאַקישער מלחמה זײַנען, חוץ די נגישות מצד די מאַ־גנאַטן, אויך דאָס ניט לאָזן טויפֿן אַ קינד אָן דער דערלויבעניש מצד דעם יִדישן אַרענדאַר. אָבער לאָש זאָגט בפֿירוש, אַז דער ייִד דער אַרענדאַר האָט עס געטאָן אונטערן דרוק פֿון מאַגנאַט, ווי דאָס איז צו זען פֿון דעם טעקסט: kozackiej wojny przyczyna była uciążenie ich od panów (magnatów) ruskich zbyteczne, tak dalece, że się i dzieci chrzcić nie godziło bez opowiedzi Żydów arendarzów, którym byli łakomi panowie na swe złe wymysły poarendowali intraty.[10] „רוסישע (רײַסישע) מאַגנאַטן" — מיינט דאָ דאָ פּױליִשע מאַגנאַטן אין אוקראַינע. לאָש פֿאַרבינדט די אַרענ־דעס פֿון צערקוועס מיט דער געלט־גײַציקייט פֿון די מאַגנאַטן, וואָס האָבן אַלץ געטאָן, אַבי פֿאַרגרעסערן זייערע הכנסות.

וועגן אַרענדעס פֿון צערקוועס דערציילט אויך דער פֿראַנ־צייזישער אינזשעניער באָפּלאַן (Beauplan), וועלכער האָט געבויט פֿעסטונגען פֿאַר די מאַגנאַטן אין אוקראַינע. ער זאָגט, אַז די ייִדן האָבן געהאַט די שליסלען צו די צערקוועס און ווען מען האָט באַדאַרפֿט טויפֿן אָדער באַגראָבן אַ קינד, האָט מען געמוזט צו זיי אָנקומען[11].

אין דער קאָמפּילאַטיווער כראָניק פֿון Григорій Гра-

---

[9] Łopaczinski, Z czasów wojen kozackich. Przegląd historyczny, 1909. דאָרטן איז אָנגעגעבן דער פֿולער, זייער לאַנגער נאָמען פֿון דער דאָזיקער זעלטענער בראָשורע.

[10] Pamiętniki Łosia, Kraków 1858, 2.

[11] Beauplan, Description de l'Ukraine, 1861, 17.

бянка (געשטאָרבן 1734) ווערט דערציילט, אַז די ייִדן האָט מען פאַרקויפט „גאָטס צערקוועס” און אַז מען האָט ניט געקענט טויפן אַ קינד אָן זייער דערלויבעניש, און פאַרשיידענע קירכן-מנהגים האָט מען אָפּגעגעבן די ייִדן אין אַרענדע”[12]. וועגן דער אַרענדע פון צערקוועס דערציילט אויך דער פריער ציטירטער Самовидець וואָס פון אים האָט גראַביאַנקאַ קאָפּירט ממש דעם טעקסט, וועלכער איז בשעתו אַרײַנגעגאַנגען אין האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס (געדרוקט ערשט אין 1846).

אין סאַמועל וועליטשקאָס (Величко) כראָניק, וואָס איז פול מיט אַפּאָקריפישע מקורים, אין וועלכע עס גלייבן נאָך איייניקע נאַציאָנאַליסטישע אוקראַיִנישע היסטאָריקער, איז צום באַדויערן ניטאָ דער קאַפּיטל וועגן די ייִדן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, ווי עס איז צו זען פון דעם גאַנצן תּוכן-הענינים, וועלכער איז אָפּגעהיט געוואָרן. די אַלגעמיינע כראָניק פאַרמאָגט אַ פּאָר איינצלהייטן וועגן ייִדן (די שחיטה אין טולטשין און נעמיראָוו, וועגן שבתי צבֿי). די דאָזיקע כראָניק איז לעצטנס דעמאַסקירט געוואָרן, ווי אַ זאַמלונג פון פאַנטאַסטישע מעשיות, הגם די היסטאָריקער אַנטאָנאָוויטש, קאָסטאָמאַראָוו און לאַזאַרעווסקי האָבן געגלייבט, אַז די דאָקומענטן אין דער דאָזיקער כראָניק זײַנען אויטענטיש. קאָמפּילירט אַרום 1730 וואָלט דער פאַרלאָרענער קאַפּיטל וועגן די ייִדן זיכער געהאַט אַזאַ מסופּקדיקן ווערט ווי די גאַנצע כראָניק האָט פאַר דער מאָדערנער אוקראַינישער היסטאָריאָגראַפיע[13].

---

[12] Г. Грабянка, Дѣйствія презѣльной и от начала поляков крвавшой небывалой брани Б. Хмѣльницкого... Кіев 1854, 30. וועגן דעם ווערט פון דעם מקור זע: Д. Дорошенко, Огляд української історіографії, Прага 1923, 29–30.

[13] С. Величко, Сказаніе о войнѣ козацкой з поляками. Кіев 1926. 64—1848 ערשטע אויסגאַבע Дорошенко, о. с., 24–29 (פאַרעלטערטע ידיעות)

אַלע איבעריקע אוקראַיִנישע כראָניקעס זײַנען ניט מער ווי שפּעטערדיקע ראָמאַנטישע דערציילונגען, פֿול מיט גוזמאות, פֿאַנ־טאַזיעס, קינסטלעכקייט און שטאַרקן סוביעקטיוויזם[14].

אַ דײַטשער כראָניקער שרײַבט גאָר, אַז ייִדן האָבן געהאַט השגחה איבער די... פֿעסטונגען, וואָס דאָס איז אַן אומזין[15].

דער סאַמע פּאָפּולערסטער טעקסט, וואָס ווערט אָפֿט ציטירט אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור, איז פֿון קאָכאָווסקי (Kochowski), וואָס זײַנע „אַנאַלן" זײַנען אַרויס אין 1683. ער שרײַבט אַזוי: „די מאַגנאַטן האָבן צוליב געלד אַרײַנגעפֿירט די ייִדן אין אַרענדעס און אַפֿילו אין די צערקוועס, צו וועלכע די ייִדן האָבן געהאַט די שליסלען. ווער עס האָט געוואָלט מאַכן אַ חתונה אָדער אַ טויף, האָט געמוזט באַצאָלן דעם ייִדן דעם אַרענדאַר"[16].

דער היסטאָריקער גאַלאַנט האָט זיך באַמיט צו באַווײַזן, אַז די אַרענדעס פֿון צערקוועס מצד די ייִדן איז סתם אַ בילבול. ער מאָטיווירט זײַן באַהויפּטונג מיט דעם, וואָס עס פֿעלן קאָנ־קרעטע דאָקומענטן, ד"ה מוסטערן פֿון אַרענדעס, אין וועלכע צערקוועס זאָלן דערמאָנט ווערן. דער איינציקער דאָקומענט פֿון 1596, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז אַ ייִד אַרענדירט בשותּפֿות מיט אַ פּאָליאַק אַ מאַיאָנטעק מיטן רעכט פֿון פּאַטראָנאַט איבער דער צערקווע, מאַכט ניט קלאָר, צו וועמען האָט געהערט די אַרענדע פֿון דער צערקווע, צום פּאָליאַק אָדער צום ייִדן[17]. אָבער

---

[14] Иконников, Опыт русской исторіографіи, II, 1560–1561.

[15] Pastorius, Historia belli Scythico - Cosaccici, 1652, 209.

[16] Pamiętniki do panowania Zygmunta III etc. Ed. Wójcicki. Warszawa 1846, I, 245, 255.

Kochowski, Annalium etc. Climacter primus. Cracoviae 1683.

[17] Галант, Арендовали-ли евреи православныя церкви на Украинѣ? Евр. Стар. I, 1909, 84.

דאָס איז נאָר געפּשטלט, ווײַל עס ווערן בכלל ניט אויסגעטיילט די פֿונקציעס בײַ אַרענדעס. ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, איז דער פּאָליאַק געווען געווײנטלעך דער אַגריקולטורעלער פֿאַרוואַלטער פֿון אַן אַרענדירטן מאַיאָנטעק און דער ייִד — דער קאָמערציעלער. די הכנסות פֿון אַ צערקווע האָבן געהערט צו דער קאָמערציעלער זײַט פֿון דער אַרענדע ווי אַן אונטערנעמונג, ד"ה צום ייִדן. גאַלאַנט האָט איבער פֿאַרשטענדלעכע אַפּאָלאָגעטישע מאָטיוון (זײַן אַרבעט איז געשריבן אין 1909, אין דער צײַט פֿון דער אַנטי-ייִדישער רעאַקציע אין צאַרישן רוסלאַנד) זיך באַמיט צו פֿאַרלײ ע.ען דעם פֿאַקט פֿון אַרענדעס פֿון צערקוועס. אָבער אונדז גייט אין דעם פֿאַל ניט אין אַפּאָלאָגיע, נאָר אין היסטאָרישן אמת, ווײַל ניט אין „רײנוואַשן" די ייִדן גייט דאָ, נאָר אין שילדערן דעם גאַנצן קנויל פֿון עקאָנאָמישע אינטערעסן, אין וועלכע דער ייִד איז געווען פֿאַרפּלאָנטערט, ווי אַ פֿליג אין די נעצן פֿון אַ שפּין.

עס איז אמת, אַז די אוקראַיִנישע פֿאָלקסלידער זײַנען ניט קיין פֿאַרלאָזלעכער מקור. דער זעלביקער קאָסטאָמאַראָוו, וואָס וויל דווקא האָבן, אַז ייִדן האָבן אַרענדירט צערקוועס אין אוק־ראַיִנע, זאָגט, אַז די „פֿאָלקס-טראַדיציעס וועגן ייִדישע אָטקופּן און אַרענדעס, וואָס זײַנען אַרײַן אין די דומעס, צייכענען זיך ניט אַלע מאָל אויס מיט אַ שטרענגער פּינקטלעכקייט און אמתדיקייט בנוגע פּרטים"[18]. און פֿראַנקאָ[19] באַמערקט, אַז וועגן אַרענדירן צערקוועס, וואָס ער האַלט פֿאַר דער סאַמע שרעקלעכסטער באַ־

[18] Костомарів, Науково-публіцистичні і полемічні писання, Київ 1928, 27.

ער ציטירט אויך אַ פֿראַנצייזישן מקור:

Solignack, Histoire de la Pologne, III, 267.

Костомаров, Собраніе сочиненій XXI (1905) 809

(וועגן דעם היסטאָרישן ווערט פֿון די היסטאָרישע דומקעס).

[19] Франко, Студії над українськими народними піснями. Львів 1913, 588.

שולדיקונג, שווײַגן אַלע מקורים ביז קאָכאָווסקי. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק.

אין דעם קאָמפּלעקס פֿון אַרענדאַרישע אינטערעסן איז די אַרענדע פֿון אַ צערקווע געווען פּונקט אַזאַ אינטעגראַלער טייל פֿון דער דאָזיקער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג, ווי דער צוואַנג צו קויפֿן בראָנפֿן אויף אַ טויף-יום-טובֿ אָדער חתונה בײַם ייִדישן שענקער, אָדער ווי דאָס רעכט צו משפּטן די פּויערים, וואָס די ייִדישע און ניט-ייִדישע אַרענדאַרן האָבן געהאַט. דער היסטאָריקער מאַקסימאָוויטש האַלט אויך, אַז ייִדן האָבן אַרענדירט צערקוועס, און קוקט אויף דעם ווי אויף אַ טייל פֿון דער ייִדישער צוואַנגס-פֿונקציע לגבי דעם פּוילישן מאַגנאַט.[20]

איינצלנע ידיעות וועגן דעם, אַז ייִדן האָבן געהאַט אויפֿזיכט איבער די קירכלעכע פֿונקציעס אין אוקראַינע, האָבן מיר אויך פֿון אַנדערשוווּ.

אַז אַ ייִד האָט געהאַט אַ פֿולמאַכט צו היטן אַ מאָנאַסטיר, איז באַקאַנט פֿון אַ דאָקומענט פֿון 16טן יאָרהונדערט.[21] אין אַ רודימענט פֿון אַ ייִדישן פֿאָלקסליד וועגן די גאָנטע-שחיטות (הײַדאַמאַטשינע) לייענען מיר, אַז די ייִדן האָבן געהאַט „די שליסלען פֿון די צערקוועס". אַ געוויסער צעלנער (Zöllner), וועלכער האָט באַזוכט גאַליציע אַרום 1780, דערמאָנט, אַז אין אייניקע ערטער אין מזרח-גאַליציע האָבן די ייִדן געהאַט אין אַרענדע דאָס קריסטלעכע טויפֿן. קאַרל עמיל פֿראַנצאָז באַמערקט וועגן דעם, אַז דאָס איז „ניט אומריכטיק, אָבער ניט

---

[20] Максимович, Собраніе сочиненій, Кіев 1876, I, 348–27

דער אַרטיקל הייסט: О причинах взаимнаго ожесточенія малороссіян и поляков в XVII в.

געשריבן אין 1857 און געדרוקט פֿריער אין:

Русская Бесѣда, IV, (1857) 35–61.

[21] Иконников, Опыт русской исторіографіи III, 1539 (порученіе еврею охраны монастыря).

גענוי״. ער דערקלערט, אַז דער „שליסלפאַכט״ אין אוקראַינע האָט זיך געענדיקט אַ צענדלינג יאָרן נאָך דעם, ווי דאָס לאַנד האָט זיך פאַראייניקט מיט רוסלאַנד. אַז אין זכרון פון פאָלק איז געבליבן אַ שפור פון דעם „שליסלפאַכט״, קען דינען אַ פאָלקסליד, וואָס פראַנצאָז ברענגט לײדער אין אַ דײַטשער איבערזעצונג, וואָס לײַענט זיך אויף ייִדיש אַזוי:

„הײַנט איז דער הײליקער פסח,
הײַנט ענדיקט זיך אונדזער פלאָג,
הײַנט קומט ענדלעך דער ייִד
מיטן שליסל אויפן הוט,
קומט צו גיין אין גיכן געלויף,
מאַכט די קירכנטירן אויף,
און מיר צאָלן דערפאַר — ביטערע פּײַן.
אַלע ייִדן, אַלע פאָליאַקן
זאָלן באַלד דער טײַוול כאַפּן[22].

נאָך אַלעמען איז אומגײטיק צו פאַרלײקענען אַ פאַקט, וואָס איז געווען אַ „רעזולטאַט פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער געלטווירטשאַפט, וועלכע האָט אַרויסגעשטופּט די פריערדיקע קלויסטערישע הכנסות, וואָס זײַנען באַשטאַנען פון די זעלביקע פּראָדוקטן, וואָס די נאַטוראַלע אָפּצאָלונגען״[23]. די עקספּלואַטאַציע פון מאָנאַסטירן אין אוקראַינע איז אַ באַקאַנטער היסטאָרישער פאַקט. כמעלניצקי האָט אָפּגעהיט די גאָלדענע פריווילעגיעס פון די רײַכע פּראַוואָסלאַוונע מאָנאַסטירן, ווו מען האָט עקספּלואַטירט דעם פויער מיט אַזאַ אַכזריות, אַז דווקא די קירכלעכע

[22] K. E. Franzos, Juden als Kirchen-Pächter. Zeitschrift für G. d. Juden in Deutschland IV, 1890, 373—377. זע אויך: שאצקי אין „ייִוואָ-בלעטער״, VII, 52.

[23] הײליקמאַן, דצ״וו 173. אויך ג. באַדער (דרײַסיק דורות פון אידען אין פוילען. ניו-יאָרק, 1927, ז׳ 154) נעמט אָן פאַר זיכער, אַז ייִדן האָבן אַרענדירט צערקווס.

פּויערים האָבן אָנגעפּילט די ראַדיקאַלע זשאַקעריע־אָפּטיילונגען פֿון מאַקסים קריוואָנאָס. די געלטווירטשאַפֿט האָט געצוווּנגען צו קוקן אויף קלויסטערס ווי אויף אַ קוואַל פֿון הכנסות, ווי אויף אַ ריין קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג. אין גײַסט פֿון דער דאָזיקער ווירטשאַפֿטלעכער טראַנספֿאָרמאַציע איז די אַרענדע פֿון צערקווּעס מצד ייִדן ניט קיין אויסטערלישע אָדער „שרעקלעכע" זאַך, ווי פֿראַנקאָ וויל האָבן, נאָר אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פֿון יענער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער דער ייִד האָט זיך געפֿונען אין דער פֿעאָדאַלער אוקראַינע, וואָס האָט מיט גוואַלד געוואָלט אַרײַנשפּרינגען אין אַ קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט.

אין 1790 האָט דער לוקאָווער קאַשטעלאַן, דער גלח יעזיערסקי (Jezierski), מסתמא אונטערן פֿרישן אײַנדרוק פֿון דער הײַדאַמאַטשינע, געשריבן, אַז דער עקאָנאָם פֿון קלויסטער איז על־פּי רובֿ אַ געוועזענער שליאַכטשיץ, וואָס וויל צופֿרידן שטעלן זײַן פּאַן. דער דאָזיקער שליאַכטשיץ איז געווייִנטלעך דער גרעסטער אונטערדריקער פֿון פּויער, באַזונדערס אויף אוקראַינע. אויפֿן צווייטן פּלאַץ גייט בײַ אים דער ייִד[24].

טשאַצקי באַמערקט, אַז ער האַלט זיך אָפּ פֿון באַשולדיקונגען קעגן דער מלוכה דערפֿאַר, וואָס די ייִדן האָבן געהאַלטן אַרענדעס און געבראַכט צו דעם, וואָס האָט „אונדזערע עלטער־זיידעס באַדעקט מיט שאַנד און מיט טרויער". דאָס מיינט, אַז די „עלטער־זיידעס" זײַנען לויט אים פּונקט אַזוי שולדיק, און אפֿשר נאָך מער[25].

דער פּוילישער היסטאָריקער פֿון אוקראַינע אַלעקסאַנדער יאַבלאָנאָווסקי, אַ זון פֿון אַ פּריץ פֿון די אוקראַינישע

---

[24] Ks. Jezierski, Wszyscy błądzą. Rozmowa rolnika. z panem, Warszawa 1790, 22.

[25] T. Czacki, Rozprawa o żydach i karaitach, 1860, 54.

קרעסן זעט ניט דעם קנויל פון אינטערעסן און האלט, אז ייִדן האבן געבראכט די קאטאסטראפע, און דערפאר האבן זיי געליטן צום מערסטן און מיט רעכט, ווייל זיי האבן געשפילט א „פאטאלע ראלע"[26]. דאס איז דער נוסח, וואס גייט ווי א רויט שנירל אין דער פוילישער היסטאריאגראפיע, וואס איז (איז דאס א צופאל?) רעפרעזענטירט דווקא פון מענטשן, וואס שטאמען פון די אוקראינישע מאגנאטישע אדער פריצישע הויפן (גלישטשינסקי, ראללע, ראוויטא-גאווראנסקי, יאבלאנאווסקי א"א).

אין דער ערשטער דיסערטאציע וועגן כמעלניטשינע, אין וועלכער דער „יון מצולה" איז שטארק אויסגענוצט געווארן (אין דער פראנצויזישער אויסגאבע), ווערן אויך אנגעגעבן ווי די הויפט-שולדיקע די גרויסע מאגנאטן, די יעזויִטן און די ייִדן. דעם אמתן תוך פון די געשעענישן האט דער דאזיקער שרייבער (א דייטש) ניט תופס געווען[27].

די זעלבע מאטיוון געפינען מיר אין דער מיטצייטלערישער ליטעראטור, דער עיקר אין דער פוילישער סאטירישער דיכטונג, וואס האט טיילווייז משפיע געווען אויף דער אוקראינישער. אין דער פאעמע Satyr Podgórski, געשריבן אין 1654, לייענען מיר אזא באשולדיקונג קעגן די פוילישע פריצים:

A wy, co Żydy za faktory macie
I przez nie wierne Boże uciążacie?
Już Żyd arendarz, sekretarz, dworzanin —
Milszy bluźnierca wam niż chrześcianin!

און דער מחבר סטראשעט די פריצים, אז

Gdy Cygan, Hultay, Żyd będzie rabował

---

[26] Jabłonowski, Historja Rusi południowej. Kraków 1912, 191, 287.

[27] F. Nuoffer, Die erste Phase des Aufstandes der Kosaken unter Chmelnitzki in den Jahren 1648—9. Leipzig 1869, 47 p.

I broń od boków waszych odpasował
Sprawi to pycha y myśli nadęte
I animusze te wasze przeklęte.[28]

אין דעם סך-הכּל פֿון דער קאָזאַקישער רעוואָלוציע באַקלאָגט זיך אַן אַנדערער גראַמען-שרײַבער פֿון יענער תּקופֿה, אַז ייִדן און קאַטוילן זײַנען געפֿאַלן צוזאַמען קרבנות פֿון דער „סוואַוואָלע“, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ צו גרויסער אונטערדריקונג פֿון פּויערים.

„Pieśń o kozackiey woynie anno 1648“ אין דער לייענען מיר, אַז:

A chrześciany z żydami
W studniach topili mieyscami
Co chrześcian wyścinano
Nigdy nie porachowano
A iak wielkie okrucieństwa,
Chrześcian różne męczeństwa[29].

אָבער דער דאָזיקער חרטה-טאָן איז געקומען צו שפּעט. די אַלע באַטראַכטונגען וועגן די סיבות פֿון די קאָזאַקישע מלחמות זײַנען אויף אַזוי פֿיל ניט דערגאַנגען צום אמת, אויף וויפֿל די מיטצײַטלער האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דעם אָביעקטיוון גאַנג פֿון דעם געלט-קאַפּיטאַליזם אין אוקראַינע, וואָס זײַנע פֿאַרטרעטער זײַנען געווען די ייִדן. פֿאַרשטאַנען ריכטיק די לאַגע האָט אַ פּוילישער עקאָנאָמיסט[30], בעת ער זאָגט, אַז דער פּוילישער קליינבירגער

---

[28] Франко, Хмельниччина 1648 — 49 років у сучасних віршах З.Н.Т.Ш., XXIV, 59. [29] Ibid., p. 96.

[30] S. Gargas, Volkswirtschaftliche Ansichten in Polen im XVII. Jahrhundert. 1905, 44–85.

דאָס בוך פֿאַרמאָגט אַ רײַך בינטל אילוסטראַציעס מיט באַשולדיקונגען אויף ייִדן און מאַגנאַטן אין עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע.

האָט געוואָלט אָפּשטעלן דער גאַנג פֿון קאַפּיטאַליזם, וואָס איז געוואָרן אַ וואַקסנדיקע מאַכט, און דעריבער האָט ער סײַ אין ליטעראַטור סײַ אין לעבן באַקעמפֿט דעם ייִדן ווי דעם קאַפּיטאַליסט. דער ייִדישער קאַפּיטאַליזם האָט געוואָרפֿן זײַנע קאַפּיטאַלן אין אוקראַינע, ווײַל די מעגלעכקייטן פֿון גיכע און גרויסע רווחים זײַנען דאָרטן געווען ניט אין אַן ערך גרעסערע, ווי אין די מערבֿדיקע טיילן פֿון פּוילן. צוזאַמען מיט דער אינוועסטיציע פֿון קאַפּיטאַל זײַנען געגאַנגען די באַגלייטער פֿון קאַפּיטאַליזאַציע: עקספּלואַטאַציע אונטערן שוץ פֿון דער יורידישער מאַכט, וואָס איז געלעגן אין די הענט פֿון די מאַגנאַטן, און דער האַנדלס-מאָנאָפּאָל אויף אַלע געביטן, ווי שענקערײַ, אַרענדע אין אַלע פֿאָרמען. די דאָזיקע קאָלאָניזאַטאָרישע פּאָליטיק האָט געמוזט אויפֿשטורעמען דאָס לאַנד, און דער פּוילישער און ייִדישער קרבן איז געווען אומפֿאַרמײַדלעך.

שוין דער עפּילאָג פֿון דער רעוואָלוציע באַווײַזט, אַז די „עפּישע בילדלעכקייט און דערהויבענע געפֿילן“, וואָס מען האָט צוגעשריבן די אָנפֿירער פֿון דעם קאַמף, זײַנען ווײַט געווען פֿון דערווירקלעכקייט[31]. דער פֿאָרוווּרף, אַז דער ייִד דער שענקער שטעלט בדלות דעם פּויער, איז געווען ניט מער ווי אַ תּירוץ, כּדי דער קריסטלעכער בירגער זאָל אַליין האָבן דאָס רעכט צו מאָנאָפּאָליזירן די בראָנפֿן-אינדוסטריע. די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ברויערײַ, האָט מען פֿאַרבאָטן צו ברענען און פֿאַרקויפֿן בראָנפֿן, ווײַל דאָס איז געווען די האַנדלס-פּריווילעגיע פֿון די בירגער. קיין איינע פֿון די סיבות, וואָס איבער זיי איז די רעוואָלוציע אויסגעבראָכן און האָט געבראַכט צו אַזעלכע קאַטאַסטראָפֿאַלע רעזולטאַטן, איז ניט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. עס איז געבליבן אַ חורבן און שלעכטע קלאָגלידער, אַזוי גוט בײַ ייִדן ווי בײַ די פּאָליאַקן און אוקראַינער.

---

[31] Оршанскій, Русское законодательство о евреяхъ. 1877, 169.

IV

כמעלניצקי אין שײַן פֿון געשיכטע

А пан Хмельницький
Житель Чигиринський
Козак лейстровий
Писар військовий...
На ринок вихожає
Знамена виставляє,
Друзів, панів-молодців на грець
викликає.
„Друзі, панове-молодці,
Охотники, броварники
Годі вам по броварях пива варити,
По винницях тай по проваллях
валяться
Та йдіть ви Жидів та Ляхів
з України зганяти
То будете ви собі мати
Хоть на три дні хорошенько по
козацьки погуляти...

(פֿון אַ היסטאָרישער דומע)

די געשיכטע פֿון באַהדאַן כמעלניצקיס אויפֿשטײַג צו אַ פֿירער פֿון אַ פֿאָלקס-רעוואָלוציע שטימט ווײַט ניט מיט דער ווערסיע, וואָס דער מחבר פֿון „יון מצולה“ דערציילט אונדז. אין אירע סאַמע וויכטיקסטע פּונקטן שטימט האַנאָווערס דערציילונג מיט די מײַנונגען און קלאַנגען, וואָס מען האָט געקענט הערן אין די גרויסמאַגנאַטישע הויפֿן אין אוקראַינע וועגן קאָזאַקן בכלל און וועגן זייער העטמאַן כמעלניצקי בפֿרט.

האַנאָווער האָט די דאָזיקע מײַנונגען זיכער געהערט פֿון די ייִדישע אַרענדאַרן, וועלכע זײַנען געווען דער „מעגאַפאָן" פֿון זייערע ברויטגעבער, די מאַגנאַטן. עס איז פֿאַראַן אַ סך אמת אין דער טרעפֿיקער כאַראַקטעריסטיק פֿון אַ פּוילישן היסטאָריקער, אַז האַנאָווער איז געווען דער „שופֿר פֿון יריחו" פֿון יענע אַנטי־קאָזאַקישע קרײַזן[1]. ייִדן האָבן באַדינט די פּוילישע פּריצים מיט שפּיאָנאַזש. מעגלעך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן פֿרײַוויליק, נאָר גיכער פֿון אַלץ אונטערן דרוק פֿון דער עקאָנאָמישער נויטווענ־דיקייט. מיט אַן אייגענער שפּראַך, ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר דער אַרומיקער סבֿיבֿה, מיט עקאָנאָמישע אינטערעסן שטאַרק קעגנערישע צו די אינטערעסן פֿון די קאָזאַקן און פּויערים, האָבן ייִדן פֿאַרנומען אַ פּראָמאַגנאַטישע שטעלונג, וואָס איז צו יענער צײַט געווען אידענטיש מיט אַ פּוילישער אָריענטאַציע בכלל. די דאָזיקע עקאָ־נאָמישע באַזע האָט באַווירקט האַנאָווערס קוק אויף דעם גאַנצן גאַנג פֿון די געשעענישן אין אוקראַינע.

אין די אויגן פֿון האַנאָווערן איז כמעלניצקי אַ מערדער, אַן אַוואַנטוריסט, אַ „בוגד" לגבי דעם לאַנד, ועל כולם אויסשליסלעך אַ מערדער פֿון ייִדן און קאַטויליקן. ניט אַנדערש האָבן געקוקט אויף אים אַ סך פֿון די פּוילישע מיטצײַטלער, וואָס זײַנען געווען אַרײַנגעפּלאָנטערט אין דעם בלוטיקן קנויל פֿון יענער מלחמה ניט ווייניקער ווי ייִדן. פֿ ר אַ נ ק אָ[2] ווײַזט אָן מיט רעכט, אַז האַנאָווערס דערציילונג בכלל האָט זייער אַ סך פֿאַנטאַזיע. באַ־זונדערס דאָס וואָס ער דערציילט וועגן כמעלניצקין איז אַזוי פֿאַלש, אַז ער האַלט אַפֿילו ניט פֿאַר נייטיק צו באַווײַזן די ניט־אמתן, מיט וועלכע די כראָניקע איז אָנגעפּיקעוועט.

אין אַ פּאָר שטריכן ווילן מיר קודם כל אָנוואַרפֿן כמעל־

---

[1] Olgierd Górka, „Ogniem a mieczem" a rzeczywistość historyczna. Warszawa 1934.

[2] I. Франко, Студії над народніми піснями. З.Н.Т.Ш., 103, 50–53, 72–76, 106.

ניצקיס ביאָגראַפֿיע. געבוירן געוואָרן איז כמעלניצקי אין 1596. פֿון אָפּשטאַם איז ער געווען אַ שליאַכטשיץ, פֿון דער קלענערער קאַטעגאָריע. זײַן פֿאָטער מיכאַילאָ איז געווען אַ געהילפֿס־סטאַראָסטע אין טשיהירין[3]. געלערנט האָט ער זיך בײַ די יעזויִטן אין יעראָסלאַוו, און אַ סבֿרה אַז אויך אין וואַרשע. לויט דעם טרעפֿיקן אויסדרוק פֿון זײַנעם אַ מיטצײַטלער גראָנדסקי איז כמעלניצקי געווען „אַ ביסל באַשמירט מיט בילדונג“[4]. מיט דער צײַט האָט ער זיך אָנגעשאַפֿט מער וויסן, באַקומען די גלאַטע שפּראַך, ווי דאָס איז צו זען פֿון זײַנע בריוו, באַזונדערס די דיפּלאָמאַטישע, וואָס ער האָט אַליין אַלע מאָל געשריבן. ווימינאַ (Vimina), דער אַמבאַסאַדאָר פֿון דער ווענעציאַנער רעפּובליק האָט באַזוכט כמעלניצקין, אין 1650 און אין זײַן זייער אינטערעסאַנטער כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם העטמאַן דערציילט ער צווישן אַנדערע ענינים אויך, אַז דער פֿירער פֿון די קאָזאַקן האָט זיך אויף קיינעם ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן און האָט אַלץ אַליין אָפּגעטון, ווי געשריבן בריוו, געלייענט די קאָרעספּאָנדענץ אאַז״וו. ער האָט געהאַט אַ נאַטור „אַ ניכטערע, איבערגעגעבן די מלוכה־אינטערעסן“, הגם ליב געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן“[5].

אין דער שלאַכט אונטער צעצאָראַ (Cecora) אין 1620 איז כמעלניצקי געפֿאַנגען געוואָרן פֿון די טאָטערן. דאָרטן האָט

---

[3] Каманин, Походження Хмельницького. Записки Ук. Наук. Тов., Київ, XII, 1913.

[4] Grondski, Historia belli cosacco-polonici. Pest 1789, p. 40 („exigua litteratura tinctus“).

[5] Relazione dell' origine e dei costumi dei Cosacchi, fatta l'anno 1650 da Alberto Vimina, Ambasciatore della Republica di Venezia, Reggio dell' Emilia 1890 געשריבן אין 1659.
דער זעלביקער האָט אָנגעשריבן:
Historia della guerre civili di Polonia. Venezia 1671.
Cf. В. Кордт, Чужоземні подорожні по східній Европі 1709 р, Київ 1926, 115–117.

ער זיך משמעות אויסגעלערנט דאָס ביסל טאָטעריש, וואָס ער האָט געקענט און וואָס האָט אים אַזוי אויסגעהאָלפן אין זײַנע שפּעטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיטן כאַן. דער קיניג זיגמונט דער דריטער האָט אים אויסגעקויפט. אַזוי זאָגט די פּוילישע היסטאָריע. לויט אַנדערע מקורים האָט אים אויסגעקויפט זײַן מוטער, אַן אַלמנה נאָך אַ קאָזאַקישן העלד, וואָס איז געפאַלן אין אַ שלאַכט פאַר פּוילן. די צווייטע ווערסיע לייגט זיך מער אויפן שכל[6].

וואָס איז געווען מיט אים אין די יאָרן 1620—1637 ווייס מען ניט. מיר ווייסן, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון יאַקים סאָמקאָ, אַ שפּעטערדיקן פּרעטענדענט אויפן העטמאַנישן שטול, געהאַט אַ סך קינדער און געוואָרן אַן אַלמן אַן ערך אין 1646.

די מאַגנאַטן האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף כמעלניצקין, ווײַל ער איז געווען זייער אַמביציעז, ענערגיש און געהאַט מער אינטעליגענץ, ווי אַ דורכשניטלעכער מענטש פון זײַן שטאַנד. אין די בונטן פון די פּאַוולױקס, נאַלעוואַיקאָס און אָסטשאַנינס האָט כמעלניצקי זיכער קיין יד ניט געהאַט. אין קיניגלעכן הויף האָט מען פון אים ווײַזט אויס געהאַלטן, ווי דאָס איז צו זען פון דעם פאַקט, אַז ווען ראַדזשעיאָווסקי (Radziejowski), אַ פאַוואָריט פון דעם קיניג וולאַדיסלאַוו דעם פערטן, איז געפאָרן קיין אוקראַינע כדי קאָמפּלעקטירן אַ קאָזאַקישע דעלעגאַציע קיין וואַרשע, איז כמעלניצקי געווען צווישן די אויסגעקליבענע (אין 1638).

אין 1637 איז כמעלניצקי געווען אַ מיליטער-שרײַבער. זײַן נאָמען פיגורירט אונטערן אַקט פון קאַפּיטולאַציע פון דעם קאָזאַקישן מיליטער, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אונטער באָראָוויצע (Borowica). זײַן אָפיציעלע קאַריערע האָט ער זיכער

[6] Грушевський, Історія України Руси, том VIII, частина II., Віденъ 1922, 155. ווײַטער ציטירט: הרושעווסקי

געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דעם ניט־אָנטייל־נעמען אין דעם קאָזאַ־קישן אויפֿשטאַנד פֿון 1636.

פֿון קיניג באַקומט כמעלניצקי חוץ דעם הויף סובאָ־טאָוו אויך דאָס דאָרף נאָוואָסעלצי. אַזוי אַז מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרמעגלעכן קאָזאַק. האַנאָווער איז אָבער שטאַרק מגזם כמעלניצקיס עשירות. דאָ האָבן מיר ווײַטער אַ ווידער־קול פֿון די טענות פֿון די מאַגנאַטן צום „אומדאַנקבאַרן קאָזאַק", וואָס מיר געפֿינען אין די מיטלצײַטלערישע פּוילישע מקורים[7].

די סיבות וואָס האָבן געבראַכט דעם רויִקן כמעלניצקי צו אַן אָפֿענעם בונט קעגן דער הערשנדער מאַכט אין אוקראַינע זײַנען ביז איצט ניט אויפֿגעקלערט געוואָרן. האַנאָווערס ווערסיע וועגן אַ פּערזענלעכער קריוודע איז ניט מער ווי אַ מסורה. קאָנעצפּאָלסקי, דער טשיהירינער סטאַראָסטע, וואָס אַרעסטירט כמעלניצקין, וועלכער ווערט שפּעטער באַפֿרײַט אויף ערבֿות־געלט, האָט זיכער ניט געהאַנדלט אַזוי צוליב רײַנע פּריוואַטע ענינים. אין מיטן פֿון אַ מלחמה־אַטמאָספֿערע, און דווקא מיט די טאָטערן, האָט דאָך געקענט צײַטיק ווערן בײַ כמעלניצקין דער אַלטער חלום, דער אַזוי פֿיל מאָל שוין צערונענער. פֿון וועלן זיך באַפֿרײַען פֿון דעם פֿרעמדן יאָך.

כמעלניצקי אַנטלויפֿט קיין זאַפּאָראָזשע און ווערט באַלד פּראָקלאַמירט פֿאַר דעם פֿירער פֿון דעם קאָזאַקישן אויפֿ־שטאַנד. דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. דער כּלומרשט רויִקער (לויט אַנדערע, זייער כיטרער) כמעלניצקי האָט זיכער געהאַט אַ האַנט אין די פֿריערדיקע פּאָליטישע פֿאַרשווערונגען פֿון די קאָזאַקן. ער איז אָבער געווען אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר. די וואָס האָבן אים געקענט כאַראַקטעריזירן אים ווי אַ מענטשן מיט אַ גוואַלדיקן

---

7 אין זײַנע תּבֿיעות קעגן טשאַפּלינסקין, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ סיכסוך, וואָס האַנאָווער דערציילט וועגן דעם, רעדט זיך וועגן 400 קאָפּעס תּבֿואה. Michałowski, Księga pamiętnicza, 1864, 4

קאָנטראָל איבער זיך אַליין, מיט אײַנגעבוירענע דיפּלאָמאַטישע פֿעיִקייטן און ווי עס דריקט זיך אויס Vimina מיט „אַ געזונטן קוק אויף זאַכן און אַ שאַרפֿן שכל"[8]. ער האָט געלעבט פּשוט, זיך ניט געהאַלטן גרויס, זיך געחבֿרט מיט די קאָזאַקן, און אַ דאַנק זײַן „דעמאָקראַטישקייט", „וועלטלעכקייט" און אימפּאָנירנדיקן אויסזען, געהאַט אַלע מעלות פֿאַר אַ פֿירער. דער אויפֿשטאַנד פֿאַרשפּרייט זיך מיט דער גיכקייט פֿון אַ בליץ און מיט אומגעריכטן ערפֿאָלג. דער פֿרילינג 1648 איז פֿול מיט ידיעות וועגן דעם אַנטלאָפֿענעם סאָטניק פֿון טשיהירין און וועגן די צוגרייטונגען צו אַן אויפֿשטאַנד קעגן דער גרויסמאַגנאַטישער הערשאַפֿט אין אוקראַינע. די דאָזיקע ידיעות האָבן געמאַכט אויפֿלעבן די האָפֿענונגען פֿון די פֿאַרשקלאַפֿטע פּויערים, וועלכע האָבן איצט דערזען אַ גוטע געלעגנהייט צו מאַכן די אַזוי פֿיל מאָל אָנגעהויבענע און בלוטיק דערשטיקטע רעוואָלוציע קעגן די פּריצים.

אָבער דאָס איז ניט געווען כמעלניצקיס כּוונה.

נאָך דער שלאַכט לעבן די געלע וואַסערן (Żółte wody) פֿון 29סטן אַפּריל 1648, וואָס וועגן איר האָט האַנאָווער אַגבֿ גאָרנישט ניט געהערט, ווו כמעלניצקי איז אַרויס אַ זיגער אַ דאַנק דער הילף פֿון טוהאַביי, דעם טאָטערישן כאַן, — האָט כמעלניצקיס נאָמען אָנגעהויבן ווערן דער לײַכטטורעם פֿון די קאָזאַקישע און אויך פּויערישע עלעמענטן. באַזונדערס איז דער העטמאַן

---

[8] דער פּאַטריאַרך פֿון אַנטיוכיאַ מאַקאַר, אַן אַראַבער פֿון אַלעפּאָ, האָט צוזאַמען מיט זײַן זון פּאַוועל באַזוכט אוקראַינע אין 1655. דער זון האָט געפֿירט אַ טאָגבוך אין אַראַביש, וואָס איז זייער אַ וויכטיקער מקור פֿאַר דער געשיכטע פֿון כמעלניצקיס אויפֿשטאַנד. דאָס דאָזיקע בוך איז זייער רײַך אין פּרטים וועגן ייִדן, נאָר ייִדישע היסטאָריקער האָבן דאָס אין גאַנצן פֿאַרזען. וועגן כמעלניצקין שרײַבט Павло, אַז ער איז ניט קיין דורכגעטריבענער מענטש, אַ רויִקער און אַן ערנצטער, און אַז ער האָט ליב מענטשן און איז בכלל זייער באַשײדן, ציטירט לויט דער רוסישער איבערזעצונג פֿון Г. Маркос, געדרוקט אין Чтенія Московскаго Общества Исторіи и Древности I—IV, 1896–1900.

פֿאַרשיכּורט געוואָרן פֿון דעם קאָרסונער ניצחון (26סטער מאַי 1648). ער האָט ווײַטער ניט געוואָלט גיין און אפֿשר ניט געוווּסט וואָס צו טון מיט אַזעלכע מזלדיקע מלחמה-קאָרטן.

זעקס טעג פֿאַרן דאָזיקן זיג איז דער קיניג וולאַדיסלאַוו דער פֿערטער געשטאָרבן אין מערעטש (Merecz). אין אוקראַינע האָט מען וועגן דעם נאָך ניט געוווּסט. כמעלניצקי איז געווען פֿאַר אַן „אוגאָדע" מיט פּוילן. ער האָט געקוקט אויף דעם קיניג ווי אויף אַן „אומפּאַרטייִישן" בורר, וועלכער איז אויך פֿאַראינטערעסירט אײַנצוצאַמען די הערשערישע אַפּעטיטן פֿון די פּוילישע מאַגנאַטן אין אוקראַינע, וואָס האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ווי פֿעאָדאַלע דעספּאָטן. קיין רעוואָלוציע האָט כמעלניצקי ניט געוואָלט: ניט קיין „נאַציאָנאַלע" און אַ פּשיטא נישט קיין סאָציאַלע. מען האָט אים לײַכט געקענט באַפֿרידיקן מיט אָפּשאַפֿן די אָרדינאַציע פֿון 1638, וואָס האָט באַרויבט דעם קאָזאַקישן שטאַנד פֿון די אַמאָליקע פֿרײַהייטן זײַנע. צוריק באַקומען די דאָזיקע פֿרײַהייטן, פֿאַרגרעסערן דעם רייסטער פֿון די קאָזאַקן, אָבער אויך אין אַ געוויסער מאָס און גרענעץ — דאָס איז געווען כמעלניצקיס פּאָליטישע פּראָגראַם-מאַקסימום. צוליב דעם צוועק איז די מפּלה פֿון די פּאָליאַקן בײַ קאָרסון געווען אומנייטיק. מען האָט דאָס געקענט דערגרייכן בײַ אַנדערע פּאָליטישע קאָנסטעלאַציעס אויך, און אפֿשר נאָך לײַכטער.

דער „יהודה המכּבי" פֿון די קאָזאַקן, ווי גראָנדסקי רופֿט אים אָן, ווייס ניט וואָס צו טון מיט דער פֿרײַהייט און מיט די פּערספּעקטיוון, וואָס די דאָזיקע פּלוצימדיקע פֿרײַהייט האָט פֿאָרויסגעוויזן. די שטימונגען בײַ די פּויערישע מאַסן זײַנען געווען אָבער אַזעלכע, אַז כמעלניצקי האָט ניט געקענט צוטרעטן צו שלום-אונטערהאַנדלונגען שטיצנדיק זיך אויף זײַן פּראָגראַם. ער איז שוין מער ניט געווען דער בעל-הבית פֿון דער סיטואַציע. די דאָזיקע סיטואַציע האָט אים באַהערשט מיט דער קראַפֿט פֿון יענע פֿאַרבאָרגענע עמאָציעס, וואָס אויב מען איז זיי ניט מנצח פֿאַלט מען אומפֿאַרמײַדלעך זייער אַ קרבן.

אין אַ באַריכט געשיקט קיין מאָסקווע דעם 9טן יוני 1648 ווערט דערציילט, אַז כמעלניצקי האָט „געשיקט פּולקאָווניקעס און סאָטניקעס כּדי צו זאַמלען קאָזאַקן; אוראַדניקעס, אַרענדאַרן, פּאָליאַקן און ייִדן הייסט ער הענגען"[9]. וואָס זאָל מען טון, נאָך דעם ווי מען וועט די דאָזיקע מענטשן אויסהענגען, איז כמעלניצקין גופא ניט געווען קלאָר. קלאָר איז, אַז די פּויערים, די וואָס האָבן געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף אים, האָט כמעלניצקי ניט גערופֿן צום קאַמף. ער האָט זיך באַמיט צוצוציִען צום קאַמף דעם מיטלשיכט פֿון די פּוילישע אָדער שוין פֿון כּמה דורות פֿאַרפּוילישטע אוקראַיִנישע אַדללײַט, וואָס האָבן געהאַט אַ סך שטאַנדישן שטאָלץ, אָבער ווינציק מזומן אין זייער קאַסטן. די דאָזיקע האַלב דעקלאַסירטע פּריצים האָבן דערמאָנט די מער פֿאַרמעגלעכע קאָזאַקן און האָבן זיך סאָציאַל זיכער אָנגעהערט מער מיט זיי איידער מיט זייערע „ברידער" פֿון שליאַכטישן שטאַם. צו דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך געהערט אַ גרויסע צאָל פֿון שליאַכטע, וואָס האָט געמוזט דינען בײַ אַנדערע ווי קליינע „דזשערזשאַווצעס", אָפֿיציאַליסטן אָדער סתם באַאַמטע[10].

אַ טייל פֿון דער פּוילישער שליאַכטע איז כמעלניצקין געווען גרינג צו געווינען אויף זײַן צד, ווײַל זי איז געווען פֿאַרביטערט קעגן די מאָנאָפּאָליסטישע טענדענצן פֿון די גרויסע ערד-אייגנטימער אין אוקראַיִנע, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַקומולירן וואָס מער ערד און פֿאַרוואַנדלען די ווינציק פֿאַרמעגלעכע „ברידער-שליאַכטשיצעס" אין האַלב-פֿרײַע אונטערטאַנער. דער שרעק פֿאַר דעקלאַסירט ווערן און די האָפֿענונג צו שפּילן אַ ראָלע אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט אין דעם לעבן פֿון אַ פּאָליטיש פֿאַרענדערטער אוקראַיִנע האָט דיקטירט די דאָזיקע מענטשן צו ווערן מיטלויפֿער

[9] Регесты и Надписи, I, 877.

[10] Мякотин, Очерки соціальной исторіи Украины. Прага 1924, I, 54.

מיטן שטראָם פֿון אויפֿשטאַנד[11]. דערפֿון נעמט זיך דער ענטוזיאַזם, וואָס כמעלניצקיס אויפֿשטאַנד האָט אַרויסגערופֿן אין יענע קרײַזן פֿון דער פּוילישער שליאַכטע פֿון מיטעלן און קלײנעם פֿאַרמעגן און זייער גיכער איבערגאַנג צום העטמאַן, אָדער זייער בגידה לגבי פּוילן, ווי האַנאָווער דריקט זיך אויס. די דאָזיקע האַלב אָדער אין גאַנצן דעקלאַסירטע „ברידער-שליאַכטיצעס" אײַלן זיך צו פֿאַררעגיסטרירן זיך אין דעם איצט פּריווילעגירטן קאָזאַקישן רייסטער. אויך דער מיטלשטאַנד פֿון אוקראַינע (אַ טייל פֿון זיי זײַנען אַמאָל אויך געווען קאָזאַקן, נאָר זיי האָבן זיך „אויסגעמענטשלט"), על-פּי רובֿ אוקראַיניש און פּראַוואָסלאַוויש, אײַלט זיך אַרײַנצוכאַפּן אין דער דאָזיקער פּריווילעגירטער פּאָזיציע. די קאָזאַקן האָבן אָבער געקוקט מיט חשד אויף די „פֿרעמדע" עלעמענטן, וואָס וואָלטן זיכער פֿאַרשמעלערט זייער פּריווילעגירטע פּאָזיציע, און דעריבער דערלאָזן זיי ניט צו דעם און היטן אָפּ זייער שטאַנדישע אָפּגעזונדערטקייט אַזוי ווײַט ווי מעגלעך.

„דער המון — מעלדעט דער העטמאַנישער שליח אין מאָסקווע — לויפֿט אין קאָזאַקישן שטאַנד"[12]. אַז דאָס איז ריכטיק, באַשטעטיקן די מקורים. אַזוי געפֿינען מיר למשל אין איין רשימה פֿון 1649 750 שליאַכטיצעס אויף 1500 קאָזאַקן; אין אַ צווייטער — 450 אויף 2500 קאָזאַקן און אין אַ דריטער — גאַנצע 6000 שליאַכטיצעס[13].

כמעלניצקי האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם סאָ-

---

[11] Грушевський, о. с. VI, 285–286; VIII, частина 2. 173; W. Lipiński, Z dziejów Ukrainy, Kijów 1912, 157, 490, „Możnowładcy wypierają drobnych właścicieli"... „W wierszach ówczesnych znaleźć można odgłosy zadowolenia zwycięstwami Chmielnickiego nad magnaterią".

[12] Кіевская Старина, 1887, 8, 123.

[13] Lipiński, o. c., 157. A. Rolle, Sylwetki historyczne VIII; Архив Юго-Западной Россіи, III, 404.

ציִאָלן באַשטאַנד פון זײַן אַרמײַ און אויך מיט דער ברייטער פעריפעריע פון סימפּאַטיקער צווישן דעם „פּריצישן פּראָלעטאַריאַט". ער האָט זײַן גאַנצע פּאָליטיק געמוזט פירן אין אַ ריכטונג פון אַ „גאָלדענעם מיטן"—כּדי צו באַפרידיקן די פאָדערונגען און נאָך מער די אויסגעזאָגטע און די ניט אויסגעזאָגטע האָפענונגען פון דעם קאָזאַקישן עלעמענט, וואָס האָט פאַרט דאָמינירט אין די רייען פון זיינע קעמפּערס. בעת די פּויערים האָבן געוואָלט אַ רעוואָלוציע, האָבן דאָס די קאָזאַקן בשום אופן ניט געוואָלט. די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם קאָזאַקנטום איז געווען אין אַ שאַרפער סתּירה מיט די אינטערעסן פון די אָנערדיקע, פאַרשקלאַפטע פּויערים, וואָס האָבן אויך געדינט בײַ פאַרמעגלעכע אוקראַיִנישע פּריצים.

די קאָזאַקן האָבן געקעמפט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן און זיך קיין מאָל ניט געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַפרײַען די פּויערים פון שקלאַפערײַ, פּשוט דערפאַר ווײַל זיי זײַנען אויך געווען ערד-אייגנטימער און געוויס האָבן זיי ניט געוואָלט, אַז אַלע פּויערים זאָלן ווערן קאָזאַקן. געפירט פון די סטאַרשינעס, וואָס האָבן געבילדעט אַ מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע, איז דאָס קאָזאַקנטום אין דער פּערזאָן פון אירע שפּיצן באַאײַנפלוסט געוואָרן פון דער שליאַכטישער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געקוקט אויף דעם פאָלק ווי אויף אַ „נאַטירלעכן" צוזאַמענשטעל פון צוויי קלאַסן: פון מעכטיקע פּאַנעס און רעכטלאָזע אונטערטאַנער[14]. פּונקט ווי דאָס „מלכל" (Królewiątko) יערעמי ווישנעוועצקי האָט באַטראַכט דעם קאָזאַקישן אויפשטאַנד ווי אַ בונט פון קנעכט, אויף וועלכע ער האָט געהאַט דאָס רעכט פון לעבן און טויט[15], אַזוי האָט אויך געקוקט די קאָזאַקישע אָנפירונג, נאָר מער „דעמאָקראַטיש", ד"ה אַז דאָס אוקראַיִנישע פאָלק האָט אויך אירע

[14] Грушевський, З.Н.Т.III., XXIII–XIV, 5.

[15] W. Tomkiewicz, Ieremi Wiśniowiecki. Warszawa 1934, 208-209.

„געזעצלעכע" הערן און „נאַטירלעכע" שקלאַפֿן, וואָס דאַרפֿן אָבער עקספּלואַטירט ווערן פֿון אייגענע, אין נאָמען פֿון „שותּפֿישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן".

אַקעגן האָט דער רעליגיעזער מאָטיוו ניט געשפּילט אַזאַ ראָלע, ווי עס ווערט אים צוגעשריבן אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור. עס בלאָנקעט נאָך אַלץ אַרום אין דער ליטעראַטור (דובנאָוו[16], מײַזל[17], שאַמשאָן[18], אַפֿילו בײַם „מאַרקסיסט" הײליקמאַן[19]) די „העגעליאַנישע" טריאַדע פֿון רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַל-פּאָליטישע סתּירות, וואָס האָבן כּלומרשט גורם געווען די רעוואָ-לוציע פֿון 1648. „דרײַ קלאַסן, דרײַ רעליגיעס און דרײַ נאַציאָנאַ-ליטעטן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אויף אַ טעריטאָריע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אין אירע טיפֿענישן שרעקלעכע וווּלקאַנישע כּוחות און די קאַטאַסטראָפֿע האָט געמוזט קומען", — שרײַבט שמעון דובנאָוו, און אַלע שרײַבן אים נאָך.

דאָס איז אָבער היסטאָריש ניט ריכטיק!

די רײַכע פּראַוואָסלאַווישע פּריצים זײַנען געווען קעגן כמעל-

---

[16] D u b n o w, History of the Jews in Russia and Poland. Philadelphia 1916, I, 142 דאָס זעלביקע איבערגעחזרט אין זײַן: Weltgeschichte des Jüdischen Volkes VII, 18—19.

[17] J. Meisel, Geschichte der Juden in Polen und Russland, 1922, II, 5 װאָרט און װאָרט גענומען פֿון דובנאָוון.
די ביבליאָגראַפֿיע פֿון דעם בוך האָט, אַגבֿ, קיין שום ווערט ניט.

[18] J. S c h a m s c h o n, Beiträge zur Geschichte der Juden-Verfolgungen während der Jahre 1648–1658. Bern 1912.
אַ װערטלאָזע דיסערטאַציע.

[19] ס. ה י י ל י ק מ אַ ן, געשיכטע פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג פֿון די ייִדן אין פּוילן און רוסלאַנד. מאָסקווע 1926, ז׳ 180 (איבערגעחזרט פֿון דובנאָוון). אַפֿילו אַזאַ היסטאָריקער ווי Cecil Roth חזרט איבער די דאָזיקע באַנאַליטעטן וועגן 1648. אין זײַן אַרטיקל The People of Suffering (The Jewish Review, London I, 1932, 48) שרײַבט ער:
„It was a Crusade of the followers of the Greek Orthodox Church against the Papist, no less than against the infidel".

ניצקין און געזוכט שוץ בײַם מאָסקווער צאַר, און אַ סך פֿון זײַנע זײַנען געווען געטרײַ פּוילן און געהאַט גאָר אַ שטאַרקע און בלוטיקע האַנט אין דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד[20]. קאַטוילישֿ-פֿרומע פּריצים קעמפֿן מיט כמעלניצקין קעגן דעם קאַטוילישן לאַנד און זײַנע קאַטוילישע פֿירער. אַדאַם קיסעל (Kisiel), וואָס זוכט שלום צווישן כמעלניצקין און דער פּוילישער רעפּובליק, איז אויך ניט געווען קיין קאַטוילי̇ק. ניט דער פּאָליאַק דער קאַטוילי̇ק האָט אין 1648 געקעמפֿט קעגן פּראַוואָסלאַווישע אוקראַינער, נאָר די פֿאַרמעגלעכע פּראַוואָסלאַווישע פּריצים און שטאָטלײַט זײַנען געווען קעגן די קאָזאַקן, און פּראַוואָסלאַווישע פּויערים האָבן געראַבעוועט זײַערע אייגענע מאָנאַסטירן, ווײַל זיי האָבן געוואָלט פֿאַרכאַפּן דאָס לאַנד פֿאַר זיך[21]. „די היימישע הפֿקרות (swawola) איז אונטער אַן אויסרייד פֿון רעליגיע", האָט שוין ריכטיק באַמערקט קאָנעצפּאָלסקי אין 1623[22]. אויך בײַ דער פּוילישער שליאַכטע האָט געהערשט אַ שטאַרקער קלאַסן-אַנטאַגאָניזם.

„Ktoż iest większą przyczyną, że szlachta
drobnieje.
Panowie niepobożni, Żydów dobrodzieje
...Niepożywi się teraz Szlachcic z maiętności“[23]

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער „ניט-פֿרומער פּאַן" איז דאָס דער

[20] Мякотин, о. с. I, 38.

דער פּוטיוועלער וואָיעוואָדע ניקיפֿאָר פּלעשטשעיעוו האָט געשריבן צום צאַר מיכאַיל פֿעאָדאָראָוויטש (אַפּריל 1638), אַז די פּאָליאַקן רופֿן די קאָזאַקן ניט פֿאַר זייער אמונה, נאָר דערפֿאַר וואָס זיי בונטעווען זיך (Регесты и надписи I, 820). אַ ייִד, ווײַזט אויס מיט אַ פּוילישער אָריענטאַציע, פֿאַרשפּרייט אָבער קלאַגען, אַז די „פּאָליאַקן שלאָגן זיך מיט די זאַפּאָראָזשצעס פֿאַר אמונה".

Грушевський, о. с. VIII, ч. II, 116.

[21] Мякотин, о. с. I, 71—72.

[22] З.Н.Т.Ш., XVII; Prace Historyczne, Lwów 1929.

[23] Jeżowski, Oekonomia, 1638. Cf. Bartoszewicz, Antysemityzm w literaturze polskiej XV—XVII w. 1914, 25—26.

רײַכער מאַגנאַט, הגם ער רעדט די זעלביקע שפּראַך און גייט
אין דער זעלביקער קירך, וואָס דער קלײנער שליאַכטשיץ, װעלכער
זוכט אַ ראַטונעק אין קאָזאַקישן לאַגער.

אויך בײַ ייִדן איז ניט געווען אַזאַ אידיליע, ווי דאָס ווערט
געוויינטלעך געשילדערט. „i chudzi Żydkowie na was bo-
gatych narzekaią“ (אויך די אָרעמע ייִדן באַקלאָגן זיך אויף
אײַך רײַכע) — לייענען מיר אין אַ סאַטירישן ליד פֿון 1622.[24]
אין אַן אַנדער מקור לייענען מיר, אַז דער „העטמאַן“ (כמעלניצקי)
האָט ניט גערירט די ייִדן בעלי־מלאָכות, ווײַל זיי האָבן „ניט גע־
הערשט איבערן פֿאָלק“.[25]

דער פּאַראַדאָקס פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1648 איז געווען,
אַז דער אָנפֿירער אירער האָט געשטיצט מיט אַלע כּוחות די
אָרדענונג, וואָס די מאַסע האָט געגלייבט, אַז ער איז געקומען
זי צו צעשטערן. די מיטלוי־פּערישע עלעמענטן צווישן דער
שליאַכטע זײַנען געגאַנגען מיט כמעלניצקין, סײַ די קאַטוילישע
און סײַ די פּראַוואָסלאַווישע, ווײַל זיי האָבן געהאַט איין ציל: אָפּ־
ראַטעווען זייערע הויפֿן.[26] דערפֿאַר זעען מיר, אַז אויף דער טערי־
טאָריע פֿון דעם סטאַראָדובער פּולק, ווו די פּוילישע שליאַכטע
איז געווען מיט כמעלניצקין, זײַנען די דערפֿער געראַטעוועט
געוואָרן פֿון עקספּראָפּריאַציע. דאָס זעלביקע איז געווען אויף
דער טעריטאָריע פֿון טשערניגאָווער פּולק.[27]

---

[24] Wytrąbienie monety fałszywej... Kraków 1622. Cf. A. Szelągowski, Pieniądz i przewrót cen w XVI i XVII w. w Polsce, 1902, 302.

[25] Н. Маркевич, Исторія Малороссіи, Москва, 1842, 202. דער זעלביקער דערציילט (ז׳ 71—72), אַז
„Жиды, признанные от народа безвредными и хорошаго поведенія, выкупались деньгами, цѣнными вещами и отпускаемы были в Польшу“.

[26] Мякотин, o. c. I, 56.

[27] Мякотин, o. c. I, 61, 62.

כמעלניצקיס פראגראם איז געווען: פארגרעסערן די צאל קאזאקן און באפעסטיקן זייערע פריווילעגיעס, א ביסל לײַכטער מאכן די ביטערע דאליע פון פארשקלאפטן פויער, בשום אופן אבער ניט אין גאנצן צו באפרײַען אים פון פאנשטשינע, אפילו ניט פון דער „פויליש-קאטוילישער", און לסוף אפצוהיטן די עקסיסטירנדיקע סאציאלע סיסטעם. אין א בריוו צום ביאלאצערקווער אונטערסטאראסטע (דאטירט 27סטן מאי 1648) Чорны שרײַבט כמעלניצקי, אז צווישן די קאזאקן זײַנען פאראן „היציקע עלעמענטן", און דערפאר ווארנט ער, אז מען זאל בײַצײַטנס באהאלטן דאס פארמעגן, ווײַל ער קען פאר די דאזיקע קאזאקן ניט גאראנטירן[28]. די דאזיקע „היציקע עלעמענטן" זײַנען געווען פארטרעטער פון דער קאזאקישער זשאקעריע פויערים און דעקלאסירטע קאזאקן, וואס זײַנען געווען אין א גרויסער צאל אין כמעלניצקיס ארמיי. פאר זיי האט כמעלניצקי ניט געוואלט נעמען קיין אחריות. ווען עס איז ערגעץ ווו אויסגעבראכן א סטיכישער בונט פון די דאזיקע עלעמענטן, האט כמעלניצקי געזען, אז קיין הילף פון זײַנע קאזאקן זאלן אהין ניט קומען, און געוויינטלעך האט אזא בונט קיין ברייטערן פארנעם ניט געקענט אננעמען. די וואס האבן געקעמפט קעגן ווישנעוועצקין, דעם גרויזאמסטן שונא פון די פארשקלאפטע פויערים, האט כמעלניצקי ניט פארטיידיקט און געטענעט, אז דאס טוען זיי אן זײַן וויסן![29]

נאך דער קארסונער שלאכט איז כמעלניצקי געווען זייער פשרהדיק געשטימט, הגם ער האט פולקום באהערשט די

„... в своем стремленіи возстановить и укрѣпить прежнія права... шляхтичей на их имѣнія и земли бывшій вождь народнаго возстанія не останавливался даже перед угрозами смертной казни для нарушителей этих прав". O. c. 66.

[28] Мякотин, o. c. 1.

[29] Tomkiewicz, o. c.

מלחמה-לאַגע. אָבער די „זשאַקעריע" איז געווען צו שטאַרק, אַז ער מיט זײַנע עלטסטע זאָלן קענען שליסן שלום. „ווען איך וואָלט געוואָלט אײַנגיין אויף שלום — האָט ער שפּעטער געשריבן פון קיעוו — וואָלט מיך דער המון באַלד געהרגעט"[30].

כּדי צו פאַרמאַסקירן זײַנע צילן, זוכט כמעלניצקי אַלע מאָל נײַע שלאָגווערטער פאַר זײַן קאַמף. „אַפריער האָב איך זיך געשלאָגן — דערקלערט ער אין קיעוו (פעברואַר 1649) — פאַר מײַן אייגענער קריוודע און שאָדן, איצט וועל איך זיך שלאָגן פאַר אונדזער פּראַוואָסלאַווישן גלויבן"[31]. די רײַכע מאָנאַסטירן האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, וואָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו פאָדערן פון כמעלניצקין הילף קעגן די פּויערים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די קלויסטערשע טעריטאָריעס. זיי האָבן אַפילו אויסגעפּועלט מער ווי זיי האָבן געוואָלט. נאָך אין יוני 1648 האָט כמעלניצקי געהייסן דעם פּרילוקער אַטאַמאַן כאַפּן און באַשטראָפן די שולדיקע אין ראַבירן דעם גאָסטינינער מאָנאַ-סטיר און האָט פאַרבאָטן קלענער צו מאַכן די צאָל אונטערטאַנער-פּויערים, וואָס האָבן געוואָלט זיך פאַרשרײַבן פאַר קאָזאַקן, כּדי זיך צו באַפרײַען פון שקלאַפערײַ[32]. פאַרקערט, ער גיט נאָך מער לאַנד דעם דאָזיקן מאָנאַסטיר און אויף אַזאַ אופן רעאַליזירט ער זײַן צוזאָג צו קעמפן פאַר זײַן אמונה דורך אונטערדריקן פּויערים פון דער זעלביקער אמונה.

ווי אַן אויג אין קאָפּ האָט די קאָזאַקישע אַריסטאָקראַטיע אָפּגעהיט אירע רעכט, און דער קאָמפּראָמיס אויף קלענער מאַכן

---

30 Lipiński, o. c. 418; Грушевський, VIII част. III, 130.

31 Памятники, изд. Кіев Ком. I, 1898, 332.

32 Мякотин, I, 71—72, 74.

אין אויגיסט 1650 שרײַבט כמעלניצקי צום נעזשינער פּולקאָווניק, אַז מען זאָל ניט צוגעמען מיט גוואַלד בײַ די פּויערים די מילן, אָבער מען דאַרף פאַרטיידיקן די פּוילישע שליאַכטע און די ווידערשפּעניקע וועט מען שטרענג באַשטראָפן
буде суворо горлом карати. Грушевський, 9, 22.

די צאָל פֿון רעגיסטרירטע קאָזאַקן איז געווען אַ פּשרה־אָפּמאַך וואָס האָט צופֿרידן געשטעלט פּוילן און אויך דעם קאָזאַקישן שטאַנד. אָבער די „היציקע קעפּ", וואָס כמעלניצקי רעדט וועגן זיי, האָבן ניט גערוט. זייער אָנפֿירער איז געווען מאַקסים קריוואָנאָס, וואָס האַנאָווער דערמאָנט אים ווי דעם אָנפֿירער פֿון דער טולטשינער שחיטה און אויך אין דער שלאַכט בײַ פּילאַוועץ. ווער ער איז געווען, וועגן דעם דערציילט אונדז האַנאָווער קיין איין וואָרט ניט.

לויט הרושעווסקין איז מאַקסים קריוואָנאָס געווען אַ זון פֿון אַ פּראַוואָסלאַווישן גײַסטלעכן אין איינעם פֿון די דרומדיקע קרײַזן פֿון קיעווער געגנט. לויט אַנדערע מקורים איז ער גאָר געווען אַ שאָטלענדער, און דער מיטצײַטלער גאָלינסקי דערציילט גאָר, אַז ער איז געווען אַ סוחר פֿון מאָהילעוו[33]. אין דער פּוילישער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט ווערט ער געקריינט ווי: „naywiększy tyran y morderca, lupiesca miast, wszy, kościołów, kapłanów, sliachty, żydów, bialych głów i dzieci" (דער גרעסטער טיראַן און מערדער, ראַבירער פֿון שטעט, דערפֿער, קירכן, פֿון גײַסטלעכע, אַדל, ייִדן, פֿון זקנים און קינדער). אַן אַנדער מיטצײַטלער דריקט זיך אויס וועגן אים, ווי וועגן אַ „homo audacissimus multarumque et scelere et perfidia palmarum"[34] (אַ מענטש פֿון גרויסער גבֿורה און פֿון אַ סך אויפֿטוען אין פֿאַרברעכן און פֿעלשונג), און אַז ער איז ניט בלויז אַ „פֿאַרדאַרבער פֿון פּאָליאַקן", נאָר אויך פֿון זײַנע אייגענע.

אין דער אוקראַינישער היסטאָריאָגראַפֿיע ווערט קריוואָנאָס באַצייכנט ווי אַ מענטש פֿון אַ „גרויסן קאַליבער", און אַז ער איז ניט קיין פּשוטער פּולקאָווניק: „דער מענטש, ווײַזט אויס,

---

[33] Грушевський, VIII, ч. III, 46–47; Michałowski, 88; Z dziejów Ukrainy 509.

[34] Жерела IV, 35; VI, 147.

פֿילט עפּעס מער אונטער זיך״. קריוואָנאָס איז דער רעפּרע־זענטאַנט פֿון די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין כמעלניצקיס אַרמיי. ער איז דער אָנפֿירער פֿון דער זשאַקעריע, פֿון די „היציקע קאָזאַקן״, וואָס שרײַבט צום פֿירשט דאָמיניק אָסטראָגסקי־זאַסלאַווסקי (דעם 25סטן יולי 1648), אַז זיי פֿאַרטיידיקן דעם גלויבן, און דערפֿאַר דאַרף מען „די ייִדן אָפּשטופּן ביז דער ווײַסל, ווײַל פֿון די ייִדן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן״[35].

קריוואָנאָס איז געווען דער מאַקסימאַליסט, און ווי עס דריקט זיך אויס קאָסטאָמאַראָוו: „ווי אַלע מענטשן פֿון דער פֿאָלקסמאַסע, האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזן צו קיין שום קאָמפּראָמיסן״[36]. להיפּך צום „אינטעליגענטן״, „דיפּלאָמאַטישן״ כמעלניצקין איז קריוואָנאָס ווײַט פֿון וועלכע עס איז הכנעהדיקע פֿלענער און חניפֿות צו די פּריצים. ער איז דער שטורמער פֿון באַר, וווּ ער רופֿט צו „רײַסן לעבעדיקערהייט די פֿעל פֿון די זשידעס״[37].

וועגן אים ווערט דאָס דערציילט, אַז ער האָט אויסגעשחטן 15 טויזנט ייִדן און פּאָליאַקן, און אַז אין באַר זײַנען אַ דאַנק אים אומגעקומען צווישן איין און פֿינף טויזנט ייִדן און פּאָליאַקן[38].

---

[35] Kwartalnik Historyczny, VI, 50; С. Томашівський, Матеріали до історії Хмельниччини З.Н.Т.Ш. XIV, 1—14. אַ ריי אוניווערסאַלן וועגן קריוואָנאָס פֿון פֿירשט זאַסלאַווסקי. דאָס זײַנען וויכטיקע מקורים.

[36] Костомаров, XXI, 821.

[37] Регесты и надписи I, 901, 902, 903.

ער ווערט דערמאָנט אין צוויי מיטלצײַטלערישע ייִדישע געשריבענע קינות. אין איינער פֿון זיי ווערט געזאָגט:

דען קינדר דיא הייליגי מילה אפגשניטן אז אין גראז גלייך עז עמלק האט גיטאן קריוו"ה נא"ז.

אין אַ צווייטער קינה ווערט זײַן נאָמען אויסגעלייגט פֿריוואָ נאָז: מיט דעם וואָרט הייבט זיך אָן די סטראָפֿע מיטן אות כ׳. זע: מ. ווײַנרײַך, בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע. ווילנע 1928, ז׳ 206 און 216.

[38] Регесты и надписи I, 903.

אַנדערע מקורים אין מײַנע הערות צום „יון מצולה״.

קריוואָנאָס פֿיגורירט אין איין אוקראַינישער היסטאָרישער דומע אונטערן נאָמען Максим Полтавський, אין אַן אַנדערער ווי Максим Перебийніс. ער האָט עס גענומען פּאָלאָנע און געמאַכט דאָרטן אַ שחיטה (22סטן יולי), קאָנסטאַנטינאָוו א"א. מיט דער צײַט האָט ער באַהערשט די טעריטאָריע פֿון דעם גאַנצן ברעג פֿון טײַך בוג (Bug).

אין אַ ליד ווערט וועגן אים געזאָגט:

Перебийніс водить немного
Сім сот козаків з собою
Рубає мечем голови з плечей,
А решту топить водою[39].

באַזונדערס איז קריוואָנאָס געווען אויפֿגעבראַכט אויף יערעמי ווישנעוועצקי, וואָס האָנאָווער לויבט אים אַזוי שטאַרק און וואָס כמעלניצקי האָט אויך אים אַ ביסל געחנפֿעט.

וואַצלאַוו ליפּינסקי, אַן אוקראַינישער היסטאָריקער, כאַראַקטעריזירט קריוואָנאָסן אַזוי: „בראש פֿון דעם המון האָט זיך אַרויסגערוקט אַ מאַן, וואָס זײַן נאָמען איז זייער גיך געוואָרן אַ מקור פֿון שרעק און ציטערניש פֿאַר די פּוילישע פּאַנעס. דאָס איז געווען מאַקסים קריוואָנאָס, אַ בלוטיקער נקמה־נעמער פֿאַרן אוקראַינישן המון, אַזוי גרויזאַם ווי די פּוילישע איבער־מאַכט, וואָס האָט אים געבראַכט צום לעבן"[40].

קושעוויטש דערציילט, אַז קריוואָנאָס האָט געאַרבעט אויף זײַן אייגענער אַחריות און אַז כמעלניצקי האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. אַנדערע כראָניקער לייקענען דאָס. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק[41]. וויכטיק איז, אַז אַ דאַנק קריוואָנאָסעס

---

[39] Д. Ревуцький. Українські думи та пісні історичні, Київ, 1930, 147–148. אז כמעלניצקי און קריוואָנאָס האָבן ראַ־בירט טאַקע בשותפות, זאָגט עדות דער דאָקומענט אין А. Ю. З. Р. III, 62

[40] Lipiński, o. c, 383.

[41] Грушевський, o. c. VIII, ч. III, 39–40

נצחונות איז כמעלניצקי געוואָרן דער בעל־הבית איבער דער סטראַטעגישער סיטואַציע, פֿאַר וועלכער ער האָט זיך אַזוי געשראָקן. אמת: כמעלניצקי האָט געזען אין קריוואָנאָסן זײַנעם אַ „קאָנקורענט", אָבער ער האָט די דאָזיקע „קאָנקורענץ" אויסגעטײַטשט צו פּערזענלעך, בעת אין דער אמתן איז דאָס געווען אַן אונטערשייד אין סאָציאַלן צוגאַנג צו דעם אויפֿשטאַנד. קריוואָנאָס האָט מיט זיך רעפּרעזענטירט די סטיכיע פֿון דער פּויערישער רעוואָלוציע און כמעלניצקי האָט פֿאַרטראָטן די אָפּאָזיציע פֿון דעם קאָזאַקישן שטאַנד קעגן דעם מאַגנאַטנטום. קריוואָנאָס האָט זיך ווינציק גערעכנט מיט כמעלניצקין. ער האָט געוווּסט, אַז די ברייטע מאַסן פֿון פּויערים און אומפֿאַרמעגלעכע קאָזאַקן זײַנען געווען מיט אים. אין אַ בריוו פֿון וואַרשע ווערט דערציילט, אַז קריוואָנאָס האַלט ניט פֿון העטמאַן און האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער, כמעלניצקי, איז ניט „אונדזער געשווירענער העטמאַן. איך קען אויך דאָס ווערן, פּונקט ווי דו און דיך וועל איך ניט פֿאָלגן"[42].

קריוואָנאָסעס „שאַרפֿער אַנטיסעמיטיזם" איז געווען לויט דעם היסטאָריקער טאָמאַשעווסקי[43] אַ סינטעז פֿון „ראַדיקאַלן דעמאָקראַטיזם" און „ריטערלעכן ראָמאַנטיזם", וואָס האָט געשטערט כמעלניצקין צו לאָקאַליזירן דעם אויפֿשטאַנד און אויסמײַדן די שרעקנס פֿון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. אויף דער פּאָליטישער אַרענע האָט קריוואָנאָס זיך באַוויזן ערשט אין יולי 1648, בכן נאָך די ערשטע צוויי גרויסע מפּלות פֿון דער פּוילישער אַרמיי. ער איז געשטאָרבן סוף 1648. דעמאָלט איז די לאַגע געווען אַ גינציקע פֿאַר כמעלניצקין. ער האָט געקענט מילד מאַכן דעם סיכסוך, וואָס איז אין זײַנע אויגן געווען ניט מער ווי אַ קאָנ-

---

[42] Жерела IV, 35—36, 39; Гушевський, o. c. VIII, ч. II, 39—45 sq.
אין די Жерела אַ סך וויכטיקע באַריכטן וועגן קריוואָנאָסעס גרויזאַמקייטן.

[43] Жерела VI, 41.

פליקט צווישן די רעגיסטרירטע קאָזאַקן און פוילישע מאַגנאַטן. ער האָט שפּעטער אין 1649 געשריבן, אַז ער האָט קיין מאָל ניט אויפגעהויבן קיין מרידה קעגן דעם קיניג, און דערפאַר האָט ער געקענט האָפן, אַז דער דאָזיקער סיכסוך וועט יושרדיק ווערן אויסגעגלײַכט [44].

די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון כמעלניצקיס זיגזאַגן־פּאָליטיק ביז זײַן ענדגילטיקן אונטערגעבן זיך דעם מאָסקעווער צאַר איז גוט באַקאַנט. די קאָזאַקישע סטאַרשינעס האָבן געהאָפט, אַז מיט דער הילף פון דער מאָסקעווער מאַכט וועלן זיי ווערן די בעלי־בתּים פון גרויסע לאַטיפונדיעס, אַ מין שכר פאַר פאַר־גרעסערן די מאָסקעווער טעריטאָריע. די בהדרגהדיקע פאַרשקלאַ־ווונג פון דער קאָזאַקישער בורזשואַזיע נאָך דעם, ווי די לינקדנע־פּערדיקע אוקראַינע איז געוואָרן מאָסקאָוויטיש, איז אַ צו גוט באַקאַנטער היסטאָרישער פאַקט, אַז מען זאָל דאַרפן אויף דעם זיך דאָ אָפּשטעלן. עס איז גענוג אָנצווײַזן, אַז אויף דער פּעטיציע געשיקט קיין מאָסקווע (מערץ 1654) האָט כמעלניצקי געפאָדערט, אַז די שטאַנדן זאָלן בלײַבן ביי זייערע פּריווילעגיעס: די גײַסטלעכע בײַ זייערע, די שליאַכטע און די קאָזאַקן אויך. די קאָזאַקישע עלטסטע דאַרפן אָפּהיטן, אַז קיין איינער פון די שטאַנדן (קלאַסן) זאָל ניט פאַרכאַפּן פאַר זיך די רעכט, וואָס געהערן ניט צו אים. „ווער עס איז אַ קאָזאַק, דער זאָל האָבן זײַנע קאָזאַקישע פרײַהייטן און ווער איז אַ פּויער (селянин), זאָל טראָגן זײַנע התחײַבֿותן דעם צאַר, ווי עס איז אַמאָל געווען“ [44a].

כמעלניצקיס אויפשטאַנד — האַלט הרושעווסקי — איז

---

[44] דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען גאַנץ וואָלין, פּאָדאָליע און רויט־רוסלאַנד (האַליטשינע) איז געווען אין כמעלניצקיס הענט.

Cf. I. Крипякевич, Студії над державою Б. Хмельницького. З.Н.Т.Ш. 144, 109.

[44a] З.Н.Т.Ш. 21, 23–24.

געווען פּאָליטיש און סאָציאַל אַ דורכפֿאַל (фіаско)[45]. „די גרויסע פּאָליטישע איבערקערעניש האָט דורכגעפֿירט אַ מאַן — זאָגט דער זעלביקער היסטאָריקער, — וואָס האָט קיין שום באַגריף ניט געהאַט וועגן איבערקערענישן, וואָס מיט זײַנע פּלענער איז ער ניט אַרויס פֿון דעם ענגן קרײַז פֿון די אינטערעסן פֿון דער גרופּע מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעהערט".

כמעלניצקי איז געשטאָרבן דעם 27סטן יולי 1657 אין טשיהירין.

די מיטצײַטלער האָבן געהאַט פֿאַרשיידענע מיינונגען וועגן כמעלניצקין. ער איז געווען אַ „משה, אַן אויסלייזער, אַ באַפֿרײַער פֿון פּוילישן יאָך" — האָבן געזונגען אַ לויבגעזאַנג די פּראַוואָ-סלאַווישע אין קיעוו, בעת ער איז מיט אַ קיניגלעכער פּאָמפּע אַרײַנגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן (1650). „מערדער, פֿאַררעטער באַנדיט, טיראַן, ניט-גלייביקער"—מיט אַזעלכע עפּיטעטן טיטולירט אים אויך אַ פּראַוואָסלאַווישער, אָבער אַ רײַכער פּריץ[46].

דער היסטאָריקער מאַקסימאָוויטש איז פֿול מיט ענטו-זיאַזם פֿאַר דער געשטאַלט פֿון דעם העטמאַן; אַקעגן קוליש, אויך אַן אוקראַאינישער היסטאָריקער, האָט אים פֿײַנט און רופֿט אים אָן „טאַמערלאַן". מען האָט אים פֿאַרגליכן מיט זײַן ענגלישן מיטצײַטלער קראָמוועל, וועלכער האָט אַגב געשריבן צו אים אַ בריוו, טיטולירנדיק אים „אימפּעראַטאָר פֿון אַלע קאָזאַקן, אויס-ראָטער פֿון פּריצים, אַנטיקריסטן און ייִדן"[47]. גראָנדסקי, וועל-כער איז אַריבער אויף זײַן צד, רופֿט אים אָן משה און פֿאַר-גלײַכט אים מיט יהודה המכבי[48]. אין די אויגן פֿון דעם היסטאָ-ריקער Карпов איז ער אַזוי גרויס, ווי ווילהעלם דער אָראַניער,

---

[45] ibidem, 27.

[46] ibidem, p. 1. (דאָס איז געווען יאַקים יערליטש)

[47] Кіевская Старина 1882, 1, 212.

[48] Grondski, o. c. 29.

וואַשינגטאָן אַאַז״וו[49]. בוצינסקי[50], אַן אוקראַינאָפּילישער היסטאָ־ריקער, האַלט אים פאַר אַ „פּוילישן פּריץ און פאַרשקלאַוער פון פּויערים, וועלכער איז דורך אַ קאַפּריז פון גורל פאַרטראָגן געוואָרן אין די רייען פון דער קאָזאַקישער דעמאָקראַטיע״.

אין די אויגן פון שאַינאָכאַ (Szajnocha) איז כמעל־ניצקי געווען דער „אינסטרומענט פון גאָט פון נקמה קעגן דער עגאָיִסטישער, קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק פון דער פּוילישער שליאַכטע, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן צו דעם ריטער־לעכן רוף פון דעם קיניג וולאַדיסלאַוו דעם פערטן״. דער גרויסער פּוילישער היסטאָריקער לודוויק קובאַלאַ, וואָס פון אים האָט סענקעוויטש געשעפּט אינספּיראַציע פאַר דער באַרימטער טרי־לאָגיע, שרײַבט וועגן כמעלניצקין אַזוי:

„דאָס איז געווען פון יעדן שטאַנדפּונקט אַ מאַן פון אויסער־געוויינטלעכן קאַליבער. ער האָט אַריבערגעשטײַגט אַ סך זייער פעיִקע מענטשן ביז אַזאַ מדרגה, אַז ער שטעקט אין וועלטן, וואָס מען קען ניט גרייכן. ער איז געבוירן געוואָרן צו זײַן אַ הערשער. ער האָט געקענט באַהאַלטן זײַנע צילן, אין אַנטשיידנדיקע מאָ־מענטן האָט ער זיך ניט געקווענקלט. אומעטום אַ מעכטיקער ווילן און אַן אײַזערנע האַנט״[51].

טאָמקעוויטש, דער נײַסטער היסטאָריקער פון דער כמעלניטשינע, אַליין אַ פּאָליאַק, גיט צו, אַז דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער מענטש, וועלכער האָט „אָן ספק איבער־געשטײַגט אַלע זײַנע מיטצײַטלער אין פּוילן״ און אַז ער איז געווען אַ פלינקער און אַ גרויסער דיפּלאָמאַט[52]. הרושעווסקי האָט אים ניט ליב. לויט אים האָט כמעלניצקי געפעלשט אין

---

[49] Карпов, Въ защиту Б. Х. 1890, 104.

[50] Буринскій, О Б. Хмельницком 1882. Cf. Грушевський, о. с. IX 1481.

[51] Wojna moskiewska 1914.

[52] Tomkiewicz o. c. 205.

פֿאָלק, אָבער ער לויבט זייער זײַן ווילן און טאַלאַנט פֿאַר אָרגאַניזאַציע. דער קאַמף זײַנער איז אָבער געווען אַ פֿאַרשפּילטער, ווײַל זײַן אָריענטאַציע איז געווען אַ פֿאַלשע. טאָמאַשעווסקי פֿאַרטיידיקט כמעלניצקין קעגן דער באַשולדיקונג אין „אַנטיסעמיטישער בלוט-דאָרשטיקייט". אויב מען קאָן עמעצן אויפֿוואַרפֿן אַזעלכעס, איז דאָס לויט זײַן מיינונג געווען קריוואָנאָס און ניט דער העטמאַן[53].

ווי אַן עפּילאָג צו דער שילדערונג פֿון כמעלניצקיס קאַמף איז כדאַי צו ברענגען אַ בריוו פֿון אַ קאָשעוואָי אַטאַמאַן הוסאָק, וואָס האָט געדינט בײַ מאַזעפּאַ (18טער י״ה). ער באַקלאָגט זיך, אַז איצט איז דעם „געמיינעם פֿאָלק" זייער שלעכט אין די פּולקן. „בײַ די פּאָליאַקן זײַנען געווען גרויסע אונטערדריקונגען פֿון די מיליטערישע פֿרײַהייטן, און דערפֿאַר האָט באָהדאַן כמעלניצקי פֿאַרפֿירט אַ מלחמה קעגן זיי, בכדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון זייער אונטערטעניקייט. מיר האָבן דעמאָלט געמיינט, אַז דאָס קריסטלעכע פֿאָלק וועט אייביק מער ניט זײַן פֿאַרשקלאַווט; איצט זעען מיר, אַז אָרעמע מענטשן איז ערגער, ווי עס איז געווען בײַ די ליאַכן, ווײַל יעדער איינער וואָס דאַרף ניט האַלט אונטערטאַנער"...[54]

אויך די אוקראַיִנישע פֿאָלקסמאַסע האָט פֿאַרשאָלטן כמעלניצקיס אָנדענק אין אַ ליד, אין וועלכן זי וואַרפֿט אויף אים קללות דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיי, די שקלאַוון, איבערגעלאָזט אין פּאַנשטשיזנע[55].

Бодай Хмеля Хмельницькаго перва пуля не минула,
що велів брати дівки й парубки і молодні молодиці!

---

[53] Жерела, VI, 127, 197.
[54] Мякотин, о. с., II, 156–157.
[55] Антонович и Драгомановъ. Историческія пѣсни малорусскаго народа. Кіев 1874, II, 116.

דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון אומצופרידנקייט מיטן קאָמפּראָמיס־אָפּמאַך פון זבאָראָוו, וועגן וועלכן האַנאָווער דערציילט אין זײַן כראָניק, ניט פאַרשטייענדיק די פּאָליטישע באַדײַטונג פון דעם דאָזיקן אַקט. דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט געבראַכט דערצו, אַז טאָטערן האָבן גענומען און פאַרקויפט פאַר שקלאַוון אוקראַאינישע בחורים און מיידלעך, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט יידישע. בעת דער ייִד האַנאָווער זעט אין דעם אַ „גליק“, ווײַל פון טאָטערישער געפאַנגענשאַפט פלעגט מען זיך אויסקויפן מיט געלט, האָט די אוקראַאינישע פאָלקסמאַסע געקוקט אויף דעם (און מיט רעכט) ווי אויף אַ בגידה, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון כמעלניצקיס פּראָפּוילישער אָריענטאַציע און האָט דערפירט צום חורבן פון אוקראַאינע.

V

דער כמעלניצקי־אויפֿשטאַנד און ייִדן

Nulla fides pietasque viris qui
castra sequuntur.
(פֿון אַ מיטצײַטלערישער כראָניק)

„היות כי ידוע החורבן השלישי שנעשה בימינו בשנת ת"ח לאלף הששי... ממש היה דומה לחורבן הראשון והשני"—אַזוי שרײַבט ר' שבתי שעפֿטיל האָראָוויץ, דער זון פֿון של"ה[1]. וועגן אַן אַלגעמײַנעם חורבן רעדט זיך אויך אין מעמאָרבוך פֿון דער קהילה אין מינדן (האַנאָווער), ווו עס איז פֿאַרשריבן געוואָרן לזכר עולם, אַז כמעל האָט ניט געשוינט קיין איין ייִדיש הויז. „החורבן הלז היה ע"י רשע ובליעל שחק עצמותיו הנקרא חאמעל אשר לא חמל על כל נאות יעקב"...[1a]

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ גוזמא. סטאַטיסטיש לאָזט זיך דער דאָזיקער חורבן ניט באַשרײַבן. עס קען אַפֿילו ניט פֿעסטגעשטעלט ווערן די גרייס פֿון די קריגס־אָפּצאָלונגען וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די ייִדן. מיר ווייסן נאָר, אַז אין וואָלין האָט מען פֿאַרפֿירפֿאַכט דעם פּאָדימנע־שטײַער און דאָס געלט איז געגאַנגען אויף מלחמה־הוצאות. אין 1651 האָט דער וואָלינער סיימיק באַשטימט אָפּצושאַפֿן אַט דעם שטײַער. (Ap-хив Ю. З. Р. III, 216). אויך די צאָל פֿון די קרבנות לאָזט זיך ניט פֿעסטשטעלן. אַלע ציפֿערן, האַנאָווערס ניט אויסגעשלאָסן

---

[1] ברית אַבֿרהם (זמן צוואה), ציטירט לויט דער אויסגאַבע וואַרשע 1878, היספּה, ז' 31.

[1a] Löwenstein, Z.f.G.d. Juden in Deutschland 1887, I, 197

זײַנען פֿאַנטאַסטישע. די ייִדן האָט געפֿעלט גערפֿיל פֿאַר צאָל, און איבערגעשראָקענע ליפּן פֿון די פּליטים האָבן דעם מחבר פֿון „יון מצולה" איבערגעגעבן גוזמאדיקע ציפֿערן. בכלל קען מען האַנאָ־ווערס דאַטעס ניט צונויפֿצייל. ניט אומעטום גיט ער אָן די צאָל פֿון די קרבנות, און ווי ווײַט די צאָלן שטימען מיט אַנדערע אָנווײַזונגען, ווערט געוויזן אין מײַנע הערות צום „יון מצולה".

לויטן „טיט היון" קומט אויס, אַז 700 קהילות זײַנען חרוב געוואָרן, און 670.000 ייִדן זײַנען אומגעקומען. ציילן ציילט ער אָן אָבער נאָר 281 קהילות[2]. לויט דעם מחבר פֿון „מגילת עיפה" זײַנען אומגעקומען 100.000 ייִדן. מרדכי ב"ר נפֿתלי הירש, אַ תּלמיד פֿון ב"ח, גיט אָן אין זײַן חיבור „קטרת המזבח" (זײַט 23), אַז 400.000 ייִדן זײַנען געהרגעט געוואָרן. מנשה בן ישראל רעכנט אויס, אַז די קאָזאַקן האָבן אויסגעהרגעט 180.000 ייִדן (אין אַ בריוו צו אָליווער קראָמוועל)[3]. אין פּנקס פֿון ליטווישן וועד ווערט אין דער צײַט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע ניט אָנגעגעבן אַפֿילו אין ציפֿערן די צאָל פֿון קרבנות. עס ווערט געזאָגט, אַז עס זײַנען געווען אַ סך צענדליגער טויזנטער הרוגים (כמה וכמה רבבות מישראל)[4].

ווי ווײַניק מען האָט זיך אָריענטירט אין דעם פֿאַרנעם פֿון דער גזירה ת"ח, קען דינען ווי אַן אילוסטראַציע אַ קלאָגליד פֿון 1768, פֿון דער תּקופֿה פֿון הײדאַמאַטשינע, ווו מיר לייענען, אַז:

---

[2] M. St(einschneider). Der Zug des Chmielnicki und die Zahl der Juden (1648) nach Samuel b. Natan's T i t Ha Jawen (Zeitschrift für hebräische Bibliographie, המזכיר 1864 ,VII, 36—38) גיט אָן די צאָל פֿון קרבנות 600.070 (!); די נעמען פֿון שטעט שלעכט געלייענט.

[3] L. W o l f, Menase b. Israel's Mission to Oliver Cromwell, London 1901, XXXIX.

מנשה בן ישראל האָט געהאַט אין פּוילן אַן אַגענט, וועלכער פּלעגט אײַנקויפֿן פֿאַר אים ספרים (R. d. E. J, 49, 105).

[4] פּנקס מדינת ליטא (שנת ת"ט, סימן תס"ג).

„על גזרות ת"ח מאכט מען א תענית בך' סיון אין מען טיט
סליחות זאגין
על גזרות אוקריינע מעג מען וואכין מאכין תעניתים, סעדא
מער צי קלאגין".[5]

אין 1768 האָט מען געקוקט אויף די היידאַמאַקישע שחיטות ווי אויף עפּעס וואָס איז שרעקלעכער פאַר דער כמעלניטשינע. דאָס איז היסטאָריש פאַלש, אָבער עס באַווייזט, ווי ווינציק מען האָט געוווּסט וועגן דעם אמתן חורבן פון 1648.

אויך אין די פוילישע מקורים זײַנען די ציפערן שטאַרק גוזמאדיק. אַזוי למשל געפינען מיר אין די זכרונות פון אַלברעכט ראַדזיוויל, אַז אין דער תקופה פון כמעלניצקי האָט פוילן געהאַט אַן אָנווער אין באַפעלקערונג אַזוי גרויס ווי אַ מיליאָן נפשות.[6]

לויט דער אויסרעכענונג פון דעם היסטאָריקער יעפי־מענקאָ זײַנען חרוב געוואָרן 3000 קהילות און אומגעקומען 250.000 ייִדן.[7]

לויט די אויסרעכענונגען פון ד"ר שיפּער האָט ערבֿ 1648 געקענט זײַן אין גאַנץ פוילן און ליטע אַן ערך 450.000 ייִדן — איז ממילא אויסגעשלאָסן, אַז מען זאָל אָננעמען די ציפערן פון קרבנות, וואָס די מיטצײַטלער גיבן אָן, ווי אויטענטישע.[8]

די ציפער 180.000, וואָס מנשה בן ישראל גיט אָן, איז אפשר נעענטער צום אמת, הגם דעם מאָדערנעם היסטאָריקער

---

[5] „הויזפרײַנד" פון מ. ספעקטאָר, III, 1894, 190; אויך איבערגעדרוקט אין באַסינס אַנטאָלאָגיע, I, 90.

[6] Pamiętniki Albrechta Radziwiłła. Wydanie Raczyńskiego, II, 392.

[7] Ефименко, Очерки исторіи правобережной Украины. Кіевская Старина, 1894, X, 70.

[8] Исторія еврейскаго народа в Россіи, XI, 114; idem: Żydzi w Polsce Niepodległej I, 31.

בײַ שיפּערן איז אַגבֿ אַ טעות אין די ציפערן פון „טיט היון": עס דאַרף טאַקע זײַן 600.000, און ניט 60.000, ווי ער גיט אָן.

ווײַזן אויס אַלע ציפערן פון יענער תקופה, אַ שטייגער די צאָל סאָלדאַטן, הרוגים אין שלאַכטן, געפאַנגענע, אַזוי שטאַרק איבער-געטריבן (איבער פּאָליטישע טעמים), — אַז מען מעג אַפילו ד-ציפער פון 180.000 פאַרקלענערן לכל הפחות אויף אַ העלפט.

אויב מיר קענען ניט אַרויסבאַקומען קיין פּאַקטישע סטאַ-טיסטישע ידיעות וועגן דעם חורבן פון ת״ח, קענען מיר אָבער אויפן סמך פון איינצלנע פאַקטן זיך פאָרשטעלן דאָס אַלגעמיינע בילד. אַ גוט בילד פון דעם גורל פון ייִדן נאָך דער כמעלניטשינע גיט די סטאַטיסטיק פון שטעטל זינקאָווקע (Zinkówka) אין פּאָדאָליע, וואָס איז לויטן זבאָראָווער טראַקטאַט געוואָרן אַ גרענעץ-שטעטל צווישן פּוילן און דער קאָזאַקישער טעריטאָריע. אין 1578 האָבן 9 ייִדן געצאָלט אַ טאָפּלטן שאָסשטײַער; פיר ייִדן האָט מען מחמת אָרעמקייט אין גאַנצן באַפרײַט פון דעם דאַזיקן שטײַער. אין 1653 האָט שוין דאָס שטעטל געהאַט 20 קריסטלעכע הײַזער און נאָר איינס — אַ ייִדישס. אין 1701 זײַנען דאָרטן געווען אין גאַנצן דרײַ ייִדן. („Ruś," Lwów 1911, III, 243-244)

אין די טאַריפן פון „קוימען-שטײַער" ווערן שוין ייִדן ניט דערמאָנט אין אַזעלכע געוועזענע ייִדישע צענטערס, ווי פּאָלאָנע, לובאַר און אָסטראָפּאָל, ווי דאָס איז צו זען פון די באַריכטן פאַר די יאָרן 1651, 1653, 1655 און 1658[9]. דער סכום צאָלער פון „פּאַדימנע-שטײַער" אין אָסטרע האָט זיך פאַרקלענערט אויף 10 מאָל. באַראַנאָוויטש[10] וויל עס אויסטײַטשן, אַז נאָך 1648 האָט זיך פון דאָרטן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע... עמיגראַציע. ער וויל די ייִדישע הרוגים פאַררעכענען אויפן חשבון פון ייִדישע... עמיגראַנטן.

פּאַוולאָ אָלעפּסקי שרײַבט, אַז „כמעל האָט אין גאַנצן אויסגעהרגעט וועלכע עס איז פרעמדע באַפעלקערונג און איצט באַוווינען דאָס דאָזיקע לאַנד נאָר פּראַוואָסלאַווע קאָזאַקן". דאָס

---

[9] Баранович, З.І.Ф.В.У.А.Н., XVII, 9.

[10] Студії з історії України, 1926, I, 10.

רעדט זיך וועגן דעם טײל אוקראַינע, וואָס איז געבליבן מאָסקאָוויטיש. פּאַוולאָ באַשרײַבט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן ייִדישן פֿאַרמעגן אין אוקראַינע. „זײערע שײנע הײַזער, געשעפֿטן און אײַנפֿאָרהײַזער זײַנען געוואָרן אַ מקום-מקלט פֿון ווילדע חיות, ווײַל כמעט (גאָט זאָל אים שענקען לאַנגע יאָרן!) האָט פֿאַרכאַפּט די סאַמע באַפֿעלקערטע פּלעצער״. ווײַטער דערציילט פּאַוולאָ, אַז די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט שחיטות אויף די קאָזאַקן און שילדערט אַזעלכע אַכזריותדיקע מעשים וואָס קענען צוגעגליכן ווערן צו די פֿאַקטן וואָס האַנאָווער דערציילט.

אין דער שטאָט ט ר י פּ אָ ל י ע — דערציילט פּאַוולאָ — שטײט דער גרעסטער טײל הײַזער ליידיק און דווקא דאָרטן ווו עס איז געווען דער ייִדישער צענטער, און איצט שטײען די ייִדישע שײנע הײַזער (гарні доми), קלײטן און אײַנפֿאָרהײַזער פּוסט און אָן מענטשן. וועגן א ו מ אַ ן דערציילט דער זעלביקער פּאַוולאָ, אַז די שענסטע הײַזער האָבן פֿאַר 1648 געהערט צו ייִדן, פּאָליאַקן און אַרמעניער. איצט שטײען זײ ליידיק. אויך אין קיעוו האָבן די שענסטע הײַזער געהאַט רײַכע ייִדן. וועגן פּרילוק דערציילט דער זעלביקער עדות, אַז אַ סך ייִדן און פּאָליאַקן האָבן זיך געשמדט, נאָך דעם ווי עס איז זײ ניט געראָטן צו אַנטלויפֿן פֿון דאָרטן. „ווער עס האָט זיך ניט געוואָלט שמדן, דעם האָט מען געהרגעט און אָפּגעשיקט צום טײַוול״. פּאַוולאָ דערמאָנט אויך די שטאָט באָהוסלאַוו, וואָס וועגן איר פֿאַרנאָטירט ער אַזוי: „ייִדישע און פּוילישע בנינים, קראָמען און אַכסניות שטײען איצט ליידיק״[11].

---

[11] די אַלע ציטאַטן פֿון פּ אַ ו ו ל אָ אַ ל ע פּ פּ ס ק י גענומען פֿון Грушевський, Історія України – Руси, IX, 969, 970, 978–79, 1004.

אין איין מקור ווערט געזאָגט, אַז כמעלניצקי האָט געשאָנקען דעם לובנער יעסאַול לעווקאָ ק אָ נ ס ט אַ נ ט י נ אָ ו ו אַ „פּוסטן ייִדישן הויף״ (двір пустий жидівський).

І. Крипякевич, Укр. державний скарб. З.Н.Т.Ш., СХХХ, 80.

נאָך דעם ווי דאָס לאַנד האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און אייניקע פּריצים האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע הויפֿן אַרײַן, האָט מען נאָך אַלץ געלעבט אונטער דער שרעק פֿון דעם קאָזאַקן־אויפֿשטאַנד און געווען גרייט מקריבֿ זײַן די ייִדן צוליב שלום מיט די קאָזאַקן. ווען די פּריצטע שיניאַווסקאַ האָט זיך אין 1650 אומגעקערט אין איר שקלאָווער מאַיאָנטעק, האָט זי גע־הייסן אַרויסטרײַבן אַלע ייִדן פֿון שטאָט, ווײַל צוליב די ייִדן, האָט זי באַמערקט, איז „די מלוכה חרובֿ געוואָרן". אירע אונטער־טאַנער אין דער שטאָט שקלאָוו האָט זי באַפֿוילן, אַז אויב קאָזאַקן וועלן זיך באַווײַזן אונטערן שטאָט, זאָל מען זיי אַרײַנלאָזן און זיך ניט אַנטקעגנשטעלן [12].

אין רעזולטאַט פֿון די גזירות און די כראָנישע מלחמות, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן צען יאָר צײַט, איז געקומען די גרויסע עקאָ־נאָמישע ירידה פֿון ייִדן אין פּוילן. אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין מערבֿ־אייראָפּע כאַראַקטעריזירט יענע תּקופֿה, אַן עמיגראַציע, וואָס איז נאָך לײַדער ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן אין דעם מאָס־שטאַב, ווי זי פֿאַרדינט אויסגעפֿאָרשט צו ווערן. מיר וועלן דאָ אָנגעבן וועגן דעם ענין אַ ביסל מאַטעריאַל וואָס מיר האָבן זיך אויף אים אָנגעשטויסן.

אין דער פֿראַנצויזישער שטאָט Haguenau באַגעגענען מיר פּוילישע ייִדן, וואָס זײַנען אַהין געקומען באַלד נאָך די גזירות ת"ח [13]. קיין האָלאַנד זײַנען אַנטלאָפֿן מאַסן ייִדן. עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז אין 1656 זײַנען אויף די דרײַ שיפֿן אָנגע־קומען אַן ערך דרײַ טויזנט נפֿשות [14].

אין „שארית ישראל" געפֿינען מיר אַזאַ ידיעה וועגן דעם

---

[12] Грушевський, ibidem IX, 220.

[13] Revue des études Juives, VI I, 243.

[14] Tijdschrift van de Maatschappij tot nut der Israelieten in Nederland, 1851, I, 105.
לויט אַנדערע מקורים זאָל דאָס זײַן 300 און ניט 3000. זע: Z.f H.B., IX, 46

אַנקום פֿון די פּוילישע ייִדן: „אין דעם יאָר ת"ח זיינן גאָר פֿיל פּוילישי יהודים אַהער גקומן גאנצי שיפֿן פֿול. זיא פֿארן באַקיט אונ׳ בלוס. דען זיא זיינן אנטלאָפֿן אויס פּולין איבר דיא גזירות חמעל.. דא האבן זיך דיא פּורטיגיזה יהודים וגם איזה נוצרים איבר זיא מרחם גוועזן. אונ׳ האבן זי פֿיל גוטש גטאַן. אונ׳ דיא פֿאלאקן האבן זיך איין בזונדרי קאמר גהייארט [געדונגען] אום מנין צו מאכן. דען זיא האבן גוועלט האלטן מנהג פּולין. דארום זיינן זיא איין בזונדרי קהלה גוועזן אונ׳ האבן איין בזונדליכר רבֿ גהאט״...[15].

פּוילישע ייִדן באַווײַזן זיך אין אָווערייזעל (Overijsel), אַ האָלענדישער פּראָווינץ, ווו זיי ווערן דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער ייִדישער געטאָ, אין דער שטאָט כראָ־נינגען (Groningen) און אַנדערע שטעט[16].

קראָנקע און אָרעמע ייִדן פֿון אוקראַינע האָט מען געזען אין אַלטאָנע, ווו אַ ייִדישער נדבֿן האָט זיי געגעבן שוץ אין זײַן הויז[17]. די ספֿרדישע קהילה אין האַמבורג האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דער אוקראַינער קאַטאַסטראָפֿע און געשטיצט די עמיגראַנטן[18]. פּוילישע פּליטים וואַנדערן דורך פּרײַסן זוכנדיק ברויט[19]. אוקראַינער עמיגראַנטן געפֿינט מען זייער פֿרי אין פֿראַנקפֿורט

---

15 שארית ישראל, אמסטערדאם 1771 דף קלד[2]. אין קאַפּיטל לב ווערט דערציילט וועגן גזירות ת"ח. — וועגן דער באַציִונג פֿון די אַמסטערדאַמער ייִדן צו די פּוילישע בשעת די גזירות, זע: נ. סוקולוב אין „העולם" גליון מ"ו, תרצ"ג (1932).

16 H. Poppers, De Juden iu Overijsel, 1926, 39. J. Mendels, De joodsche Gemeente te Groningen, 1906.

17 Jahrbuch, Fr. a. M., XVl, 106—107.

18 ibidem, VII, 173–174; 185–186.

19 (König) Annalen der Juden in preussischen Staaten 1790, 85.

בײַם מאַין [20]. קיין קעלן האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ תּלמיד־חכם, וואָס איז אַהין אַנטלאָפן פון פּרעיאַסלאַוו [21].

ווי גרויס עס איז געווען דער אינטערעס פאַר די פוילישע ייִדן אין ענגלאַנד, איז דערמאָנט געוואָרן אין שײַכות מיט מנשה בן ישראל. עס איז אויך כדאַי אָנצוווײַזן, אַז אין 1655 האָט די ענגלישע פרעסע געשריבן וועגן דער „קאַטאַסטראָפע פון די ייִדן אין פוילן" (Distress of Jews in Poland — געדרוקט אין Mercurius Publicus פון 1טן נאָוועמבער 1655 און אין Public Intelligencer פון 12טן נאָוועמבער). פון די זעלביקע צוויי צײַטונגען דערוויסן מיר זיך אַ פאַקט, וואָס איז ניט פאַר־צייכנט אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור, אַז די פוילישע ייִדן האָבן געשיקט אַ פּעטיציע, אַז מען זאָל זיי דערלויבן זיך צו באַזעצן אין עסטרײַך (Polish Jews petition to be allowed to settle in Austria).

אין ליוואָרנאָ, ווו מען האָט געזאַמלט געלט פאַר באַפרײַען פוילישע ייִדן פון טאָטערישע הענט, האָט די דאָרטיקע קהילה אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אַ פערטל פון איר הכנסה דאַרף גיין פאַר דעם צוועק (באַשלוס פון 1655) [22].

אייניקע היסטאָריקער שאַצן זייער הויך די ראָלע, וואָס די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן געשפּילט אין די מערב־אייראָפּעיִשע

---

[20] K r a c a u e r. Geschichte der Frankfurter Juden, 1927, II, 45.

[21] דאָס איז אַ געוויסער ר׳ שמעיה בן יהודה מפּריאַסלב — געשטאָרבן אין 1656.

Cf. B r i s c h, Geschichte der Juden in Köln, 1879, II, 119.

[22] שו"ת דברי יוסף פון יוסף אירגאַס, ליוואָרנאָ, 1742, סימן לו. (וועגן פּדיון שבויים אין פוילן זע: פּנקס מדינת ליטא, אינדעקס). אין 1642 און אין 1650 האָט די פּויזנער קהילה געשיקט צוויי שלוחים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט געלט אויף אויסצולייזן די געפאַנגענע ייִדן.

Dr. L. L e w i n, Die Landessynode der grosspolnischen Judenschaft, 1926, 41.

קהילות. עס זײַנען אָבער אויך פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס לייקענען דאָס אָפּ. דוד קויפֿמאַן האַלט, אַז אַ דאַנק דעם צושטראָם פֿון פּוילישע יידן נאָך 1648 האָבן זיך די ווינער יידן געשפּײַזט מיט „שאַרפֿזין און חריפֿות פֿון פּוילישע תּלמוד־מײַסטערס"[23]. קאָהוט ציטירט אַ היסטאָריקער, מיט וועמען ער שטימט אײַן און וועלכער זאָגט, אַז אין דער תּקופֿה פֿון דעקאַרט און ספּינאָזע זײַנען די פּויליש־יידישע עמיגראַנטן געווען פֿאַרטרעטער פֿון מיטלעלטער און זיי האָבן דאָס געהאַט די שליטה איבערן דײַטשן יידנטום אַ פּאָר הונדערט יאָר[24].

ווי גרויס עס איז געווען די עמיגראַציע פֿון אוקראַאינע קיין פּוילן און אין די אַנדערע לענדער קען מען ניט פֿעסטשטעלן. אָבער איין זאַך איז זיכער: קיין מאַסן־עמיגראַציע איז דאָס ניט געווען. מען קען ריידן פֿון טויזנטער יידן, בשום אופֿן אָבער ניט פֿון צענדליגער טויזנטער. איר השפּעה אָבער אין מערבֿ־אייראָפּע איז געווען גרויס אַ דאַנק דער עמיגראַציע פֿון די גרויסע רבנים, וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן דער שטאָלץ פֿון אַ סך מערבֿ־אייראָפּעיִשע קהילות.

דאָס פֿאָלק איז געבליבן אין דער אַלטער היים און האָט זיך צוריק גענומען צו די אַלטע פּרנסות. „די וועגט פֿון דער שענק זײַנען נאָך ניט אויסגעטריקנט געוואָרן פֿון יידיש בלוט,

---

[23] Kaufmann D, Die letzte Vertreibung der Juden aus Wien, 1889, 61--63.
דאָרטן ווערט געגעבן אַ רײַ פֿאַקטן וועגן דעם גורל פֿון די אוקראַאינער גולים אין עסטרײַך.

[24] Kohut, Geschichte der deutschen Juden, 597.
וועגן דער עמיגראַציע פֿון רבנים זע: דעמביצער, כלילת יופי 56, I,
און אויך:

Markon. J., Etwas über den Einfluss der Wilnaer Emigranten auf das geistige Leben d. deutschen Judenheit im XVII. Jahrh, (Jahrbuch d. jüd. Gemeinde Schleswig-Holstein, 1929/30, I, 111—118).

מיט וועלכן זיי זײַנען געווען באַשפּריצט – זאָגט אַן אוקראַינישע היסטאָריקערין[25] — ווי אַ נײַער אַרענדאַר האָט זיך אַהיפאַרקליבן, און אַלץ איז געגאַנגען ווי פריִער". עס איז אָבער אַזוי געווען נאָר לפנים. די שענקערײַ האָט זיך טאַקע פאַרמערט, אָבער ניט בלויז אויף דער זײַט פון אוקראַינע, וואָס איז געבליבן בײַ פוילן, נאָר נאָך שטאַרקער אין דער יידנרייינער אוקראַינע, ווו קאָזאַקן זײַנען מיט גרויס התמדה אַרײַן אין דער שענקערײַ און האָט געהאַלטן דעם פויער אין דער זעלביקער קנעכטשאַפט און שיפלתן, ווי אין די „אַלטע גוטע צײַטן".

---

[25] Ефименко, Очерки исторіи правобережной Украины. Кіевская Старина 1895, 49, 169.

VI

וועגן די ייִדישע איבערזעצונגען פֿון „יון מצולה״

וועגן די עלטערע ייִדישע איבערזעצונגען פֿון „יון מצולה״ פֿאַרמאָגן מיר אַ ריי ביבליאָגראַפֿישע ידיעות, וואָס זײַנען אָבער אומפּינקטלעך.

בן-יעקבֿ גיט אָן די אויסגאַבעס: 1) אַמסטערדאַם תל״ז (1676/77), 2) אַמסטערדאַם תמ״ו (1686), 3) אָן אַ דרוקאָרט תפּ״ה (1725) און 4) וואַנזבעק תצ״ח (1738). שטיינשנײַדער (CB. 6637) קען: אַמסטערדאַם 1686 און באַשטימט די אויסגאַבע פֿון 1725 אויף אַמסטערדאַם, ווײַל געדרוקט בײַ יעקבֿ בן חיים דרוקער. בײַ Roest איז נאָר פֿאַראַן די וואַנזבעקער אויסגאַבע פֿון 1738. צעדנער האָט די אויסגאַבע פֿון 1725; די דאַטע שטעלט ער מיט אַ פֿרעגצייכן. פֿריעדבערג (בית עקד הספֿרים, ז׳ 261) האָט: 1) אַמסטערדאַם תל״ז (1677), וואָס איז שטאַרק מוטל בספֿק, 2) דאָרטן תמ״ו (1686), 3) אָן אַ דרוקאָרט 1725, 4) וואַנזבעק תצ״ח (1738), 24 בל׳ (דעם פּרט גענומען פֿון Roest), און 5) לעמבערג תרל״ז (1877). Cowley ברענגט נאָר די אַמסטערדאַמער אויסגאַבע פֿון 1686.

מאַקס עריק שרײַבט (געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ז׳ 380), אַז אין ייִדיש איז „יון מצולה״ אַרויס אין אַמסטערדאַם 1666 (דאַרף זײַן 1686) און אַז דער אַרויסגעבער איז דער גר צדק משה בן אַבֿרהם אָבֿינו, וועלכער איז געשטאָרבן אַרום 1733, און אַז שפּעטער איז די דאָזיקע אויסגאַבע איבערגעדרוקט געוואָרן עטלעכע מאָל.

שטיינשנײַדער (Die Geschichtsliteratur der Juden) נו׳ 169) דערמאָנט: 1) אַמסטערדאַם 1686 און שטעלט אונטער אַ פרעגצייכן דעם איבערזעצער משה בן אַברהם, 2) דאָרטן 1725 (דאָס יאָר מיט אַ פרעגצייכן, וואָס איז נישטאָ אין CB), 3) וואַנזבעק 1738—אויך מיט אַ פרעגצייכן (פאַררופט זיך אויף Hebr. Bibliographie X, 63) אַקעגן די אויסגאַבע: לעמבערג 1877, וואָס פריעדבערג דערמאָנט צווישן די יידישע אויסגאַבעס, ציילט ער צו די העברעישע.

דאָס זעלביקע חזרט איבער פראָפ׳ מ. באַלאַבאַן אין דער הקדמה צו זײַן פוילישער איבערזעצונג פון „יון מצולה״ (ז׳ 4).

אין די ביבליאָטעקן זײַנען בנמצא צוויי עלטערע יידישע אויסגאַבעס פון „יון מצולה״.

אין אָקספאָרד האָב איך געפונען די אויסגאַבע פון 1686, וואָס איז אָן ספק די ערשטע אויסגאַבע אויף יידיש בכלל. דער שער־בלאַט לייענט זיך אַזוי:

ספר יון מצולה / דיא גזירות רעות דיא גיוועזן זיין / בשנת ת״ח אונ׳ וויטר: אין / רייסן ליטא אונ׳ אין פוילין: אונ׳ זיין בע׳וה / פיל טויזינט נפשות פון רבנים אונ׳ לומדים / אנשים ונשים בחורים ובתולות מיט אליר / האנד מיתות משונת אום קומן השם ינקם / את דמם: אונ׳ איז אויש דען לשון הקודש / אויף טייטש אין גריים גימאכט גווארדין: / ע״י הר״ר משה בר אברהם ז״ל / בשנת / הוא יבוס צרינו / לפ״ק / נדפס / באמשטרדם / בדפוס דוד בן כהר״ר אורי / פייבש סגל שליט / — 17 בל׳ (33 געדרוקטע זײַטלעך) קל׳ 8⁰.

דאָס איז אָבער ניט קיין איבערזעצונג, נאָר אַ געגראַמטע איבערדערציילונג פון אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון „יון מצולה״. האַנאָווערס הקדמה פעלט אין גאַנצן, ווי אויך די באַשרײַבונג פון קולטורעלן לעבן אין פוילן (דער לעצטער קאַפּיטל פון „יון מצולה״), פון אַנדערע חלקים האָט דער „איבערזעצער״ אַרויסגענומען קליינע פראַגמענטן און זיך געלאָזט גאַר פרײַ גיין מיטן טעקסט פון אָרי־

גינאַל. אַזוי למשל זעט אויס אין דער געגראַמטער „איבערזעצונג" דער פּאַראַגראַף וועגן ווישנעוועצקיס טויט (פאַרגלײַכן מיט לאַצ־קיס איבערזעצונג, ז' 74):

„אונ' ניט לאנג דער נאך איז (ווישנוועצקי) גישטארבן. אונ' זיין זון האט נאך זיין טויט דיא גדולה ערווארבין' וויא דש דער מלך איבר דיא טאטערן האט גיהערט' מיד האט ער דעם (חמיל) ווידר גיערט' אונ' האט אים אויש דער תפיסה ארויש גילאזין' אונ' (חמיל) איז גנגין זיין שטראסין' אונ' פון דען זעל־ביגן טאג אן אונ' ווייטר האט מן ניט פרנומן' וואו (חמיל) מיט זיין גביין איז אהין גיקומן' אבר הש"י ווערט אימש ניט שענקן' וואש ער זיין פאלק ישראל האט אן גיטאן ווערט עש אים גי־דענקין' אונ' גאט ווערט זיך איבר זיין פאלק ישראל מרחם זיין' דש מיר ווערדן באלד קומן קיין ארץ ישראל אריין: אמן סלה:"

דאָס זײַנען אַלץ זאַכן, וואָס האָבן גאָר ניט צו טון מיט האַנאָווערס טעקסט. הגם די דאָזיקע אויסגאַבע פיגורירט אומעטום ווי אַן „איבערזעצונג", איז עס ווײַט דערפון. וועגן דעם „איבער־זעצער" משה בן אַבֿרהם אָבֿינו האָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל צונויפגעזאַמלט י. ליפשיץ אין „פנקס" (ניו־יאָרק), באַנד II, זײַטן 33 — 34.

אין אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק געפינט זיך די ייִדישע אויסגאַבע פון „יון מצולה", געדרוקט אין וואַנז־בעק, אין 1738. (געבוכט בײַ Roest, ז' 901).

דער שער־בלאַט לייענט זיך אַזוי:

ספר/ יון מצולה/ דש ספר האבן מיר (מעתיק) גיוועזן/ פון (לשון קודש) אויף טייטש דרינן/ ווערט דער צילט פון (הריגות) וואש/ (חמיל) ימח שמו האט גיטאן אין/ יאר (ת"ח לפ"ק אין לנד)/ אקריינא ליטא ופולין/ ווערט דרינן דער צילט וויא דיא יהודים/ הובן (מקדש השם) גוועזן אונ' הובן ניט/ חס גוועזן אויף זייער לעבן אונ' האב אונ' גוט (הש"י ינקום את דמם) וואש איז/ וואריין פר גאסין אז וואשיר מיר זאלין/ זוכה זיין (לביאת

המבשר א״ס) / בק״ק וואנזבעק. / עד מתי יחרף צר לפ״ק / ע״י הר״ר ישראל בר אברהם זצ״ל. — (24 בל׳ 8°)

דער איבערזעצער האָט ערטערווײַז געקירצט דעם טעקסט, ווי למשל, אין דער הקדמה פֿון מחבר, אין דעם ערשטן קאַפּיטל וועגן די קאָזאַקן. דעם לעצטן קאַפּיטל וועגן דעם אינעווייניקסטן און קולטורעלן לעבן אין ייִדישן פּוילן האָט ער אין גאַנצן ניט איבערגעזעצט. ווי אַ מוסטער פֿון זײַן איבערזעצונג וועל איך ברענגען אַ ציטאַטע פֿון דעם זעלביקן פּאַראַגראַף, וואָס איך האָב פֿון אים געבראַכט פֿריִער פֿון דער געגראַמטער פּאַראַפֿראַזע פֿון 1686:

„ויהי אונ׳ עש וואר אין דער זעלבגי צייט האבין זיך די שרים מקנא גיוועזין אן (דוכס ווישנוועצקי) דען ער וואר איין גרושין שם טוב איין נעמין אונ׳ האבין אים איין גיגעבין (סם המות) אונ׳ דער דוכוס ווישנוועצקי איז גישטארבין זכר לברכה אונ׳ אז דער מלך פֿון דיא טאטרין האט גיהערט אז דער גבור דער דוכס ווישנוועצקי איז גישטארבין אונ׳ דיא צווייא הייפט לייט זענין גיקומין אויף אים צו מלחמה האט ער זיך משווה גי־וועזין מיט דעם צורר (חמיל ימ״ש) ער זאל פר זיך פדיון געבן. אזו האט דער צורר חמיל ימ״ש פר זיך פדיון גיגעבין אכצעהן מוליאן [?] געלט אונ׳ האט אים גישטארקט אונ׳ האבין זיך איין גיזאמלט איין גרוש פאלק דיא טאטרין מיט יוונים, וויא זנד אין מער דאש פיפטי מאל מלחמה צו הלטין קעגין דעם פולשין מלך״.

פֿון דעם טעקסט זעען מיר, אַז דער איבערזעצער למשל גיט ניט איבער דעם פֿאַקט, אַז נאָך ווישנעוועצקין איז געבליבן אַ זון פֿון 15 יאָר, וואָס האַנאָווער דערציילט וועגן אים (עס איז אָבער היסטאָריש ניט ריכטיק), אַז „ער האָט פֿאַרנומען דעם פֿאָטערס אָרט״.

די גאַנצע איבערזעצונג איז אַ פֿרײַע, מיט אַ סך איבער־חזרונגען, אויסגעהאַלטן אין אַ נוסח פֿון אַ מעשה.

פֿון דער וואַנזבעקער איבערזעצונג ברענגט גורלאַנד

אין זײַנע „לקורות הגזירות על ישראל“ (II, 28—29) א פראג־מענט פון דער הקדמה.

צום סוף פון דער איבערזעצונג האָט מען אָפּגעדרוקט אַן אל מלא רחמים, וואָס „איז גימאכט גיווארין פון וועגין (הרב הגדול... יחיאל מיכל פון... נעמרוב) איז נהרג גיווארין פון וועגין קידוש השם אין יאר ת״ח לפ״ק איז גישטעלט אויף טייטש“. (דף כגb — כדb).

אין דער ביבליאָטעק פון ייִוואָ זײַנען פאַראַן די ווײַטערדיקע ייִדישע איבערזעצונגען:

1) ספר יון מצולה. דער דרוקאָרט איז אָנגעגעבן מיט לאַטײַנישע אותיות: Lemberg, און דרוקערײַ מיט גאָטישע אותיות: Gedruckt bei F. G. דרוקיאַר 1849. 8⁰. ניט פּאַגינירט. 36 ז׳.

די דאָזיקע אויסגאַבע איז אַן איבערדרוק פון דער וואַנזבעקער, מיט שינויים און קיצורים און איבערגעמאַכט די אָרטאָגראַפיע. דער שער-בלאַט האָט דעם זעלביקן נוסח, נאָר אָנשטאָט טײַטש שטייט דאָ: „עברי טייטש“ אונ׳ צוגעגעבן: „מוט נקידות אונ׳ מור האָבין גיגעבין שיין פאַפור אונ׳ שיינע אותיות אונ שיינע טינט“; אויסגעלאָזט „אונ׳ האָב אונ׳ גוט“; „הש״י ינקום את דמם“ איז פאַרטײַטשט: „גאָט זאל רעכנין דאָס בלוט“; אָנשטאָט א״ס—אמן. די קיצורים אין טעקסט זײַנען געמאַכט ניט מיט פיל פאַרשטאַנד, ריין מעכאַניש, אַזוי אַז דער צוזאַמענהאַנג ווערט אָפטמאָל איבערגעריסן און ניט פאַרשטענדלעך. למשל אין אָנהייב אין דער שילדערונג פון דעם מצב אין קיניג זיגמונטס צײַט שטייט אין דער וואַנזבעקער אויסגאַבע:

„ער האט גישטארקט די אמונה פון פופס פון רומי דען דער פיר [=פריער] האָבן פיל האָרין אונ׳ דוכסים וואָס זענין גיזעסין מיט דעם מלך האבין גיהלטן דיא אמונה פון יוונים אבר אז דער מלך זיגמונד פון וויידין לאנד וואר איין מלך גיווארין אין פוילן האט ער חשוב גימאכט דיא שרים אונ׳ דוכסים פאלאקין אונ׳ דיא שרים אונ׳ די דוכסים פון יוונים האט ער זי שפל גימאכט ביז

זיא האבין גימושט האלטון דיא אמונה פון פאלקין אונ׳ דיא איבריגי יוונים האט ער משפיל גיוועזין זיא האבן גימושט זיין קנעכט אונ׳ דינשט מיידן צו דיא פאלקין אונ׳ להבדיל צו דיא יהודים אוך״.

אין דער לעמבערגער אויסגאַבע לייענט זיך דער פּאַסוס אַזוי:

„אַזו האָט ער דו אמונה פון פּאָלין גשטרקט אונ׳ דו יוונים הט ער משפיל גוועזן זו הבן מוזן צו דו שרים פון פּולון מס געבן״.

דער ציטירטער פראַגמענט שטימט בדרך כּלל מיט דער וואַנזבעקער אויסגאַבע, עס זײַנען אָבער אויסגעלאָזט אייניקע ערטער: נאָך דעם וואָרט „וױשנוועצקי״ פעלט „דען ער וואר איין גרושין שם טוב איין נעמין״; נאָך „גישטאָרבין״ פעלט: „זכר לברכה...״ ביז „אונ׳ די צווי הויפטלייט...״, אַ דורכלאָז וואָס מאַכט ניט פאַרשטענדלעך דעם ענין; אַנשטאָט „אים גישטאַרקט״ שטייט „זוך גשטרקט״; אויסגעלאָזט איז אויך: „וויא זנד אין מער״.

2) שבט ישראל — עס איז אַן איבערזעצונג פון „יון מצולה״, פאַרקירצט. פאָרמאַט 160. אין דעם עקז׳ פעלן עטלעכע בלעטלעך פון אָנהייב, אויך דער שער-בלאַט; לויט דער אָרטאָגראַפיע און די אותיות — אַ לעמבערגער אויסגאַבע פון דער 2טער העלפט 19טן י״ה.

3) איבערזעצונג פון אײַזיק מאיר דיק. דער שער-בלאַט לייענט זיך אַזוי: ספורי /גזירות ת״ח ות״ט/ שכתב הרב החכם ר׳ נתן נטע הנובער/. וואש ער האט דענשט מאל געלעבט אונ׳ האט עש/ אלץ צו גיזעהען מיט זיינע אויגין דיא הריגות אונ דיא / שמדות וואש ווארין אין די קהילות פון אוקראנן אונ וואלינען אונ פאדאליען אונ ליטע, עש זיינען אויף / קידוש השם אום גיקומן מעהר ווי פיר מאל הונדערט / טויזינד יהודים. עש וואַרין אונטער זייא זייער פיל / גאונים אונ חסידים קדושי עליונים./ ווילנא/ בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם/

Газератъ тахъ ветатъ т. е. Печальныя судьбы Евреевъ въ Годы 1649 и 1650 Вильно въ Типографіи Р. М. Ромма 1862 שנת תרכ״ב לפ״ק (96 ז״ז, דערין 4 ז״ז דעם איבערזעצערס הקדמה).

דאָס איז ווײַזט אויס די ערשטע אויפלאַגע. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די אויסגאַבע: לעמבערג 1877 איז אַן איבערדרוק פון דיקס ביכל. וויפיל אויסגאַבעס פון דיקס „יון מצולה" איז פאַראַן, איז לעת עתה ניט פעסטגעשטעלט.

צו דער אויסגאַבע האָט דיק צוגעגעבן פון זיך אַ הקדמה. ער שרײַבט, אַז דער ציל פון זײַן העתקה איז אַז „יעדער מענש זאל עס קענן לייענן אונ פאר שטיין אונ זאל מיט זיינע טרערין אונ קרעכצין באצאלין זיין הייליגין חוב צו די קדושים"... ער האַלט, אַז האַנאָווער האָט אַלץ ריכטיק דערציילט און אַז די וואָס האָבן געלעבט אין האַנאָווערס צײַטן „האָבן אויף אים [אויפן ספר] מסכים גיוועזן דאָש ער איז ריכטיק גישריבן".

האַנאָווערס הקדמה היפט ער איבער. ווײַטער האַלט זיך דיק נאָענט צום אָריגינאַל, הגם די איבערזעצונג איז ווײַט ניט קיין פּינקטלעכע. עס איז גיכער אַ באַאַרבעטונג. אַ סך איינצלהייטן זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, אייניקע קורצע פאַקטן זײַנען ברייט באַשריבן געוואָרן. אַזוי אַז עס איז שווער אָנצורופן דיקס טעקסט אַן איבערזעצונג. עס איז גיכער אַ באַאַרבעטונג.

שפּראַכלעך איז דיקס באַאַרבעטונג זייער אינטערעסאַנט און פאַרדינט אַן אויספירלעכע שטודיע מיט פאַראַלעלן פון די צוויי עלטערע יידישע טעקסטן פון „יון מצולה".

אין ירושלימער אוניווערסיטעט=ביבליאָטעק געפינט זיך די ווײַטערדיקע אויסגאַבע: יון מצולה. באשרייבונג פון חמילעצקין [!] ימ"ו. לעמבערג. דרוק לוריה און שפּערלינג [אָן אַ יאָר]. 17 בל'. דאָס איז אַ קורצע איבערדערציילונג לויט האַנאָווערס טעקסט.

אַן ענלעכע אויסגאַבע איז אַרויס אונטערן נאָמען: די

געשיכטע פֿון די יודען אין פּױלען. מיט אײניגע הונדערט יאהר צוריק ביז איצטיגע צײטען [!] איבערזעצט דורך נב״ד. פֿערלאַג און אײגענטהום ב. ליבעסקינד, בוכדרוקערײ און בוכ־יהאַנדלונג אין פּיעטרקוב. 1925. 32 זײַטן 8°.

אויף דעם שער־בלאַט געפֿינט זיך אַ בילד, װי די לעגיאָ־נערן שלאָגן זיך מיט די רוסן מיט אַן אונטערטיטל: פּױליש מיליטער פֿעריאָגט דעם שונא. די שפּראַך איז זײער אַ פֿאָלקס־טימלעכע. װי אַ מוסטער װעל איך ברענגען דעם זעלביקן טעקסט, װי פֿון די פֿריערדיקע איבערזעצונגען:

„נאַכדעם האבין זיך דיא גרויסע לײט פֿון פּױלין מקנא געװעזען אהן דעם דוכּוס װישנעװעצקי װײל ער איז אלע מאהל גיװארין גרעסער, האבין זײא איהם ארײן גיטאהן סם המות און דער דוכּוס איז גישטארבען. ער האט איבער גילאזט א זוהן װאס ער איז אלט גיװעזען פֿופֿצען יאהר. ער איז אויך געװעזען אײן שטארקער העלד, ער האט פֿאר טרעטין דעם פֿאטערס שטעל״ (ז׳ 30).

האַנאָװערס הקדמה איז ניט איבערגעזעצט, אַקעגן אָבער איז אַ טײל פֿון לעצטן קאַפּיטל, װאָס פֿעלט אין אַלע עלטערע ייִדישע איבערזעצונגען, אַרײַן אין דער אויסגאַבע.

עס זײַנען זיכער פֿאַראַן נאָך פֿאַרשײדענע ייִדישע אויסגאַ־בעס פֿון „יון מצולה“, מען דאַרף זײ זוכן צװישן די רומל־ביכלעך. אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון „יון מצולה“ װאָלט געװיס געװען נוציק.

די איבערזעצונג פֿון לאַצקי־בערטאָלדי, װאָס װערט אָפּגעדרוקט אין דעם דאָזיקן בוך, איז די אײנציקע פֿולע איבער־זעצונג פֿון דעם װערק. זי איז געטרײַ צום אָריגינאַל, גיט איבער דעם ריטם און נאַיִװן חן פֿון דעם לשון־קודשדיקן סטיל.

װעגן אַנדערע פּרטים פֿון דער דאָזיקער איבערזעצונג װעט דער לײענער געפֿינען באַמערקונגען אין דער רשימה פֿון די שטעט (װײַטער זז׳ ?? — ??).

ווענן גזירות ת״ח

אין „שארית ישראל״, אמסטערדאם 1771

פרק לב. אין דיזן (פרק) ווערט דר ציילט דיא (גזירות) דש דיא יהודים האבן גהאט אין פולין אין דש יאר (ה׳ אלפים ת״ח) וועלכש גהיישן ווערט (גזירות חמעל) אונ׳ דיא אנדרי (גזירות) דיא דא זיינן גוועזן אין טייטש לאנד (עד הנה):

בימי אין דיא טעג פון דען קינג ולדיסלאוו דער קינג וואר אין פולין׳ דער וואר איין זער גוטר אונ׳ פרומר קינג ער איז (ראוי) גוועזן אום גציילט צו ווערן צווישן דיא (צדיקים)׳ דען ער האט אל צייט זער פיל גוטש גטאן מיט דיא יהודים אין פולין׳ אין דעם זיין צייטן האט זיך אויף גשטעלט איין (שפלה אומה) דיא גהיישן ווערן קאזאקין דש זיינן דיא יוונים׳ עש ווארן פוארין אקיר לייט׳ דיא האבן (מורד) גוועזן קיגן דען קינג ולדיסלאוו׳ אונ׳ קיגן זייני הערין׳ דש וואר אין דש יאר (ת״ח לפ״ק)׳ אונ׳ דיא (גזירה) האט זיך אנגיפאנגן אין (חדש ניסן)׳ אונ׳ האבן אן גפאנגן צו טיטן אונטר דיא יהודים (כמה מאות נפשות)׳ דא זיינן אויף גשטאנדן פיל גרושי (שרים) מיט נאך פיל פאלק פון דיא פלאקין׳ אום צו שטרייטן קיגן דיא קאזאקין׳ אונ׳ עש גשאך דא דיא פלאקין קאמין נאהנט צו איר שארי אין דז לנד פון דיא (רשעים) דש גהיישן ווערט אוקריינאי׳ דא זיינן דיא קאזאקין קיגן זיא גקומן אום צו שטרייטן׳ דען (אפילו) דיא (רקים) דיא איין גשריבן שטינן אין איר ביכר דש זיא מוזין געבן צו דען קינג פון פולין צוועלף טויזנט גוואפינטי קאזאקין אום אים צו העלפן אין אלי די (מלחמות) די האבן איצונד אך אן אים (מורד) גוועזן׳ אונ׳ האבן זיך בהעפט בייא די אנדרי

קאזאקין׳ אום קיגן דיא הערן פֿון פולין צו שטרייטן׳ אונ׳ זיא האבן גאר פֿיל דר שלאגן׳ אונ׳ אך דען יאנעראל האבן זיא אך דר שלאגן׳ אונ׳ האבן פֿון זי אלש ברובט וואש זי האבן נאר קענן קריגן׳ אונ׳ דז וואר אן מיטוואך פֿר (שבֿועות)׳ דרייא טעג פֿאר איר (חגא)׳ אונ׳ אן דען זעלבגיר טאג איז דער קינג ולדיסלאוו גשטארבן אין דש לנד ליטוי ווייט פֿון דש לנד אוקריינא׳ נאהנט צו דיא גרושי שטאט ווילנא. דיא זיין הויבט שטאט וואר׳ אונ׳ דער קינג האט פֿר זיין טוט נאך ניקש גהערט פֿון דיא (מלחמה)׳ אונ׳ אך דיא קאזאקין האבן אך נאך ניקש גווישט פֿון זיין שטערבן׳ אונ׳ דיא יהודים אין דער ליטוי האבן זער גוויינט אונ׳ גקלאגט איבר דש שטארבן פֿון דען פֿרומר קינג. אבר זיא האבן נאך ניקש גוואושט פֿון די ביזי (גזירה) דיא דא איז אין דיא (מדינה אוקריינא). דען זיא זיינן אלי אנטלאפֿין אונ׳ האבן איר הייזר אונ׳ איר האב אונ׳ גוט שטין גלאזן׳ אונ׳ האבן ניט מער מיט גנומן אלש איין ווינג געלד דש זיא האבן גקענט (מציל) זיין. אונ׳ דען הייליגר (יום טובֿ שבֿועות) האבן זיא גמוזט (מחלל) זיין אום איר לעבן צו דר האלטן אונ׳ פֿיל פֿון זייא זיינן אנטלאפֿן צו דיא (ק״ק נעמרוב)׳ דש וואר אייני פֿון העכֿשטי (קהילות)׳ אונ׳ זיא האבן אין דיא צייט נאך ניט גווישט פֿון דש שטארבן פֿון דען קינג דארום האבן זיא נאך אלש גוטי האפֿנוג גהאט׳ דש דער קינג ווערט זיא שיקן פֿיל פֿאלק די זיא זאלן העלפֿן׳ אבר דר נאך דא זיא גהערט האבן פֿון דש שטערבן פֿון דר [!] (מלך חסיד) דא זיינן זיא דר שראקן גוועזן׳ דען זיא זאבֿן דש קיין הילף פֿר זיא איז. אונ׳ דיא (רשעים) דיא קאזאקין׳ דא זיא גהערט האבן דר פֿון דא האבן זיא זיך זער (משמח) גוועזן׳ אונ׳ דש פֿאלק פֿון דיא פֿלאקין דיא האבן זיך זער דר שראקין׳ דא זיינן גקומן צו רייטן פֿופֿציג מן קאזאקין פֿר די שטאט נעמרב אונ׳ האבן גבלאזן אויף טרומיטן׳ דא האבן דיא שטאט לייט פֿון נעמרב גמיינט דש עש ווערן פאלקין׳ דא האבן זיא דיא טארן פֿר זיא אויף גמאכט׳ דא זיינן זיא גקומן אין דיא שטאט. א׳נ׳

האבן גטיט פון דיא יהודים בייא דיא זעקס טוזינט (נפשות)· וואו אונטר ווארן גרושי (גאונים אונ׳ רבנים אונ׳ חכמים) אלטי אונ׳ יונגי (חתנים אונ׳ כלות)· אונ׳ דא אונטר וואר (הגאון הגדול מורינו הרב ר׳ יחיאל מיכל) אונ׳ פיל הונדרט האבן זיא דער טרונקין אין דש וואשר· אונ׳ אין דיא הייליגי שול האבן זיא גשאכטן דיא (חזנים אונ׳ שמשים)· אונ׳ דר נאך האבן זיא איין גבראכן דיא שול· אונ׳ האבן ארויש גנומן דיא (ספרי תורות) אלטי אונ׳ נייאי אונ׳ האבן זיא צו ריסן אין שטיקר· אונ׳ האבן עש צו טרעטן אונטר איר פיס· אונ׳ עטליכי האבן זיך שיא דר פון גמאכט· אונ׳ דש גשאך אן מיטוואך (כ׳ סיון)· אונ׳ פון דא האבן זיך דיא קאזאקין פר שפרייט אין פיל טיילן· איין טייל האבן זיך גקערט· צו דיא (קהלה קדושה טולטשים) אונ׳ דש וואר איין פעשטי שטאט· דא האבן זיא דרויף בלעגרט אכט טאג· דש דיא דרין ווארן זער אויש גהונגרט אונ׳ פר דארשט ווארן. אונ׳ עש ווארן אין דיא שטאט גאר פיל יהודים· אונ׳ אך פון דיא פולשי פריצים· אונ׳ דיא האבן טאג אונ׳ נאכט קיגן דיא קאזאקין (מלחמה) גהאלטן· אונ׳ דר נאך האבן דיא קאזאקין גרעט קיגן דיא הערין פון דיא פריצים· וואש זאל אייך דש· דז איר קיגן אונש טוט שטרייטן פון וועגן דיא יהודים· דיא פון איביג אהער אונזר (שונאים) זיין· מיר בגערן אן אייך פריצים קיין ביז צו טאן· גיבט אונש נאר ארויש דיא יהודים דיא אונזר פיינד זיין· דיא קיגן אונזר גלאבן זיין· דען וועלן מיר זיך אן זיא (נוקם) זיין· אונ׳ וועלן אב ציהן פון דיא שטאט. דא האבן דיא פריצים גפאלגט דיא ריד פון דיא קאזאקין· אונ׳ האבן איבר ענטפרט די יהודים אין איר האנט דא האבן די קאזאקין פון זיא דר שלאגן דרייא טוזינט (נפשות) אונ׳ פיל האבן זיא גוואונט אונ׳ גשלאגן מיט ביילן אונ׳ האקין· אונ׳ דש וואר אן פרייאטאג (ד׳ תמוז)· דען זעלביגי טאג· האבן זיא אך דר שלאגן אלי די יהודים אין די שטאט הומיה דיא דא איז אין (מדינות רוסיא)· זיבנציג מייל פון דיא שטאט טולטשים· אונ׳ דיא יהודים פון דיא

שטאט הומיה. דיא האבן נאך מער (מקדש השם) גוועזן אלש אלי (קהלות)׳ דען דארטן זיינן אך גקומן די קאזאקין אום צו בלעגרן דא האט מן זיא דיא יהודים אויש דיא שטאט ארויש גגעבן׳ אויף דש פעלד׳ דא האבן זיא דיא קאזאקין ארום גרינגלט׳ אונ׳ האבן זיא נאקדיג אויש גצאגן׳ אונ׳ האבן זיא אנידר גזעצט אויף דיא ערד׳ דא האבן דיא קאזאקין גרעט קיגן דיא יהודים גוטי ריד׳ וואש זאל אייך דש איר זאלט דר שלאגן אונ׳ דר ווארגן אונ׳ גשאפטן ווערן גל״ך אלש דיא שאף די צום שעכטן גבראכט ווערן׳ פון אייער גאט וועגן׳ דער זיין צארן האט אויף אייך אויש גגאסן׳ זונדר דר בארמיקייט׳ ווער עש דאך בעשר צו אייך׳ דש איר זעלט דינן אונזר גאט׳ דען ווערן מיר זיין צו איין פאלק. דען זעלט איר פון אונש פר״יא זיין׳ דען ווען מיר אייך אייער געלד אונ׳ גוט ווידר געבן׳ אונ׳ איר ווערט זיין גרושי הערין׳ אבר דיא יהודים האבן איר ריד ניקש גאכטי אונ׳ האבן פר אכט דז צייטליך לעבן׳ אונ׳ זיא האבן גשריאן מיט איין הוכי שטים (שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד)׳ דען פון דיינט וועגן דוא גאט וועלן מיר זיך לאזן דער שלאגן׳ אונ׳ מיר וועלן זיך ניט בהעפטן צו אנדרי געטרי אונ׳ זיא האבן (ווידוי) גזאגט אונ׳ (מצדיק הדין) גוועזן׳ אונ׳ זיא האבן פיל (קינות) גזונגן׳ אונ׳ דא די קאזאקין גזעהן האבן׳ דש דיא יהודים בלייבן בשטין אין איר גלובין׳ דא האבן זיא קיגן זיא הארט גרעט. וויא לאנג ווערט איר זוא הארט נעקדיג בלייבן׳ אונ׳ איר ברענגט אייך זעלבן אום דש לעבן׳ דען איר זעלבר זייט דיא ארזאך פון אייער טוט׳ וייל דש איר אונש ניט וועלט פאלגן אום אונזר געטר צו דינן׳ דא האבן דיא יהודים גענפרטי ווארום זומט איר זוא לנג אום אונש צו טיטן׳ דען מיר ווערן אייך דאך ניט פאלגן׳ דען מיר וועלן בלייבן בייא אונזר גלאבן אן דען איינציגר גאט דר דא איז אין דר הימל אונ׳ אויף דר ערד׳ ער איז אונזר גאט׳ אונ׳ אונזר קינג׳ אונ׳ איר זייט הײנט נאר (שלוחים) פון (השם יתברך)׳ דש איר אונש זאלט טיטן׳ דען מיר האבן גזינדיגט צו גאט׳ א״נ׳ וועןאיר

אונש שון ניט טיט׳ האט (הק״בה) נאך מער (שלוחים) אום אונש דר דורך צו שטראפֿן׳ ער האט פֿיל בערן און ליבן׳ אום אונש איין צו שלינדן׳ דא האבן דיא קאזאקין זיא אלי גטיט אונ׳ האבן פֿון זיא ברובט אל איר געלד אונ׳ גוט׳ דען אלי דיא (עשירים) פֿון אוקריינא זיינן דא הין גלאפֿן׳ דש זיא האבן גדאכֿט דש זיא דא זעלטן (ניצול) ווערן׳ אונ׳ דער נאך האבן זיך דיא קאזאקין פֿר שפרייט׳ אין דש גאנץ לנד פולין׳ אונ׳ האבן אלי די (קהלות מחריבֿ) גוועזן׳ אונ׳ אלי דיא שולן איין גריסן׳ אונ׳ אין ק״ק טשער נאוה)׳ האבן זיא דער שלאגן בייא דיא צווייא טוזינט (נפֿשות)׳ אונ׳ אין (ק״ק מטרדובֿ) האבן זיא דער שלאגן צוועלף הונדערט (נפֿשות יהודים) אונ׳ דר בוסן וואש זיא האבן אויף די וועגן דר שלאגן (אלפֿים יהודים) דש ניט צו צילן איז׳ אונ׳ זיא האבן (חרובֿ) גמאכט דש גאנץ לנד אוקריינא׳ אונ׳ פֿאדלי וואלן׳ דש מן קיין צייכן קען דער פֿון זעהן וואו די יהודים גוואונט האבן׳ אונ׳ זיא האבן (מחריבֿ) גוועזן מער אלש דרייא הונדרט (קהלות קדושות)׳ אונ׳ אין (חדש תשרי ת״ט לפ״ק) האבן זיא אין (ק״ק טאמשאוור כמה אלפֿים ממית) גוועזן׳ אונ׳ האבן ארויש גצאגן דיא (ספֿרי תורות) אונ׳ האבן זיא אויש גשפרייט אויף דיא גאסן׳ אונ׳ האבן דרויף זער פֿיל גשאכֿטן דא ווארן דרונטר פֿיל גרושי (תלמידי חכֿמים)׳ אונ׳ אין דז (מקוה) האבן זיא אריין גווארפֿן פֿופצעהן הונדערט קינדר פֿריש אונ׳ געזונדי׳ אונ׳ האבן זיא לעבנדיג בגראבין ווער קען גינוג פֿר צילן וואש פֿר (גזירות) דש זיא האבן אויש גשטאנדן אונ׳ זוא פֿיל (הריגות)׳ דש מן שרייבט דש אין דיא צווייא יאר (ת״ח אונ׳ ת״ט לפ״ק) זיינן גטיט גווארן מער אלש הונדערט טוזינט (נפֿשות) פֿון ישראל:

אך איז אין דיזי צייט אין דיא (קהלה קדושה לבֿוב) דיא דש זעלביג מאל איז בלעגערט גוועזן׳ דא זיינן זער פֿיל יהודים גשטארבן פֿון (דבֿר אונ׳ חרבֿ אונ׳ רעבֿ)׳ דא זיינן דרונטר גוועזן פֿיל (גאונים אונ׳ ראשי ישיבֿות)׳ דא איז דרונטר גוועזן (הגאון הגדול מהור״ר יושיע ראש ישיבֿה אונ׳ אב״ד פֿון ק״ק קראקא)׳

אונ׳ (הגאון הגדול אב״ד ור״מ דק״ק לובלין מהור״ר נפתלי)׳ אונ׳ נאך מער (גאוני עולם)׳ אונ׳ דיא איבריגי יהודים דיא דא זיינן אנטלאפן אין פרעמדי לענדר אין אשכנז אריין אין גרושי ארמוט׳ דיא ערשט זער גרושי (עשירים) זיין גוועזן׳ דיא מוזטן גין בעטלין׳ אום הילף צו קריגן פון דיא (בני ישראל רחמנים בני רחמנים): אין דיא צייט זיינן גאר פיל פון דיא (מגורשים) גקומן נאך אמשטרדם׳ אונ׳ דיא (ספרדים) האבן גרושי (חסד) מיט זיא גטאן׳ גלייך מיר ווייטר ווערן דער פון שרייבן׳ אך איז אין די צייט אהער גקומן (לק״ק אמשטרדם הדרשן הגדול מהור״ר ברכיה ברוך)׳ דער איז (בעל דרשן) גוועזן (בק״ק קראקא)׳ אונ׳ האט גדרוקט זיין (ספר זרע ברך ראשון)׳ גלייך ער שרייבט אין זיין (ספר זרע ברך אין דיא הקדמה פון חלק שני). אונ׳ דש זעלביג מאל איז גוועזן (אב״ד ור״מ פון ק״ק ספרדים ר׳ יצחק אבוהב) דער האט אים גרושי (טובות) גטאן׳ אונ׳ האט אים גהאלפן׳ דש ער זיין ספר גדרוקט האט:

הוספה 2

צוויי היסטאָרישע לידער פֿון גזרות ת"ח

אין די „היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ", ב' II זז' 584 און 585, זײַנען אָפּגעדרוקט טעקסטן פֿון 2 לידער, וואָס געפֿינען זיך אין דעם אַרכיוו פֿון ש. דובנאָוו בײַם ייִוואָ. זיי האָט פֿאַרשריבן דער היסטאָריקער פֿון פּאָדאָליער ייִדן מ. נ. ליטינסקי און צוגעשיקט ש. דובנאָוון אין יאָר 1892. מיר דרוקן דאָ די לידער איבער.

I

דעם נעמיראָווער קרעפּאָסט פֿאַרוויסט, פֿאַרברענט,
די הײַזער אײַנגעריסן, פֿון די שולן צובראָכן די ווענט,
האָבן די ווילדע קאָזאַקן, אַ באַנדע שאַרלאַטאַנעס;
די ייִדן קלאָגן, ווי קוילן זײַנען זיי פּנימער שוואַרץ,
זיי יעכצען, זיי קרעכצען, עס קלעמט דאָס האַרץ,
אויף די דערטרונקענע, הרוגים און מענטשן מיט ראַנעס.

אין אַ געסל, נעבן אַ ריטשקע בלוט, ווי די הײַזער זײַנען שיטער,
קניעט אַ קאָזאַק אויף דער ערד און וויינט ביטער,
פֿאַר אַ ייִדישע בתולה, זייער אַ שיין מיידעלע:
„געגוג דיר צו קלאָגן, לאָז האָבן אַן עק דײַן געוויין,
„דײַנע טויטע עלטערן וועלן מער ניט אויפֿשטיין,
„זאָג נאָר ,יאָ' באַקומסט דו וואָס דו ווילסט, איידעלע!"

„דו שווײַגסט, זשידאָווקאַ? שטויסט מיך אַוועק;
„זעסט דאָס מעסער? מיט געוואַלט מאַך איך אַן עק..."

— שרײַט דער קאָזאַק מיט צאָרן אין דער הויך —
„פּאָלג־זשע מיך, לאָמיר בעסער ביידע מאַכן שלום,
„קוש מיך, מײַן האָפענונג זאָל ניט זײַן ווי אַ חלום,
„איך ליב דיך, ליב־זשע דו מיך אויך!"

„אדוני קאָזאַק! — ענטפערט די בתולה — אַזוי קען ניט זײַן!
„אויב דו ליבסט מיך באמת, זאָלסטו ווערן מײַן מאַן,
„זײַ מיך מקדש כּדת, אַזוי האָב איך מיך באַראָטן;
„קיין שול איז דאָ געבליבן איך זאָל דיך אַהין רופן,
„צו דײַן קירכע, אויף יענער זײַט טײַך, לאָמיר זיך שיפן,
„ווי אַנדערע קען איך מײַן לעבן ניט איבערגעבן דעם שטן!"

אויף אַ פאַרצירט שיפל זײַנען די געליבטע געשווימען,
און ווי זיי זײַנען צום האַלבן טײַך געקימען,
האָט זיך די בתולה אין וואַסער געוואָרפן ווי אַ שטיין;
וואָס ביסט דו פאַרטראַכט? דײַנע אויגן עפן אויף!
זע נאָר, קאָזאַק! פון דײַנע געדאַנקען וואַך אויף!
אוי שוין שפּעט צו ראַטעווען—ווו ביסט דו פריער געווען?

די דאָזיקע שיינע באַלאַדע איז זיכער אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט. אויף דעם זאָגט עדות די שפּראַך, ווי אויך די טעמע, וואָס איז אַרויסגענומען פון האַנאָווערס „יון מצולה". אין דעם קאַפּיטל „דאָס אומגליק פון קהילה קדושה נעמיראָוו" דערציילט האַנאָווער אָט וואָס: „איז זיך אַ מעשה פאַרלאָפן מיט איינער אַ יפת־תּואר, וואָס אַ קאָזאַק האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל זי מקדש זײַן אין קלויסטער וואָס הינטערן בריק. און ער האָט געטאָן, ווי זי האָט געוואָלט און האָט זי געפירט אַהין אויף קדושין אין שיינע קליידער, מיט פויקן און מיט טענץ. און ווי באַלד זיי זײַנען געקומען אויפן בריק, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן און איז דער־

טרונקען געוואָרן אויף קידוש־השם״. (ז׳ 30 פון לאַצקי־בערטאָלדיס איבערזעצונג).

II

דאָס ליד וועגן דער שחיטה אין באַר

דאָס דאָזיקע ליד האָט מען געפונען אין די פּאַפּירן פון דעם פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער פון די פּאָדאָליער ייִדן, מ. נ. ליטינסקי, און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין Пережитое (באַנד III זז׳ 378–379).

איצט איז דאָס דאָזיקע ליד, עטוואָס אין אַן אַנדער נוסח, אָפּגעדרוקט אין די היסטאָרישע שריפטן פון ייִוואָ, ב׳ II ז׳ 585, לויט אַ כתבֿ־יד אין ש. דובנאָווס אַרכיוו, וואָס שטאַמט אויך פון ליטינסקין.

ווּעמען פון איַך, ייִדישע קינדער,
איז ניט באַקאַנט די קאָזאַצקע מלחמות!
ווער פון איַך יעדער באַזונדער
ווייסט ניט די היידאַמאַקסקי נקמות!

דעמאָלט אין דער ביטערער צײַט,
שטייט אין דער שטאָט „באַר״ קריוואָנאָס דער העלד,
נעבן אים ליסענקאָ מיט זײַנע גוטע לײַט,
אַרום אַ קרייץ וואָס האָבן אויפגעשטעלט אין פעלד.

פאַרשמאַכט צעבראָכן אַלע גלידער,
ברענגט מען אַהער פון אַ פינצטערער נעסט;
מענער, פרויען און קינדער פון אונדזערע ברידער,
און קריוואָנאָס האָט זיי מיט די ווערטער געטרייסט:

„כ׳האָב פריִער גערעדט מיט איַערע רבנים און גבֿירים,
— רופט ער זיך צו זיי אָן מיט אַ לאַך —
„אַצינד זאָג איך מײַנע לעצטע דיבורים,
„פאַר אַלע מײַנע לײַט און פאַר איַך!

„גענוג געאָפּפערט װײַב און קינד,
„גענוג געליטן צרות, הונגער און קעלט;
„ביקט זיך צום צלם, זײַט ניט בלינד,
„װעט איר זײַן גליקלעך אויף דער װעלט“.

„שװײַג דו רשע, רעד קיין װאָרט!
— האָבן געענטפערט אַלע אַזוי —
„טויט אונדז דאָ אויף דעם אָרט
„אָבער בײַטן אונדזער אמונה? לא!

„אונדזער אמונה איז העל װי די זון,
„דײַן פּלאַן װעט דיר ניט געראָטן;
„קיין אַנדערע נעמען מיר ניט אין זין,
„מעגסט דו אונדז ברענען און בראָטן!“

באַלד האָט מען געזען אַ שרעקלעך בילד,
אויף קידוש השם זײַנען זיי אַלע געשטאָרבן;
דער פּלאַץ איז געבליבן טרויעריק, װילד,
פול מיט בײַנער פונעם ייִדישן קרבן.

די רעדאַקציע פון Пережитое באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פאָלקסליד, װײַל עס צייכנט זיך אויס מיט פשטות און אומגעקינצלטקייט פון דער פאָרם. יעדער לייענער אָבער קען באַלד באַמערקן, אַז דאָס איז אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט פון 19טן יאָרהונדערט און האָט זייער װיניק אויטענטישן פאָלקס-עלעמענט.

אויך די היסטאָרישקייט פון דעם ליד איז שטאַרק מסופּקדיק. עס איז אמת, אַז קריװאָנאָס װערט דערמאָנט. דער נאָמען לי־סענקאָ װאָס װערט דערמאָנט אין דעם ליד איז ניט צו געפינען צװישן די קאָזאַקישע פירער פון 1648. דער טערמין הײַדאַמאַקעס שטאַמט ערשט פון גאָנטעס צײַטן (18טער יאָרהונדערט) און ניט פון 1648.

וועגן די ייִדישע מאָמענטן אין אוקראַיִנישן היסטאָרישן ליד פֿון כמעלניצקיס תּקופֿה

די אוקראַיִנישע היסטאָרישע לידער אָדער דומעס זײַנען אָנערקענט געוואָרן ווי אַ וויכטיקער מקור, וואָס איז ממלא אַנדערע מקורים פֿון דער געשיכטע. עס איז געווען אַ צײַט ווען די זאַמלער פֿון די לידער זײַנען געווען טיף איבערצײַגט אין זייער אויטענטישקייט. בײַ הײַנטיקן טאָג איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז אַ סך פֿון די לידער זײַנען פֿאַלסיפֿיקאַטן און ביסלעכווײַז ווערן די דאָזיקע לידער פֿאַרבראַקירט, ווי ניט קיין עכטע. דאָך איז געבליבן אַ באַדײַטיקע צאָל פֿון דעם טיפּ לידער, וואָס זײַנען נאָך אַן אויספֿירלעכן אַנאַליז פֿון אַזעלכע פֿאָרשער ווי קאָלעסאַ[1], פֿראַנקאָ[2] און רעוווצקי[3] אָנערקענט פֿאַר עכט און אײַנקאָרפּאָרירט געוואָרן אין זייערע בעסטע אויסגאַבעס פֿון אוקראַיִנישע היסטאָרישע לידער.

אין צוויי אַזעלכע היסטאָרישע לידער, וואָס זייער עכטקייט איז ניט געשטעלט געוואָרן אונטער ספֿק, ווערן געשילדערט ייִדישע ענינים.

---

[1] Колесса, Українські народні думи. Львів 1920. Idem, З.Н.Т.Ш., Том 130–132 (זייער וויכטיק).

[2] Франко, Студії над українськими народнімі пісьнями. Львів 1913.

[3] Д. Ревуцький, Українські думи та пісні історичні Київ 1930. (מיט אַ גלענצנדער ביבליאָגראַפֿיע פֿון 468 נומערן; די צוויי אַנטי־ייִדישע לידער זײַנען אין זײַן זאַמלונג ניט אָפּגעדרוקט און אַפֿילו ניט באַרירט אין דעם גרינדלעכן אַרײַנפֿיר).

אין איין ליד א״נ די קאָרסונער שלאַכט (Корсунська битва) געפינען מיר צוויי פֿאַרשיידענע מאָטיוון: 1) די שילדערונג פֿון דער קאָרסונער שלאַכט, דער רוף פֿון כמעלניצקין און די ייִדישע פֿאַגראָמען, 2) אָפּגעריסענע פֿראַגמענטן וועגן שפּעטערדיקע פֿאָלקס-באַוועגונגען. די דאָזיקע פֿראַגמענטן זײַנען אַרײַן אין אַ פֿאַרברייטערטער פֿאָרם אין דעם צווייטן ליד, וואָס איז אין גאַנצן וועגן ייִדן א״נ Жидівські утиски й козацьке повстаннє 1648.

קאָסטאָמאַראָוו מיינט, אַז ביידע לידער זײַנען אַ מאָל געווען איין ליד און אַז די רשימה פֿון די קריוודעס, וואָס ווערן אין דעם דאָזיקן ליד אויסגערעכנט, באַווײַזט, אַז „דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט דורכן מויל פֿון עטלעכע דורות געזאָגט עדות, אַז די עקאָנאָמישע אונטערדריקונגען מצד די ייִדן זײַנען געווען די וויכטיקסטע סיבה פֿון אויפֿשטאַנד פֿון אוקראַינישן פֿאָלק״ [4].

אין דעם דאָזיקן ליד, געשריבן אין אַן ערנצטן טאָן, להיפּוך צום ערשטן ליד, ווו דער פֿראַגמענט וועגן ייִדן איז אַ סאַטירישער, ווערט געשילדערט, ווי אַזוי דער העטמאַן באָהדאַן כמעלניצקי האַלט אַ רעדע צו די קאָזאַקן און רופֿט זיי, אַז זיי זאָלן זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף, זען פֿאַרטיידיקן זייער אמונה און די ייִדישע אַרענדאַרן אויסהרגענען.

דער טעקסט לייענט זיך אַזוי (לויט קאָלעסאַס זאַמלונג, ז׳ 139):

…у святий день божественний у вовторник
Гетьман Хмельницький козаків до сходу сонця
у поход виправляв

І стиха словами промовляв:
„Ей, козаки ви, діти, друзі!

---

[4] Костомаров, Собраніе сочиненій, 1905, XXI, 820.

Прошу вас, добре дбайте,
Од сна вставайте,
Руський Очинаш читайте,
На славну Україну прибувайте,
Жидів-рандарів у пень рубайте,
Кровь їх жидівську у полі с жовтим піском мішайте,
Віри своеї християнської у поругу не подайте,
Жидівському шабашу не польгуйте

איז דאָס דאָזיקע ליד אויטענטיש ? דאָס איז די הויפּטפֿראַגע, וואָס מען דאַרף פֿאַרענטפֿערן, איידער מען באַנוצט עס ווי אַ היסטאָרישער מקור ?

דאָס ליד האָט צום ערשטן מאָל פֿאַרשריבן קוליש אין יאָר 1853 פֿון אַ פֿאָלקסזינגער און אָפּגעדרוקט אין זײַנע Записки о Южной Руси I, 56-63. שפּעטער איז דאָס ליד איבער־געדרוקט געוואָרן אַ סך מאָל. פֿראַנקאָ האַלט, אַז דער הויפּט־וואַריאַנט פֿון דעם ליד, וואָס רעדט וועגן יִדישע אַרענדעס אין אוקראַינע ווי אַ סיבה פֿון דעם אויפֿברויז, איז היסטאָריש אויטענטיש׳ הגם אייניקע פּונקטן זײַנען פֿאַלש. אַזוי דערציילט דאָס דאָזיקע ליד, אַז כמעלניצקי האָט גענומען די שטאָט פּ אָ ל י נ אָ י ע, וואָס דאָס איז היסטאָריש ניט ריכטיק. פֿראַנקאָ וויל האָבן, אַז דאָס ליד איז אויפֿגעקומען אין 18טן י״ה. אפֿשר האָט די יידאַמאַטשינע אינספּירירט די שאַפֿונג פֿון דעם ליד ?

פֿאַראַן אָבער אַ צווייט ליד א״נ „כמעלניצקי און באַראַבאַש״, אין וועלכן דער אויספֿאַל קעגן די יִדן ווערט איבערגעמאַכט אין אַן אַנטיפּוילישן גײַסט. די לעצטע שורות פֿון אונדזער ציטאַטע לייענען זיך דאָרט אַזוי: Кровь їх лядьску у полі з жовтим піском мішали віри своєй християнської у поругу вічни часи не подали.

דער דאָזיקער שינוי באַווײַזט, אַז מיר האָבן ניט צו טון מיט אַן אויטענטישן טעקסט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין דער תּקופֿה פֿון אויפֿשטאַנד ווי אַן אויסדרוק פֿון זײַן פּראָטעסט קעגן די ייִדן, נאָר מיט אַ באַאַרבעטונג לויט אַן עלטערן מאָדעל.

אַז דאָס איז געוואָרן באַאַרבעט לויט אַ פּויליש ן טעקסט, קען פֿעסטגעשטעלט ווערן לויט די ווײַטערדיקע בײַשפּילן.

אין דעם ליד Жидівські утиски й козацьке повстание 1648 ווערט געזאָגט, אַז:

На славній Україні (жиди) всі козацькі торги заорандовали
Да брали мито-промито.....

ווײַטער ווערט אין דעם ליד דערמאָנט, אַז ייִדן אַרענדירן שענקן, זײַנען קרעמער אאַז״וו.

אין אַ פּוילישן ליד געדרוקט אין 1648 און געשריבן פֿון Kmita א״נ Kruk w złotej klatce albo żydzi w świebodnej wolności Korony Polskiej לייענען מיר אָט וואָס:

Żyd miód warzy, Żyd piwo, Żyd gorzałkę pali,
Żyd kramarzem, towarem, tak jak chce szali,
Żyd na mycie, Żyd na cle, Żyd i na arendzie...

אין אַן אַנדער סטראָפֿע לייענען מיר, אַז:

...козак на Жида-рандара скоса, як ведмідь поглядає
Іще Жида-рандара мостивнім паном узиває.

בײַ קמיטאַן געפֿינען מיר אַנאַלאָגישע שורות:

Przed żydem chrześcijanin zdjąwszy czapkę stoi

Mościwemu kłania sie, kortezyę stroi...[5]

אַזעלכע מאָטיוון אַרויסגענומען פון דער פוילישער אַנטי־סעמיטישער סאַטירע פון יענער צײַט געפינען מיר אַ סך. אַזוי למשל געפינען מיר ענלעכע מאָטיוון אין אַן אַנדער ליד פון אַן אַנאָנים א״נ Pieśń nowa o żydach lubelskich און אויך בײַ די סאַטיריקער Opaliński, Starowolski, Słupski א״אַ.

ב ר י ק נ ע ר ציטירט אַזאַ ליד, געשריבן פון אַ פּאָליאַק אין אַנטיסעמיטישן גײַסט, און גיט אַ רשימה פון אַ ר יי אַזעלכע לידער[6].

קאָסטאָמאַראָוו האַלט, אַז די אוקראַאינישע היסטאָרישע לידער שפּיגלען ניט אָפּ די ווירקלעכקייט, בעת אַנדערע פאַרטיידיקן זייער עכטקייט. קאָלעסאַ פאַרטיילט די היסטאָרישע דומעס אין צוויי גרופּעס: אין אַן עלטערן שיכט, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן פאָלקסליד און איז אויף דעם געבויט, און אין אַ ייִנגערן שיכט, וואָס צייכנט זיך אויס מיטן רעאַליסטישן כאַראַקטער, סאַטירישן טאָן און מאָטיוון, באַשאַפן אין 18טן י״ה. די דומעס וועגן כמעלניטשינע זײַנען לויט קאָלעסאַן נעענטער צו די קאָזאַקישע כראָניקעס פון אָנהייב 18טן י״ה. אַז זייערע מאָטיוון זײַנען אַרויסגענומען פון דער ליטע־ראַטור, און דווקא פון דער פוילישער, האָבן באַוויזן ניט נאָר דער אוקראַאינער Щурат, נאָר אויך דער פּאָליאַק ב ר י ק נ ע ר.

דאָס איז די אַזוי גערופענע מעשטשאַנישע ליטעראַטור, וואָס איז שטאַרק אַנטיסעמיטיש און שפּיגלט אָפּ דעם עקאָנאָמישן

---

[5] Колесса, З.Н.Т.Ш., 131, 60—61; Др. Щурат, Літературні начерки, Львів 1913, 105sq. Idem, З.Н.Т.Ш., 115, 206–210.

[6] Brückner, Pieśni polsko-ruskie. Pamiętnik literacki X (1911), 192—193; idem, Kwartalnik Historyczny 1899, 588. Перец (Извѣстія Ак. Наук. 1901, IV).

קאַמף צווישן דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן מיטלשטאַנד אין פּוילן.[7] צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהער אויך די פּאָעמע Wojna Żydowska, וואָס איז געדרוקט געוועץ צום ערשטן מאָל אין 1606 און לאַכט אויס די ייִדן ווי פּחדנים און פֿיזישע שוואַכלינגער.[8]

פֿון דעם דאָזיקן מקור זײַנען דאָס אַרויסגענומען די מאָטיוון פֿון די אוקראַיִנישע היסטאָרישע דומעס וועגן ייִדן. זייער גילגול קען אילוסטרירט ווערן מיט דעם ווײַטערדיקן בײַשפּיל.

אין 1728 איז אין קיִעוו אַרויס אַ דראַמע פֿון איינעם טראָפֿימאָוויטש. אין דער דאָזיקער דראַמע איז כמעלניצקי דער הויפּטהעלד.[9] דער טעקסט פֿון כמעלניצקיס רעדעס איז אַרויסגענומען פֿון די קאָזאַקישע כראָניקעס וואָס זײַנען אויך דער מקור פֿון אַ סך „היסטאָרישע" לידער. כמעלניצקי רעדט דאָרטן בזה הלשון וועגן די פּאָליאַקן:

Козака и за жида не важат: милѣйшій
Им жид, нежели русин, и весьма честнѣйши
С жидом они ѣдят, пьют, банкеты справляют,
А козака бѣднаго за нѣзащо мають.

---

[7] Badecki, Literatura mieszczańska w Polsce w XVIII wieku, Lwów 1925, 483. Bartoszewicz, Antysemityzm w literaturze polskiej, 1914, 60–73 (Kmita).

[8] Badecki, o. c., 444–448.

אין אונדזער ליטעראַטור האָט נ. ווײַנריג (פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, III) דער ערשטער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער סאַטירע. ער איז אָבער ניט ריכטיק צוגעגאַנגען צום ענין און דער־פֿאַר געשטרויכלט געוואָרן אין זײַן אַרבעט. Wojna Żydowska האָט גאָרנישט צו טון מיט פֿאָלקלאָר. עס איז אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט פֿון אַ געוויסער סאָציאַלער גרופּע. אייניקע מאָטיוון פֿון דעם ליד זײַנען באַקאַנט ווי אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָלקלאָר־מאָטיוון. וועגן דעם גאַנצן ענין בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

[9] Я. Гординськiй, Милость Божія, українська драма з 1728 (З.Н.Т.Ш., vol. 146), 1–32, Колесса; ibidem. 131, 57–58; Возняк, Історія укр. літератури, III, 220 (1924).

И что горше: которым поколон отдавали
Турки и татаре, а многи не возстали
Никогда же, егда раз паклонили выи
Нынѣ срамно и казать — нынѣ сами сіи.
Жидам кланяются и шапку в руках носят
Перед ними, и их як панов яких просят.

ווען מיר וועלן פֿאַרגלײַכן די דאָזיקע שורות מיט אַנאַלאָגישע שורות, אַרויסגענומען פֿון איינער פֿון די אַנטי־ייִדישע היסטאָרישע דומעס, וועט פֿאַר אונדז קלאָר ווערן דער מקור פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור.

Тоді то жид - рандар стиха підхождає
Козака за патлі хватає,
То козак на жида рандара скоса,
Як ведмідь, поглядає
Іще жида-рандара мостивим паном узиває:
„Ей, жиду, каже, жиду рандаре
Мостивий пане!
Позволь мини на річці утя вбити,
Жінку свою з дітьми прокопмити“.[10]

דער נוסח איז דער זעלביקער. איןביידע טעקסטן רעדט זיך וועגן דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פֿון קאָזאַק פֿון די ייִדן, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז דער קאָזאַק דאַרף זיך בוקן פֿאַרן ייִדן אאַז״וו.

דער הויפּט־מקור פֿאַר די דאָזיקע לידער איז די פּוילישע סאַטירישע דיכטונג פֿון 17טן י״ה, געשאַפֿן פֿון מענטשן פֿון מיטל־שטאַנד, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף דער שליאַכטע און דערפֿאַר געהאַט אויך דעם מוט צו קריטיקירן דעם אופֿן, ווי אַזוי די לעצטע באַגייט זיך מיט די פּויערים און ווי

[10] Колесса, о. с., 138.

אַזוי ייִדן ווערן אויסגענוצט פֿאַרן צוועק צו עקספּלואַטירן די פּויערים. אַ סך האַרבע ווערטער וועגן דער שליאַכטע געפֿינען מיר אין יענער ליטעראַטור. בריקנער ציטירט אַ בראָשורע, אַרויס פֿון די פּוילישע בירגערלעכע קרײַזן א״נ Szlachcic do szlachcica o woynie kozackiey r. 1648 אין וועלכער מען באַשולדיקט די שליאַכטע אין אונטערדריקן די פּויערים.[11]

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אוקראַיִנישע לידער פֿאַרמאָגן ניט קיין קערנער פֿון היסטאָרישער אויטענטישקייט. אַוודאי זײַנען זיי היסטאָריש וויכטיק, ווײַל זיי ווערן באַשטעטיקט דורך אַנדערע מקורים. זיי זײַנען אָבער ניט קיין פֿאָלקסלידער. ניט דאָס פֿאָלק האָט געשילדערט די דאָזיקע דעטאַליזירטע קריוודעס מצד די ייִדן אין גראַמען, נאָר זיי זײַנען אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט, אַ פּוילישער, אַרויס פֿון די קרײַזן פֿון פּוילישן מיטלשטאַנד, וועלכער איז געווען שטאַרק אַנטיסעמיטיש. זיי זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין די קרײַזן פֿון די אוקראַיִנישע דיאַקעס און סעמינאַריסטן און איבערגעמאַכט געוואָרן אויף דעם אוקראַיִנישן נוסח אין גײַסט פֿון דעם אויטענטישן אוקראַיִנישן פֿאָלקסליד.[12] אַזעלכע שורות ווי:

Тогдi то Хмельницький на славну Україну прибував
Нi одного Жида-рандара не заставав

איז אַ געגראַמטער פּסוק פֿון די קאָזאַקישע כראָניקעס, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.

פֿאַראַן אָבער אויך אויטענטישע לידער, ווי למשל דאָס

---

[11] Kwartalnik historyczny, 1899, 588.

[12] הרושעווסקי דערציילט, אז דער וואריאנט פון „Wojna Żydowska", וואס ער האט פארעפנטלעכט, האט זיין זיידע פארשריבן אין 1819, און אז ער שטאמט פון די באקאלארישע הומאריסטישע לידער, וואס די דיאקעס פלעגן צוזאמענשטעלן. (З.Н.Т.Ш. XVII, 81–82)

ליד, אין װעלכן מען װאַרפֿט פֿאָר די פּאָליאַקן, אַז די „ייִדן־מערדער" זײַנען זײ ליבער װי די העלדישע קאָזאַקן.

Мильші вам Жиди-збойці
Ніж запорожці-молойці (З.Н.Т.Ш., 105, 27-28).

די לידער געשריבן קעגן די פּאָליאַקן װערן שפּעטער צוגעפּאַסט צו די ייִדן דורך ענדערן דאָס װאָרט פּאָליאַק אויף ייִד. למשל אין דעם ליד כמעלניצקי און באַראַבאַש:

אַנטי-ייִדישער טעקסט	אַנטי-פּױלישער טעקסט
(Колесса, 139)	(Ревуцький, 145)
...Жидів-рандарів у пень рубайте	Панів у пень рубайте...
Кров їх жидівську ..	Кров їх лядську...
(Колесса, 135-136)	(Колесса, 145)
...Жидове чогось догадались	Тогді ляхи... догадливі бували
На річку Случу тікали	Усі по лісах, по куцах повтікали...

פֿאַראַן אָבער אויך טעקסטן, װו דער ייִדישער מאָטיװ איז ניט אונטערגעשטראָכן, װי למשל אין דער באַלאַדע װעגן Коновченко:

(Колесса, 102)	(Ревуцький, 133)
До Жида рандара одгоняла...	і з рандарем торг торгувала

פֿון די דאָזיקע בײַשפּילן ווערט קלאָר, אַז די אויטענטישקייט פֿון די צוויי אַנטי־ייִדישע היסטאָרישע לידער פֿון די אוקראַינער מוז געשטעלט ווערן אונטער אַ פֿרעגצייכן, ווײַל עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך שפּעטערדיקע אינטערפּאָלאַציעס און ווײַל אַ סך פֿון זיי זײַנען ריין ליטעראַרישע פּראָדוקטן, על־פּי רובֿ פֿון פּוילישן אָפּשטאַם.[13]

---

[13] אַ ר אַ ב אַ ז ש י ן (Арабажин) האַלט, אַז אין די דומעס קעגן די ייִדן איז ניטאָ קיין שנאה צו די ייִדן, אויך ניט קיין רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם, נאָר אַ הומאָריסטישע באַציִונג. ער האָט, ווײַזט אויס, די לידער ניט געלייענט. (Народная Словесность под ред. Аничкова, Москва 1908, 315–316).

הילטעבראַנדטס באַשרײַבונג פֿון אַ נסיעה קיין אוקראַינע אין 1657

אַ נײַער מקור, וואָס איז לעצטנס פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן,* ברענגט אַ שפּאָר ביסל אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן צום ענין: כמעלניצקיס תּקופֿה און די ייִדן. דאָס זײַנען די מעמואַריסטישע פֿאַרצייכענישן פֿון שטעטינער פּאַסטאָר קאָנראַד יאַקאָבוס הילטעבראַנדט (1629—1679). דאָס בוך הייסט:

Conrad Jacob Hiltebrandt's dreifache schwedische Gesandschaftsreise nach Siebenbürgen, der Ukraine und Constantinopel (1656—1668). Herausgegeben und erläutert von F r a n z B a b i n g e r. Leiden 1937. XXX+259 p.

דער אָריגינאַל פֿון די דאָזיקע מעמואַרן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. עס האָט זיך אָבער אָפּגעהיט אַ קאָפּיע, משמעות פֿון דער זעלבער תּקופֿה. זי געפֿינט זיך אין פּרײַסישן מלוכה־אַרכיוו אין שטעטין. אייניקע פֿראַגמענטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט ז י ב נ ב י ר ג ן, זײַנען שוין פֿריער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

ה י ל ט ע ב ר אַ נ ד ט, אַ תּלמיד פֿון באַרימטן טעאָלאָג Carpzov, וועמענס נאָמען איז גוט באַקאַנט יעדן פֿאָרשער פֿון אונדזער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, איז מיטגעפֿאָרן מיט דרײַ שוועדישע דעלעגאַטן, וואָס דער קיניג ק אַ ר ל ג ו ס ט אַ װ האָט געשיקט אין אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע קיין אונגערן, אוקראַינע און טערקײַ. אין דער דאָזיקער דעלעגאַציע האָט די הויפּטראָלע

* אויף אָט דער אויסגאַבע האָט אונדז אויפֿמערקזאַם געמאַכט ל. קריס—קריסטיאַן פֿון יאַס. מיר זאָגן אים אַ דאַנק.

געשפּילט דער דיפּלאָמאַט Gotthard Welling, וואָס זײַן באַריכט געשריבן פאַרן שוועדישן קיניג קאַרל דעם צענטן איז שוין געווען געדרוקט, וואָס וועגן דעם דערמאָנט באַבינגער אָגבֿ ניט (זע Архив Юго-Западной Россіи, часть III, том VI, 201—307).

הילטעבראַנדט האָט באַזוכט אוקראַינע אין יאַנואַר 1657. אוקראַינישע ייִדן האָט ער שוין באַגעגנט אויף דער מאָלדאַווישער (רומענישער) טעריטאָריע. ער שרײַבט אַזוי:

„דאָ איז געפּאַקט מיט ייִדן, וואָס זײַנען אַהער אַנטלאָפן טיילווײַז פון פוילן און טיילווײַז פון אוקראַינע, נאָך דעם ווי די קאָזאַקן האָבן זיי אַרויסגעיאָגט פון זייער לאַנד. בײַ זיי האָבן מיר געקענט קויפן מעד, בראַנפן און אַנדערע זאַכן. צווישן אַנדערע האָט זיך צו אונדז צוגערוקט איינער אַ ייִד מיטן נאָמען אבֿרהם. ער האָט געבעטן אונדזער געזאַנדטן, ער זאָל אים מיטנעמען קיין אוקראַינע, ווײַל ער האָט דאָרטן נאָך עפּעס צו באַזאָרגן. דער הער געזאַנדטער האָט דערויף מסכּים געווען, ווײַל דער ייִד האָט געקענט רעדן דײַטש און רוסיש און האָט געקענט דינען אויף דער נסיעה ווי אַן איבערזעצער. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט בײַם שליטן פון דעם הערן געזאַנדטן און אים אויסגעפירלעך און מיט צער דערציילט וועגן דער גרויסער שחיטה איבער זײַן פאָלק, די ייִדן (der Hebreer) אין אוקראַינע, וואָס איז דורך די קאָזאַקן געמאַכט געוואָרן. דערבײַ האָט ער אונדז געוויזן דעם וועג, אַף וועלכן די טאָטערן זײַנען געגאַנגען, ווען זיי האָבן מאַרשירט דעמאָלט קיין פוילן. דער דאָזיקער ייִד האָט געהאַט אַן איסור פון זײַן רבֿ, אַז ער זאָל גאָרניט נעמען [עס] אויפן וועג. ער האָט באַנוצט אַן אייגן שחיטה־מעסער און פון אונדז האָט ער צום ליבסטן גענומען רויע שפּײַז און האָט זיי געקאָכט לויט זײַנע דינים אָדער געזעצן" (ז' 87).

וועגן אוקראַינע שרײַבט דער מחבר, אַז עס איז אַ ריזיק לאַנד, אָנגעפילט מיט ייִדן, וואָס פאַרקויפן די אײַנוווינער אַלערליי

מינים בראָנפֿן. די קירכן — שרײַבט ער — זײַנען אין רשות פֿון די ייִדן. די קאָזאַקן דאַרפֿן צאָלן אַ שטײַער, אויב זיי ווילן טויפֿן זייערע קינדער אין דער קירך. די ייִדן, שרײַבט הילטעבראַנדט ווײַטער, האָבן אַרענדירט די מאַיאָנטקעס פֿון די פּוילישע וואָיעוואָדעס, וואָס זײַנען געווען פֿון דער ווײַטנס, און מיט דעם האָבן זיי אויפֿגערייצט די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיי גע־שאָכטן אין די טויזנטער. „די לעבן געבליבענע ייִדן האָבן אָנגענומען דעם גריכישן גלויבן און זײַנען דערפֿאַר געבליבן אין לאַנד" (ז' 88).

די דאָזיקע ידיעה ווערט אָבער ניט באַשטעטיקט אין קיין שום מקור. אמת, אַ סך ייִדן האָבן זיך דעמאָלט געשמדט, ווי מיר האָבן דאָס שוין דערמאָנט אין דעם אַרײַנפֿיר, און מסתּמא האָט הילטעבראַנדט אַ סך פֿון זיי באַגעגנט אויף זײַן רײַזע, אָבער דאָס איז נאָך ווײַט פֿון דער באַהויפּטונג, אַז אַלע לעבן געבלי־בענע ייִדן אין אוקראַינע האָבן זיך געשמדט.

וועגן דער אַכזריות פֿון די קאָזאַקן שרײַבט דער שטעטינער פּאַסטאָר, אַז זיי האָבן געברענט אָן רחמנות, הגם די פּאָליאַקן זײַנען געווען נאָך אַכזריותדיקער, ווײַל זיי האָבן אַפֿילו ניט גע־שוינט קיין קליינע קינדער.

„באַזונדערס — שרײַבט ער — האָבן די ייִדן (Juden) אין פּוילן געליטן פֿון די קאָזאַקן" (ז' 42).

אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט איז די באַשרײַבונג פֿון דער אוידיענץ בײַ באָגדאַן כמעלניצקי. די דאָזיקע באַשרײַבונג שטימט אין איר עצם מיט די אַנדערע, וואָס עס זײַנען באַקאַנט פֿון דער מיטצײַטלעכער ליטעראַטור, ווי Vimina פֿון 1650 און פֿון דעם סירישן אַראַבער דעם פּאַטריאַרך מאַקאַרי (Павло Алепський), וואָס וועגן זיי איז שוין געווען די רייד אין דעם אַרײַנפֿיר. אַזוי אַז הילטעבראַנדטס באַריכט האָט אַלע עלעמענטן פֿון היסטאָרישן אמת, ווײַל ער באַשטעטיקט די צוויי שוין באַקאַנטע באַריכטן (זז' 94—97).

אייניקע פּרטים רופֿן אַרויס אַ חשד, ווײַל דורך אַנדערע מקורים ווערן זיי דערווײַל ניט באַשטעטיקט. אַזוי למשל דערציילט ער, אַז דער פֿינאַנץ-מיניסטער (Schatzmeister) פֿון באָגדאַן כמעלניצקי איז געווען אַ ייִד (ז' 96).

ער דערציילט דאָס אין פֿאַרבינדונג מיט זייער איבערזעצער, דעם ייִדן אַבֿרהם, וועלכער האָט זיי געוואָלט אָפּנאַרן אין אַ האַנדלס-טראַנסאַקציע, און דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן געמוזט פֿון אים פּטור ווערן. און ער גיט צו: „Es war aber des Feldherren Schatzmeister auch ein Jude". ווײַטער דערציילט דער מחבר, אַז אַ ייִדישע פֿרוי (ein jüdisch Weib) האָט זיך געפֿונען אין טשיהירין (ווו כמעלניצקי האָט געוווינט) און אַז זי האָט גערעדט צו דעם דיפּלאָמאַט (וועלינג) דײַטש און האָט אים געבעטן וועגן אַ געפֿעליקייט בײַם העטמאַן און האָט פֿאַר אים געשילדערט דעם העטמאַנס גרימצאָרן. דערבײַ האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ שיינעם עפּל. דער מחבר באַמערקט, אַז עס איז אים ניט קלאָר, צי זי האָט געוואָלט פֿאַרגיטיקן דעם דיפּלאָמאַט מיט דער דאָזיקער מתּנה, אין פֿאַל ווען ער וועט אויספֿירן איר בקשה (ז' 99). „דער הער דעלעגאַט — דערציילט דער מחבר — האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט דער פֿלייציע און דערבײַ געלאַכט און האָט געהייסן די באַדינטע זי אַרויסוואַרפֿן".

די גאַנצע מעשׂה קלינגט זייער אויסטערליש. מיר ווייסן, אַז כמעלניצקיס רעזידענץ-שטאָט איז געווען ייִדן-ריין, טאָ פֿון וואַנען האָט זיך דאָרט געקענט געפֿינען אַ ייִד, „אַ פֿינאַנץ-מיניסטער" און אַ ייִדישקע, וואָס זוכט פּראָטעקציע צום העטמאַן און וויל באַלוינען מיט אַן עפּל. אַגבֿ, דער אַרויסגעבער באַבינגער באַמיט זיך אַפֿילו ניט צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע פֿאַקטן אין שײַן פֿון אַנדערע מקורים.

די צעוואָרפֿענע ידיעות וועגן חורבֿות אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך וואָס זײַנען געבליבן נאָך דער מלחמה

װען אַפֿילו זייער לאַקאָניש אָנגעגעבן און אין אַ שוידערלעך קאָרומפּירטער טראַנסקריפּציע פֿון די נעמען פֿון די שטעט (דער אַרויסגעבער האָט זיי ניט דעשיפֿרירט) — זײַנען היסטאָריש זייער וויכטיק. זיי באַשטעטיקן די אָבסערוואַציעס וואָס עס האָט געמאַכט מיט צוויי יאָר פֿריִער דער פּאַטריאַרך מאַקאַרי.

אַ קליינער פֿאַקט, פֿאַרנאָטירט פֿון זײַן רײַזע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (אַפּריל 1657), אַז ייִדן פֿלעגן אויסקויפֿן פֿון טערקישער געפֿאַנגענשאַפֿט קריסטלעכע קינדער (ז׳ 131), איז אינטערעסאַנט און ביז איצט געווען אומבאַקאַנט. מיט דעם שעפּן זיך אויס די ידיעות וועגן ייִדן אין אוקראַינע. דאָס בוך האָט אָבער אַ סך ידיעות וועגן ייִדן פֿון וואָלאַכײַ, טערקײַ אאַז״וו. דאָס איז אָבער אַן ענין פֿאַר אַ באַזונדער אויספֿאָרשונג.

הילטעבראַנדטס רײַזע־נאָטיצן ברענגען ווייניק נײַע מאַטעריאַלן וועגן ייִדן אין אוקראַינע אין כמעלניצקיס צײַט. זיי באַשטעטיקן אָבער די ידיעות, וואָס מיר האָבן געהאַט פֿון אַנדערע מקורים. וואָס איז שייך די פּאָר ביז איצט אומבאַקאַנטע פֿאַקטן זײַנען זיי טיילווײַז גוזמאות (דער מאַסן־שמד פֿון ייִדן אין אוקראַינע) און טיילווײַז דערווײַל נאָך ניט באַשטעטיקטע פֿאַקטן (אַ ייִד אַ פֿינאַנץ־מיניסטער בײַ כמעלניצקין, אַ ייִדישקע אין טשיהירין, וואָס זוכט די פּראָטעקציע פֿון דעם שוועדישן געזאַנדטן צום העטמאַן).

פֿאַר דער געשיכטע פֿון יענער תּקופֿה בכלל און פֿאַר דער היסטאָרישער עטנאָגראַפֿיע פֿון די קאָזאַקן ברענגען די רײַזע־נאָטיצן פֿון הילטעבראַנדט זייער אַ סך מאַטעריאַל.

אַרויסגעגעבן איז דאָס דאָזיקע בוך מיט אַ ברייטן קריטישן אַפּאַראַט. ליידער קען דער מחבר ניט די ליטעראַטור וועגן דעם ענין אין די סלאַווישע שפּראַכן. באַזונדערס פֿאַטאַל איז אויסגעפֿאַלן די נאָמענקלאַטור פֿון שטעט, וואָס זײַנען פֿאַלש טראַנסקריבירט געוואָרן און פֿון דעם אַרויסגעבער אין די הערות ניט קאָריגירט.

דער זוכצעטל איז אַ פֿעלערדיקער. ייִדן ווערן אויך דער־מאָנט (חוץ אויף די זײַטלעך וואָס ווערן געבראַכט אין זוכצעטל) אויף זײַטן: 13, 83, 91, 118, 135, 139, 141, 156 און 164.

פֿאַראַן אויך ידיעות וועגן קאַראַימער און וועגן ייִדישע ביכער, וואָס דער מחבר האָט געזען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וועגן דעם לעצטן ענין שרײַבט ער, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ ייִדן שלמה, וואָס האָט געקענט אַ סך שפּראַכן און גערעדט נישקשה דײַטש (recht guth Teutsch redete). דער דאָזיקער ייִד האָט געהאַנדלט מיט זייגערס, דײַטשע קליידער (teutsche Kleidung), וואָס די טערקן האָבן געבראַכט פֿון דער ווענעציאַ־נישער מלחמה און האָבן פֿאַרקויפֿט די ייִדן. אָט דער ייִד, דער־ציילט דער מחבר, האָט געהאַט ביכער „אין העברעיִשער שריפֿט, אָבער די שפּראַך איז געווען דײַטש".

(Bücher, da die Schrifft Ebräisch, die Sprache aber Teutsch war).

דער מחבר שרײַבט (ז' 133), אַז ער האָט געזען, אַז אויף די בײַשטידלעך פֿון ייִדישע טירן איז צוגעפֿעסטיקט די תּורה.

(Die Jüden... haben ihre Thora an die Thür-Pfosten angesteket).

געמיינט איז געוויס די מזוזה, אָבער דער אַרויסגעבער האָט ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק דעם זאַך צו דערקלערן.

באַבינגערס אַרײַנפֿיר גיט אַ בילד וועגן דעם מחברס לעבן און אויך ביאָגראַפֿישע ידיעות וועגן די מיטגלידער פֿון דער שוועדישער דעלעגאַציע.

היסטאָריש־קריטישע הערות

אין דעם ווײַטערדיקן ווערן געגעבן קריטישע הערות צו דעם טעקסט פֿון „יון מצולה". די הערות זײַנען אויסגעשטעלט לויטן אלף-בית פֿון די שטעט וואָס זײַנען דערמאָנט אין דער שריפֿט.

ק י צ ו ר י ם

А. Ю. З. Р. — Архив Юго-Западной Россіи.

Жерела — Жерела до історії України - Руси. Львів (vol. IV—VI), 1898—1913.

Буданов — Вл. Буданов. Населеніе Юго-Западной Россіи.

Ефименко — Ефименко. Южная Русь, 1905.

З. Н. Т. Ш. — Записки Наукового Товариства імени Шевченка. Львів.

З. І. Ф. В. — Записки Історично - Філологічного Відділу Укр. Академії Наук. Київ.

Р. и Н. — Регесты и надписи.

Jahrbuch — Jahrbuch der jüdisch-liter. Gesellschaft, Frankfurt a. M.

І. Г. З. — Історично-Географичний Збірник. Київ.

З. Е. І. А. К. Збірник Евр. Історю - Археогр. Комисії, Київ 1928-1929. 2 т.

Baliński-Lipiński — Starożytna Polska.

באלאבאן — די פּוילישע איבערזעצונג פֿון „יון מצולה", לעמבערג 1913.

גורלאנד — לקורות הגזירות על ישראל (לויט אים די מײַנסטע טעקסטן פֿון גזירות ת"ח).

ווײַנרײַך — בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור-געשיכטע, ווילנע 1928.

מאנדעלקערן — די רוסישע איבערזעצונג פֿון „יון מצולה".

פֿרידמאן — די עלטסטע ידיעות וועגן ייִדן אין פּוילישע שטעט (בלעטער פֿאַר געשיכטע I, 1934).

צער בת רבים — לויט דער אויסגאבע פֿון ח. ד. פֿרידבערג, לעמבערג 1905.

אָליק (ז׳ 63) Ołyka

האָט געהערט צו די ראַדזיווילס. ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1577 (פֿריד-מאַן, 71). לויטן „טיט היון" — 200 קרבנות. אין 1664 אַנטלײַט די קהילה געלט בײַם לויצקער ביסקופּ ראַדזשעווסקי (Збірник Евр. Ком., II, 125). זע אויך T Stecki. Radziwiłłowska Ołyka. Przegląd Powszechny 1887, 7. די שטאָט האָבן די קאָזאַקן אײַנגענומען אָנהייב אויגוסט. Tomkiewicz J. Wiśniowiecki, 232.

אָסטרע (ז׳ 40 א״ו) Острог, Ostróg

ווערט אויך דערמאָנט אין „מגילת עיפה": „יהחריבו כל העיר וכל קהילותינו וכל הגלילות והישובים אשר סביבותינו". לויטן „טיט היון" זײַנען דאָס ערשטע מאָל אומגעקומען 1.500 משפּחות, און דאָס צווייטע מאָל — 200; לויטן „צער בת רבים" (ז׳ 10) 7.000 נפֿשות. דאָס זעלביקע אין „צוק העתים". זע אויך: קבץ על יד, III, 30; ספר הדמעות III, קפּא; ביבר, מזכרת לגדולי אוסטראה, 18—21; ווײַנרײַך, 207. וויכטיקסטע מקורים:

[1] С. Дубнов. Еврейская старина в Острогѣ, Восход 1894, 10.

[2] S. Kardaszewicz. Dzieje dawniejsze m. Ostrogu. Warszawa 1913, 169 sq.

[3] Ефименко. Южная Русь, 1905, 55: „в острожском княжествѣ до 1569–4000 евреев занимались приготовленіем водки, пива и меду".

[4] Баранович. Студії к історії України, 1928, p. 8. ער גיט אָן, אַז די שטאָט האָט גענומען Гарасько און עס זײַנען ניט געווען מער ווי 400 הרוגים.

[5] Яроцкій. Из прошлаго Волыни, 1901 (זייער וויכטיק).

[6] Грушевський, o. c., VIII, III, 168 ברענגט אַ באַריכט פֿון Golański (דאַטירט 25 מערץ 1649), אַז אין שטאָט איז געווען אַ שחיטה, ווײַל מען האָט אָנגעהויבן רופֿן די אַנטײל-נעמער אין אויפֿשטאַנד. „מען האָט גענומען אָסטרע מיט שטורעם, אַלעמען אויסגעהרגעט, נאָר אַלטרײַסן איז געבליבן, די סכיזמאַטישע". נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע האָט די קהילה געמוזט לײַען געלט בײַ די פּריצים. וועגן די חובֿות זע Збірник Евр. Ком. II, 127. די דאַטע פֿון דער שחיטה: אויגוסט 1648 ווערט אויך דערמאָנט אין פֿירטער יזכּור-בוך (אוסטרא Jhrb., XVI, 264). עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן—פֿון 1447 (פֿרידמאַן, 71).

באַזילעאַ

אַ שטעטל אין וואָלין, בײַם טײַך סלוטש — אויף פויליש: Bazalia אָדער Bazylej. ייִדן ווערן דערמאָנט שוין אין 1582 (פֿרידמאַן, 71). לאַצקי-בערטאָלדי (ז' 68) שרײַבט בזליה און גיט אָן אין קלאַמערן בעלז מיט אַ פֿראַגצייכן. באַלאַבאַן (ז' 61) קען אויך ניט אַנטשיידן מכּוח דעם נאָמען און געאָגראַפֿישער לאַגע פֿון באַזילעאַ. דעם 21סטן יוני (אַ' סטיל) 1649 איז כמעלניצקי פֿאַרבײַגעפֿאָרן באַזילעאַ. Cf. Lipiński, o. c., 400; Грушевський, VIII,III, 183; Lipiński—Baliński IIIa, 98.

אין אַ בריוו פֿון פֿירשט Базалея (коло горішньої Случи) (באַזיל אָסטראָגסקי.

באַזווקע (ז' 23) Baziówka, Bużowka

אין העברעיִשן טעקסט פֿון „יון מצולה": באזופֿקה אָדער באזופֿקע, מאַנדעלקערן (ז' 18) Божувка.

באַצהין (ז' 50)

לאַצקי-בערטאָלדי דערקלערט, אַז עס איז Brachin. עס איז אָבער Buczyn (באַלאַבאַן, ז' 46).

באַר פּאָדאָליע

ייִדן דערמאָנט אין 1550 (פֿרידמאַן, 70). לויט דער לוסטראַציע פֿון 1565 געציילט 22 ייִדישע הײַזער; די „ייִדישע" גאַס האָט זיך געפֿונען אין פוילישן טייל פֿון שטאָט (Буданов, 192). אין 1578 געציילט 160 משפּחות, וואָס האָבן געצאָלט קאָפּשטײַער. Białkowski. Podole w XVI w. 1920, 10; Lipiński — Baliński, III, 216. אין 1646 באַקומען די באַרער ייִדן אַ פּריווילעגיע אויף צו האָבן אַ שול, בית-עלמין אאַז"וו, ווי אויך דאָס אַלטע רעכט צו האַנדלען (Bersohn, 245, 246). זע אויך Źródła dziejowe, V, 39—44.

דעם 25סטן יוני 1648 שרײַבט מען פֿון באַר, אַז די קאָזאַקן „руйнують міста, де позамикалася шляхта а жиди, и нечувани убійства чинят" (Szajnocha, Dodatek 28).

פֿרײַטאָג דעם 25סטן יולי האָט קריוואָנאָס געגומען די שטאָט, לויט אַנדערע מקורים האָט די שטאָט געגומען ניט קריוואָנאָס, נאָר זײַנע צוויי פּולקאָווניקעס Hanża און Ostap. וואָס איז שייך די קרבנות פֿון דער שחיטה, זײַנען די מקורים זיך שטאַרק סותר. דער בעל „טיט היון" שרײַבט, אַז 15,000 זײַנען אומגעקומען, צווישן זיי 200, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון מאָהילעוו, 40 פֿון לינאַשוב (מסתּמא ליכשוב=Lichaczów) און 200 פֿון ווערחוב (Верхівка),

פּאָדאָליע. — לויט Ефименко זײַנען דאָרט אומגעקומען 2.000 ייִדן. (די ציפער גענומען ווײַזט אויס פון „יון מצולה"). — לויט „מגילת עיפה" 3.000 הרוגים. — Twardowski שרײַבט אין זײַן געגראַמטער כראָניק Wojna domowa, 24—25, אַז פון גאַנץ אוקראַינע האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן ייִדן, ס'רוב קראַנקע און פאַרוואונדעטע, און אַן ערך 15.000 זײַנען אומגעקומען. אַז באַר איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער סטראַטעגישער קנופּ פון אַלע דעמאָלטיקע וועגן אין פּאָדאָליע, איז קלאָר פון די נײַע אוקראַינישע פאָרשאַרבעטן. דערפאַר זײַנען ייִדן אַהין געלאָפן. זע: I. Крипякевич. Студії над державою Б. Хмельницького, З.Н.Т.Ш., 144, p. 126; Е. Сицінський. Оборонні замки західнього Поділля, XIV–XVII ст. З. І. Ф. В. XVII, 152–158.

דעם 18טן אויגוסט 1648 האָט דער טרעמבאָוועלער אונטער-סטאַראָסטע געשריבן, אַז אין באַר איז שוין ניטאָ קיין גלח, קירך, קיין ייִד (P. и H. I, 902) און אין פעברואַר 1649 האָט דער אוקראַינישער פּולקאָווניק באָהון צוריק אָפּגענומען באַר, ווײַל מען האָט דאָרטן אָנגעהויבן שטראָפן די אויפשטענדלער (Грушевський VIII, III, 56–57).

די באַרער שחיטה ווערט דערמאָנט אין: קבץ על יד III, 29; ווײַנרײַך, 209; אין יזכור-בוך פון פירט (Jahrbuch, Fr., XVI, 264); ספר הדמעות III, קפב.

A. Скальковскій. Наѣзды гайдамаков на Зап. Украину, Одесса 1845, 155–159.

(אַ קינה אויף די הרוגים אין באַר און געמיראָוו).

באַרדיטשעוו (ז' 37) וואָלין

Tomkiewicz, o. c., 212. וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין באַרדיטשעוו זע ש. הורודצקי, לקורות היהודים בברדיטשוב. מאסף, פעטערבורג 1902, 106—109. אַגבֿ פעלן ידיעות וועגן דער ייִדישער קהילה אין 17טן י"ה (Жерела VI, 37, 42, 110, 117, 186).

באָריופּלין (ז' 22)

איז מסתמא פאַרגרײַזט פון באָרישפּול (מאַנדעלקערן: Борисполь), וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם „אל מלא רחמים" אויף די קדושים פון גזירות ת"ח, געדרוקט אין קבץ על יד, III, 30. פּאַרישפּאַלה — אין יזכור פון פירט (Jhrb., XVI, 264). אין 1628 האָט באָרישפּאָל געהאַט 10 הויפן אויפן מאַרק, 20 אויף די גאַסן, אָרעמע כאַלופּעס — 40, בעלי-מלאכות 3. אין 1630 האָבן קאָזאַקן חרובֿ געמאַכט די שטאָט. אין 18טן י"ה האָט די שטאָט געהאַט 38 סוחרים, פון זיי 20 שענקערס (שוין ניט קיין ייִדן).

די וויכטיקסטע ליטעראַטור:

[1] Стороженко. Мѣстечко Борисполе в XVII в. Кіев 1892.

[2] С. Шамрай. До історії Баришполя у XVIII в. І. Г. З. 1927, I, 93—120; idem. Місто Баришпіль у XVII в.; ibidem, 1928, II, 35—85.

[3] В. О. Романовський. Переписні книги 1666, Київ 1933, 215—218.

[4] В. Кордт. Чужоземні подорожі по Східній Європі до 1700, Київ 1926, 119.

באַרישעווקע

ניט ריכטיק איבערגעזעצט פֿון לאַצקין: באַרישפּאָל (ז׳ 23), אין דער אמתן איז דאָס Baryszówka אָדער Baryszów, פּערעיאַסלאַווער פּאָוויאַט. רופֿט עס אָן Barszczówka. (Жерела, VI, 116) Kuszewicz אין קבֿץ על יד III, 30 אָנגערופֿן: באַרישופּקאַ. אין אַ קינה, געדרוקט אין „המגיד" י״ח, 177): באַרטשופּקאַ. אין יזכּור־בוך פֿון פּירט: באַרישופּקה. אין „טיט היון": באַרשקפּקה (גיט אָן 200 קרבנות). מאַנדעלקערן: Борисовка (ז׳ 17).

בוטשאַטש

בסאַטש בײַ לאַצקי־בערטאָלדי, ז׳ 49, וואָס איז ניט ריכטיק דער זעלביקער דרוק־טעות אין האַנאָווערשן העברעיִשן טעקסט. באַלאַבאַן (ז׳ 46) ריכטיק: Buczacz, וואָס ליגט אין מזרח־גאַליציע בײַם טײַך Strypa. Baliński-Lipiński (II, 874—876) גיט אָן, אַז די קאָזאַקן האָבן ניט געקענט נעמען די שטאָט, זײַנען זיי אָפּגעטראָטן און פֿאַרברענט די אַרומיקע דערפֿער. מאַנדעלקערן Беуч, אין קלאַמערן: Бучач?. ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1500 (פֿרידמאַן, 68).

בורמישט (ז׳ 65)

באַלאַבאַן (ז׳ 58): Birnoszt. מאַנדעלקערן (ז׳ 50) Бурмушт. בײַ האַנאָווערן: בורמושט.

ביכאָוו (ז׳ 58)

ביחאָווא אין קבֿץ על יד III, 90. ביחווא אין פּירטער יזכּיר־בוך.

מאנדעלקערן (ז' 46) Быхов. **באלאבאן** (ז' 53): Biechów. וועגן דעם שטורעם פֿון ביכאָוו אין 1659 זע Евр. Старина 1911, 114–116.

בעלאָצערקעוו (שדה-לבן) (ז' 21)

באלאבאן (ז' 22) זאָגט ניט ריכטיק איבער שדה־לבן—Białopole, וואָס איז אַ קליין שטעטל אין בארדיטשעווער פּאָוויאַט. זע Baliński-Lipiński II, 617–618.

מאנדעלקערן היפּט בכלל איבער די שטעט און שטעטלעך (ז' 16), וואָס ווערן אין יענעם פּאַראַגראַף דערמאָנט. דעם 7טן יוני 1648 איז כמ' געווען אונטער בעלאָצערקעוו, דעם 12טן יוני האָט ער געשיקט זײַן באַרימטן בריוו צום פּוילישן קיניג. Cf. Франко, З.Н.Т.Ш. 106, 41–53. לויט אַן אינווענטאַר פֿון 1641 האָט דער דאָרטיקער שנײַדערצעך פֿאַרמאָגט 2 ייִדן, די קצבים—2 און די שמידן—1 ייִדן. Cf. Ruś (Lwów 1912), 165 sq. עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן — 1589 (פֿרידמאַן, 72).

בעלגאַריע (ז' 58)

אין קבץ על יד III, 31: בילגורייא.

מאנדעלקערן: Бѣлгрія מיט אַ פֿרעגצײכן (ז' 45). אין פּירטער יזכור־בוך: **בילגרייא**.

בעלז (ז' 49)

ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1439 (פֿרידמאַן, 70). אין תפארת ישראל לר' ישראל מבעלזיץ ווערט דערמאָנט די שחיטה אין בעלז (המגיד, 14, 397). דער „טיט היון" גיט אָן 200 בעלי־בתים ווי קרבנות, חוץ אַן ערך 1.000 ב"ב פֿון אַנדערע שטעט. בעלז איז געווען אַ פֿעסטונג. אַ סך ייִדן זײַנען אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער. לויט Томашівський (ז' 83) זײַנען די אוקראַינישע מעשטשאַנעס געבליבן געטרײַ דער פּוילישער מלוכה.

בערעסטעטשקע (ז' 72) וואָלין

שוין אין 1523 איז דאָרטן געווען אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון קהילות פֿון וואָלינער גליל. אין די אַקטן זײַנען אָבער די עלטסטע ידיעות וועגן דאָרטיקע ייִדן— פֿון 1569 (פֿרידמאַן, 71). ווערט דערמאָנט אין אַ דאָקומענט פֿון **יום טוב ליפּמן העלער** ווי ברעסטיטשקי (אין 1641) R. E. J. XXI, 276, לויטן „טיט היון" אומגעקומען 200 משפּחות.

בראָד (ז' 17, 49)

די קאָזאַקן זײַנען אַהין געקומען דעם 3טן אָדער דעם 4טן אָקטאָבער 1648. בראָד איז געווען די שטאָט פֿון אַלעקסאַנדער קאָנעצפּאָלסקי און געציילט 6.000 בעלי-בתים. דער „טיט היון" גיט אָן, אַז די באַלעגערונג האָט געדויערט צוויי וואָכן (שני און ניט שין, ווי עס שטייט אין אָריגינאַל). לויט Созанський האָבן די אוקראַיִנישע מעשטשאַנעס פֿון בראָד ניט געהאַלטן מיט כמעלניצקין, ווײַל זיי זײַנען געווען פֿאַרשולדיקט צו די פּאַליאַקן. З минувшини м. Бродів, З.Н Т.Ш., 102, 108 sq.

אין בערנפֿעלדס טעקסט (ספר הדמעות III, קמח) איז ניט ריכטיק אָנגעגעבן: ברוור; אין אַנדערע ערטער: בראָר. זע אויך Baliński-Lipiński, II, 744 — 747 און „צער בת רבים", ז' 12.

בריסק (ז' 50)

ייִדן ווערן דערמאָנט שוין אין 1388 (פֿרידמאַן, 73).

האַנאָווער דערמאָנט, אַז פֿון דאָרטן איז מען געלאָפֿן קיין פּוילן, ד"ה קיין גרויספּוילן. שבתי הכהן דערציילט, אַז בק"ק בריסק... זײַנען געווען הרוגים. לויט דעם בעל „טיט היון" זײַנען אומגעקומען 2.000 נפשות. די זעלבע צאָל גיט אָן Кунаков אין זײַן באַריכט (P. и H., I, 875).

בריסק ווערט דערמאָנט אין דער קינה געדרוקט אין „קבץ על יד" III, 30; יזכור-בוך: פולדא (Jahrbuch, XVI, 264).

גאָרי (ז' 58)

אין העברעיִשן אָריגינאַל גוריי; מאַנדעלקערן: Гурія (?) (ז' 45); באַלאַבאַן (ז' 53): Góra; א. מ. דיק: גורייא (ז' לז). איך בין משער, אַז דאָס איז כעלם = Холм, — באַרג — גאָרא. חעלים אין יזכור-בוך פֿון פֿירט. אין ספר חיים, האַנאָווער 1875, ז' 329, ווערן דערמאָנט די קדושים פֿון חעלם; אויך אין „טיט היון" מיט 400 הרוגים. זע אויך: שמעון מילנער, לקורות היהודים בחעלם, מאסף, פּעטערבורג 1902, 155.

גראָדנע (ז' 49, אויסגעלייגט הראָדנע)

לויטן „טיט היון" זײַנען 10.000 ב"ב „עשירים גדולים" (?) אויסגעהרגעט געוואָרן. זעצט איבער: Маггид (!) дуже великих багатирів. З. Е. I.A. K., II, 267.

ייִדן ווערן דערמאָנט שוין אין 1389 (פֿרידמאַן, 73).

דאָהינסקי קאַמין (ז׳ 64)

באַלאַבאַן (ז׳ 57—58) שרײַבט Celimski Kamień. בײַ האַנאָווערן שטייט: צהינסקי קאמין; מאנדעלקערן (ז׳ 50): Цыганскій Камень. אייגנטלעך איז דאָס Czachański Kamień, ניט ווײַט פֿון לאַכאָוויטש. דאָרטן איז געווען דער לאַגער פֿון ווישנעוועצקי. אין אויגוסט 1648 האָט ווישנעוועצקי געהאַט דאָרטן 15.000 סאָלדאַטן. דאָס, וואָס האַנאָווער דערציילט וועגן דער פֿאַראייניקונג פֿון לאַנצקאָראָנסקי מיט פֿירלייען, איז געשען אין יוני 1649. כמעלניצקי איז דאָרטן געווען אָנהײב יולי 1649.

Tomkiewicz. l. Wiśniowiecki, 227, 229, 309.

דובנע (ז׳ 42, 52, 63) וואָלין

געווען אַ פֿעסטונג. אין פּירטער יזכּור-בוך: קליין דובנא. אין אויגוסט 1648 אײַנגענומען פֿון די קאָזאַקן — דערמאָנט אין „צער בת רבים". די דאַטע אָנגעגעבן „ט"ו לחדש תשרי יום שמחת התורה". די צאָל הרוגים: 4.000 (ז׳ 11—12 פֿון פֿרידבערגס אויסגאַבע). דער „טיט היון" גיט אָן 200 הרוגים. ווערט אויך דערמאָנט אין קבץ על יד, III, 31. זע: פּ. פּעסיס, עיר דובנא ורבניה, 1902, 10—11; Baliński-Lipiński III, 22, ווו עס ווערט אָנגעגעבן, אַז 1.500 ייִדן זײַנען געהרגעט געוואָרן. אויך אין אַלט-קאָנסטאַנטין זײַנען אומגעקומען ייִדן פֿון דובנע. אין 1650 האָט דובנע געציילט 47 ייִדישע הײַזער און 141 קריסטלעכע (P. и H., I, 947).

וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע:

П. Клименко. Из исторіи финансоваго строя города Дvбно. Кіев 1914.

האָמלע (ז׳ 50)

העברעיִש הומיה אָדער הומי (Jahrbuch XVI, 264). סוף יוני 1648 — 80 ייִדן אויסגעהרגעט; צוזאַמען מיט פֿרויען און קינדער 2.000; פּאָליאַקן — 600 (А.Ю.З.Р. III, 227). לויט „מגילת עיפה" 1.500; דאָרטן אַן אויספֿירלעכער באַריכט, אַפּאָ מאָל איבערגעדרוקט. אויך אַרײַנגענומען אין „שארית ישראל" פֿון מנחם מאַן בן שלמה לוי אַמעלאַנדער (אין די אויסגאַבעס 1772, 1799 או"וו). האָמלער הרוגים ווערן דערמאָנט אין קבץ על יד, III, 29 (אליעזר ובני ישיבות); אין דער קינה פֿון ר׳ גבריאל ב"ר יהושע העשל מריישא, געדרוקט לעצטנס אין „ספר הדמעות" III, קעה; אין „טיט היון" הומיל 10 (?) ב"ב און 10.000 אַנטלאָפֿענע — אַלע אויסגעהרגעט.

דער בעל „נחלת יעקב" (ז׳ 10) זאָגט, אַז מען ווייס ניט די צאָל הרוגים פֿון האָמלע, פּאָלינאָע און באַר.

Cf. G r o n d s k i, 97.
W i e n e r. Das Buch Schevet - Jehuda, 1861, 272–273.

הרובעשוו (ז' 58)

אין פירטער יזכור-בוך: הרובשהוב. אין העברעישע מקורים: רובשוב, רובש הוב, קבץ על יד III, 31. „טיט היון" — 200 ב"ב, אלע אויסגעהרגעט.

Baliński-Lipiński, II, 934—947.

יידן ווערן שוין דערמאנט אין 1456 (Bersohn, № 389) און ניט אין דער צייט פון סטעפאן באטארי, ווי Э. E. VI, 805 וויל האבן. לויט פרידמאנען ווערן יידן דערמאנט שוין אין 1440 (ז' 70), לויט שיפערס שטודיעס.

ווילנע (ז' 49)

יידן אין ווילנע האבן דירעקט ניט געליטן אין 1648—50.

וויניצע (ז' 22) פאדאליע

לויט „טיט היון" געווען 300 הרוגים. ווייבריך: 207. וויניצע, סטארא-גראד, קראסנע זיינען געווען די פריקאהאלקעס פון ב א ר. יידן ווערן דערמאנט שוין אין 1532 (פרידמאן, 72).

וולאדאווע (ז' 50)

ה א נ א ו ע ר דערציילט, אז אין וולאדאווע, טשערניכאוו און בוטשין זיינען אומגעקומען 10.000 יידן. אין „מגילת עיפה" לייענען מיר, אז בק"ק ווּלאדו „עשו זבח רב שם". אין קבץ על יד, III, 30 (ולדיואה): „כמה אלפים נפשות". יזכור-בוך פירט (Jahrb., XVI, 164): וואלאדיה. ספר הדמעות III, קסג: ולאדבה. אין „טיט היון" (וולואבווא) — 100 ב"ב און 10.000 פליטים — אלע אויסגעהרגעט.

יידן ווערן דערמאנט שוין אין 1536 (פרידמאן, 73).

וועגעציע (ז' 24)

האנאווער דערמאנט איך ליווארנע און רוים צווישן די קהילות, וואס האבן געשאפן געלט פאר „פדיון-שבויים" אויסצוקויפן די געפאנגענע יידן פון די טאטערן. אין ווענעציע איז געווען א ספעציעלע „פדיון-שבויים חברה".

D. Kaufman. David Carcassoni et le rachet par la communauté de Constantinople des juifs faits prisonniers durant la persécution de Chmielnicky, R. E. J, XXV, 202-216.

C. Roth. Venice, Philadelphia 1930, 158 sq; idem, A Life of Menase b. Israel, 1934, 302—303.

די פּויזנער קהילה געשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צוויי דעלעגאַטן אויף אויסצוקויפֿן די געפֿאַנגענע. דאָס איז שוין געשען אין 1650.

Cf. L. Lewin. Die Landessynode der Grosspolnischen Judenschaft. F. a M. 1926, 41.

דאָס שטימט מיט האַנאָווערס אינפֿאָרמאַציע, אַז די ייִדן האָבן געוואָלט גיין פֿרײַוויליק אין געפֿאַנגענשאַפֿט, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז מען וועט זיי אויסקויפֿן. דאָס איז אָפֿט געשען אויך פֿריִער, פֿאַר די געשעענישן פֿון 1648. אויך קיין אַנקאָנע (Ancona) פֿלעגן קומען פּוילישע משולחים וועגן פּדיון־שבֿויִים־געלט, אָבער מען פֿלעגט זיי אָפּשיקן קיין ווענעציע, ווײַל די קהילה איז געווען צו אָרעם. זע די אינטערעסאַנטע בריוו פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון ד״ר ש. בערנשטײן אין Hebrew Union College Annual, VII, 508—509 (בריוו נומער 8 און 9).

זאַמאָשטש (ז׳ 57—62)

ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1597 (פֿרידמאַן, 70).

כמעלניצקי איז געווען בײַ די מויערן פֿון שטאָט דעם 6טן נאָוועמבער 1648, האָבנדיק אין זײַן אַרמיי 7.000 פּוילישע זעלנער. ער האָט צוגערעדט לודוויק ווייהער (Weiher), וועמען האַנאָווער דערמאָנט, אַז ער זאָל אַריבערגיין אויף זײַן זײַט, ווײַל בײַ אים זײַנען אויך דאָ דײַטשע סאָלדאַטן (Жерела, VI, 130).

לודוויק ווייהער איז געווען דער קאָמענדאַנט פֿון די דײַטשע אָפּטיילונגען אין זאַמאָשטש. ער האָט געבראַכט מיט זיך 1.500 דײַטשן, און ניט 6.000 ווי האַנאָווער שרײַבט. ער איז געווען אַ קאַסטעלאַן פֿון עלב, דײַטשלאַנד. כמעלניצקיס בריוו צו אים און זײַן ענטפֿער — אָפּגעדרוקט פֿון טאָמאַשעווסקין (Жерела VI, 68, 84–87) — געחתמעט:

Weiher, pułkownik nad wojskiem obcem, senator, kasztelan elbiński.

Грушевський, VIII, III, 96–97.

Жерела, IV, 125 (א בריוו פֿון Kuszewicz).

אין זאַמאָשטש איז געווען אַ הונגער. וועגן דעם שרײַבט אין זײַן בריוו שמיאַראָווסקי. זע:

A. Kraushar. Poselstwo Jakóba Śmiarowskiego do B. Chmielnickiego pod obłężony Zamość. Kwartalnik Historyczny, 1891, 813—824.

לויט Baliński - Lipiński, II, 956—69, זײַנען עטלעכע טויזנט ייִדן אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער (ז׳ 966). כמעלניצקי האָט געוואָלט 200.000 גילדן אויסקויפֿגעלט. די שטאָט האָט געגעבן נאָר 20.000, וואָס עס ווערט אָגב באַשטעטיקט פֿון האַנאָווערן. אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיך געדונגען. דער יקרות איז דערווײַל געוואַקסן און פֿון ייִדן האָט מען געשלעפּט געלט. דעם 15טן נאָוועמבער איז כמ׳ נאָך געווען אונטער זאַמאָשטש.

הויפּט-מקורים:

Bytomski, Obsidio Zamoscano 1649. (איבערגעדרוקט אין Жерела VI, 137–151)

Томашівський. Межи Пилявцями і Замостем. Ibidem, 75–96.

Грушевський. Історія України-Руси, Vol. VIII, II, 118.

Tomkiewicz. Jeremi Wiśniowiecki, 255–260.

צער בת רבים, ז׳ 13.

A. Ю. З. Р., VIII, 281 (אַ פּאָלשע ידיעה, אַז כמ׳ האָט גענומען זאַמאָשטש)

אין „צוק העתים" ווערט דערציילט, אַז אין דער פּוילישער אַרמיי אין זאַמאָשטש זײַנען אויך געווען ייִדן.

דער זעלבער מקור דערציילט, אַז די אוקראַינער האָבן גענומען פֿון די ייִדן 24 טויזנט גילדן אויסקויפֿגעלט, און אַז די ייִדן האָבן אויסגעקויפֿט פֿון טאַטערישע הענט ייִדישע געפֿאַנגענע. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן ווייניק היסטאָרישן אמת מיטן אויסנאַם פֿון פּדיון-שבֿויים פֿון די טאַטערן.

זאַסלאַוו (ז׳ 44 א״וו) וואָלין

אייגנטום פֿון פֿירשט דאָמיניק זאַסלאַווסקי. דאָס וואָס האַנאָווער דערציילט וועגן זאַסלאַוו איז דאָס פּינקטלעכסטע, ווײַל ער איז דאָרטן געווען. אַזוי למשל ווערט באַשטעטיקט זײַן אינפֿאָרמאַציע, אַז די קאָזאַקן האָבן געשענדט די קברים פֿון דאָרטיקע דוכסים. אין אַ פּוילישן באַריכט לייענען מיר, אַז

„kozacy, Zasławia dostawszy, grobów, w których zmarli xiężęte zasławscy odpoczywali, dobyli wszystkie ciała zacnych xiężęt na sztuki posiekawszy, one mąką albo trąbami posypywszy bestiom na pokarm rozrzucały" (Жерела IV, 57).

זע דעם קאָנטעקסט ביי האַנאָווערן (ז׳ 14).

לויט האנאווערן האט מען געהרגעט 200 יידן ; לויטן „טיט היון"—300. די שטאט האט גענומען דער קאזאקישער פירער Донець.
(Баранович, Студії etc. 8).

Lipiński-Baliński, III, 104—105.

Федорович. Городъ Заславль (Кіевская Старина, 1894,1).

Жерела VI, 50, 112.

Я. Могила. Історія м. Заслава .Київ 1927.

עלטסטע ידיעה וועגן יידן — 1530 (פרידמאן, 72).

זבאָראָוו (ז' 67 א"וו)

דער אפמאך צווישן פוילן און כמעלניצקין איז אונטערגעשריבן געווארן דעם 18טן אויגוסט 1649. האנאווער דערמאנט א פאר פונקטן. וועגן „יידישן" פונקט זאגט ער, אז דער „מלך זאל גוזר זיין אויף יידן, זיי זאלן ניט וווינען דארטן, ווו סע וועלן זיך געפינען די דאזיקע 30.000 קאזאקן" (ז' 67). אין אריגינאל לייענען מיר:

„Żydzi nie tylko arendarzami, ale ani mieszkańcami aby nigdzie po tych miastach... nie ważyli się chyba na czas z kupiectwem przyieżdzać będą".

ד"ה אז צוליב מסחר וועלן די יידן מעגן קומען אין די קאזאקישע מקומות. דער קיניג האט דערויף מסכים געווען (§ 7 פון אפמאך).

לויט הרושעווסקיס טעקסט לייענט זיך דער פונקט אזוי:

„Жиди державцями, арендарями ані мешканцями не мають бути в містах українних, де козаки мають полки свої".

לויט הרושעווסקיס אפשאצונג איז דאס געווען:

„рід охорони загально-соціяльних інтересів в дезідератах звернених против Жидів, в дусі ...специфичного антісемітизму". Cf. Грушевський, Хмельниччина в розквіті. Київ 1922, 210—12, 216.

С. Томашівський. Один момент під Зборовом 1649 р. З. Н. Т. III., Том 117.

Кордуба. Між Замостем та Зборовом.
З. Н. Т. Ш., том 133.

זבאַראַזש (ז׳ 65)

די באַלעגערונג פֿון זבאַראַזש געהערט צו די וויכטיקסטע עפּיזאָדן פֿון דער מלחמה פֿון 1648, האָט אָבער אַ קליינע שײַכות מיט דער פּויליש-ייִדישער געשיכטע. אַלע ציפֿערן און ידיעות וועגן דעם ענין זײַנען לעצטנס אָנערקענט געוואָרן פֿאַר פֿאַנטאַסטיש. אַזוי שרײַבט Kuszewicz, אַז אין דער פּוילישער ארמיי זײַנען געווען 4.000 ייִדן(?) (Жерела VI, 118). די לעצטע סאַמע וויכטיקסטע ליטעראַטור:

Ks. L. Frąś. Obrona Zbaraża. Kraków 1932.

Wł. Tomkiewicz. J. Wiśniowiecki. W. 1933.

Olgierd Górka. „Ogniem a mieczem“ a rzeczywistość historyczna, W. 1934, p. 25 sq.

עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן — 1578 (פֿריידמאַן, 72).

זיוטב (ז׳ 23)

לויט באַלאַבאַן (ז׳ 24) זאָל דאָס זײַן Żywotów; אויך מאַנדעלקערן זעצט איבער האַנאָווערס זיואַטב Животов. דער „טיט היון“ שרײַבט זטיאַב. מ ג י ד וויל האָבן, אַז דאָס איז זמיאַב (Змиїв) אין כאַרקאָווער געגנט (З. Е. І.-А. К., II, 259). דער „צער בת רבים“ שרײַבט ריכטיקער: זוואַטאָווא.

זשאָלקווע (ז׳ 49)

לויט Baliński-Lipiński II, 749–750, האָט די שטאָט באַצאָלט 22.000 גילדן אויסלייזגעלט.

לויטן „טיט היון“ זײַנען געווען 300 ב״ב און האָבן געגעבן געלט אויף אויסקויפֿן זיך. דער „צער בת רבים“ (ז׳ 13) רעדט וועגן „בני ק״ק זאלקווא“ — ווי קרבנות פֿון די שחיטות, נאָר דאָס איז ניט ריכטיק.

Ks. S. Barącz. Pamiątki miasta Żołkwi, Lwów 1852, 34–35.

L. Gumplowicz. Trzy akta tyczące się bożnicy Sobieskiego w Żołkwi. Dziennik literacki. Lwów 1862.

Przywileje nadane Żydom m. Żołkwi. Ojczyzna, Lwów, 15 Listopada 1882.

ש. בובר, קריה נשגבה. 1903.

M. Балабан. Евр. Энц., VII, 605–609.

חעלם זע: גאָרי.

אין יזכור-בוך פֿון Treuchtlingen ווערט דער נאָמ/ן פֿון דער שטאָט געשריבן: קלמעה (Jahrb., XVI, 291).

טאָמאַשאָוו (ז׳ 58)

לעבן לובלין, ווי דאָס ווערט קלאָר פֿון דעם קאָנטעקסט בײַ האַנאָווערן, ווײַל די רשימה פֿון שטעט גייט אין אַ געוויסער געאָגראַפֿישער אָרדענונג, פֿון לעמבערג ביז טאָמאַשאָוו האָט כמעלניצקין געדויערט אַ וואָך, אַזוי אַז דעם 22סטן אָקטאָבער (אַלטן סטיל) איז ער דאָרטן געווען. דער סאָטניק Калина גיט אָן די דאַטע פֿון 3טן נאָוועמבער 1648. טאָמאַשיווסקי נעמט זי אויך אָן (Жерела I, VI, 70). עס איז פֿאַראַן אַ היסטאָריש ליד אויף ייִדיש וועגן איינעם אַ קדוש ר׳ פּנחס פֿון טאָמאַשאָוו (ווײַנרײַך, שטורעמווינט, ז׳ 176 א״ו). — יעקב ב״ר שמעון, דער מחבר פֿון „אהל יעקב״ (ווענעציע 1687), איז געווען אַ טאָמאַשאָווער. אין זײַן ספר דערציילט ער, אַז אין נעמיראָוו איז זײַן פֿרוי און זײַנע דרײַ קינדער דערהרגעט געוואָרן. אַ צווייטער יעקב מטאמשוב ווערט דערמאָנט ווי אַ קדוש אין צוזמיר (ברכת הזבח, אמסטערדאם 1669, קכג). זע אויך: קבץ על יד, III, 30. אין פּירטער יזכור־בוך: טאמישאב. „צער בת רבים״ ז׳ 13. דער „צ״ק העתים״ שרײַבט:

„ישבו ילדים, מילדי העברים שהיו לומדים, בבית הספר דבוקים ואחודים בשלחן ישבו ולמדו בספריהם, העיקום בשלחן ויצאו נשמותיהם, ולא נשאר אחד מהם, הרגו בעיר טף ונשים, בחורים ובתולות ומאות אנשים, ויחריבו הבתים ובית הקדשים״.

טאַרניגראָד (ז׳ 58)

(פּרעמישלער טעריטאָריע). אין העברעיִשע מקורים: טרניגרוד, „קבץ על יד״ III, 31; טרנאגראד אין פּירטער יזכור־בוך. ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1580 (פֿרידמאַן 69), אין 1580 באַקומען די דאָרטיקע ייִדן אַ פּריווילעגיע פֿון סטעפֿאַן באַטאָרי. Bersohn, Dyplomataryusz, No 184.

פֿאַראַן נאָך אַ צווייטער טאַרניגראָד, לובלינער געגנט, ניט ווײַט פֿון בילגאָרײַ, לייגט זיך מער אויפֿן שכל, אַז האַנאָווער מיינט די שטאָט, ווײַל אין זײַן רשימה פֿיגורירט דער נאָמען צוזאַמען מיט הרובישויוו, בילגאָרײַ, קראַשניק אאז״וו — אַלץ שטעטלעך אין דעם זעלבן ראַיאָן. די נאָטיץ אין E.Э. XIV, 760, אַז דאָס מיינט טאַרניגראָד ניט ווײַט פֿון פּרעמישלע, דאַרף מען דעריבער פֿאַר זיכער ניט האַלטן.

טולטשין (ז׳ 21, 31 - 35)

אויך גערופֿן Нестервар. פּאָדאָליע, בראַצלאַווער פּאָוויאַט. דער אויספֿירלעכער באַריכט בײַ האַנאָווערן פֿאָדערט אייניקע קאָרעקטיוון. די אוקראַינישע אַרמיי

האָבן אָנגעפירט קריוואָנאָס און האנזשא; לויט אַן אַנדער מקור האנזשא אין אָסטראָג; האנזשא האָט געפירט די באַלעגערונג (Ткаченко אין З.І.-Ф.В. XI, 27–28). די שטאָט האָט פאַרטיידיקט אַ געוויסער בײַבוזא (Bajbuza). Kuszewicz שרײַבט, אַז ער האָט גענומען בײַ די ייִדן „פרײַוויליק אַ פּאָר טויזנט גילדן אויף דער פאַרטיידיקונג“ (בריוו פון 8 יולי 1648) (Жерела IV, 35-37). די שחיטה איז פאָרגעקומען דעם 22סטן יוני 1648. לויט קושעוויטש זײַנען אומגעקומען 15.000 ייִדן; לויט Ефименко נאָר — 2.000. דער „טיט היון“ גיט אָן — 600; „מגילת עיפה“ — 3.000 הרוגים. Twardowski באַשרײַבט, ווי מען האָט אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען. די קאָזאַקן האָבן געוואָלט די ייִדישע אוצרות, וואָס מען האָט באַהאַלטן אין שלאָס, ווי אַן אויסלייז פאַר זייערע נשמות. האַנאָווער טײלט אָפּ דאָס אַרויסגעבן די ייִדן פון דער פאָדערונג פון אַרויסגעבן זייער פאַרמעגן. בײַ Twardowski איז דאָס ניטאָ; דערפאַר רעדט ער וועגן צוויי מאָל אָנקומען פון קאָזאַקן, בעת האַנאָווער רעדט נאָר וועגן איין מאָל. Грушевський האַלט, אַז די מעשה, וואָס האַנאָווער דערציילט וועגן פירשט טשעטווערטינסקי) און זײַן פרוי, איז ניט קיין אמתע, ווײַל דער פירשט האָט ניט געהאַט קיין קינדער. זײַן פרוי האָט ניט געקענט געהרגעט ווערן, ווײַל זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל.

Lipiński. Z dziejów Ukrainy, 167.

Грушевський. Історія України-Руси VIII, III, 38.

וועגן דער העלדישקייט פון די טולטשינער ייִדן זע:

1) Костомаровъ. Б. Хмѣльницкій, 185–86.

2) Pamiętniki o wojnach kozackich za Chmielnickiego. Wrocław 1842

3) Twardowski. Wojna domowa. Część I, 14.

אַנדערע מקורים:

„צער בת רבים“, 9; קבץ על יד, III, 29 (געהרגעט געוואָרן „ר' שלמה ובני ישיבתו עם כל בני העירים“); שו"ת עבודת הגרשוני, סימן ק"ו („בגזירת טולטשין לא נמלט רק י"ב אנשים“); איתן האזרחי, אוסטראה 1796.

Кіевская Старина 1904, 7–8, 17–18.

ווײַנרײַך: 204, 206; יזכור-בוך פירט (Jahrbuch XVI, 264), צוק העתים.

Регесты и Надписи I, 900, 902, 903, 924

ליטינסקי אין „יודישע פאָלקס ביבליאָטהעק“ I, 420–21.

ווײַנרײַך, שטורעמווינט, ז' 50–54.

האנאווער דערמאנט די נעמען פון עטלעכע טולטשינער קדושים, ווי ר׳ אהרן, דעם ראש־ישיבה; ר׳ אליעזר, וואס איז גיט קיין אנדערער, ווי ר׳ אליעזר בן יקותיאל, וואס זײַן נאמען פיגורירט אין דעם „אל מלא רחמים" פון ת"ח, וואס איז פארשריבן אין קראקעווער פנקס (זע: ווטשטיין, דברי חפץ, 1902, 10—11). ר׳ שלמה בײַ האנאווערן איז ר׳ שלמה בן שמואל הלוי. אויך ר׳ חיים ווערט דערמאנט אין קראקעווער פנקס. ר׳ שלמה בן שמואל הלוי (רב אין טולטשין) ווערט אויך דערמאנט אין ק׳אגליד, וואס ווײַנרײַך האט פארעפנטלעכט (שורה 201), ווי אויך הקדוש ר׳ חיים (201, 212).
Cf. Bałaban. Żydzi w Krakowie (1913), 141.

טורבין (ז׳ 68)

לובלינער טער׳טאריע. ווערט דערמאנט אין פירטער יזכור־בוך, קבץ על יד III, 30, אין „צוק העת׳ם".

דער Самовидець שרײַבט, אז אין טורבין, קראשניק און אנדערע שטעט פון יענער געגנט האט מען געהרגעט ניט בלויז ייִדן און שליאכטע, נאר אויך געמיינע מענטשן (ז׳ 15 פון דער קיעווער אויסגאבע פון 1878).

טעטיעוו

ניט ווײַט פון בעלאצערקאוו, בראצלאווער געגנט. אין דער איבערזעצונג (ז׳ 23) על־פי טעות טשיובן; אין אריגינאל אויך ניט ריכטיק: טשיאוב, ווײַזט אויס א דרוקפעלער. אין „טיט היון" אנגעגעבן: טואיב, אומגעקומען דארט 10 ב ב. מאנדעלקערן (ז׳ 18) שטעלט Чiов מיט א ?.

טשודנאָוו (ז׳ 21)

Cudnów וואלין, זשיטאמירער פאוויאט (בײַם טײַך טעטערעוו). דער „טיט היון" שרײַבט: סצודנא. גיט אן, אז כמעט אלע 300 בעלי־בתים זײַנען אויסגעהרגעט געווארן; האנאווער שרײַבט, אז זיי זײַנען אנטלאפן קיין פאלאנע.
Cf. Baliński–Lipiński II, 631.

די שטאט איז געפאלן א קרבן נאך אין נאליווײַקאס צײַטן (1607).

א בריוו וועגן די שחיטות פון ייִדן און פריצים (דעם 29סטן יולי 1643) Р. З. Ю. А., III, 22.

טשערניהאָוו (ז׳ 50)

א שטעטל אין וואלין, זשיטאמירער פאוויאט. אין דער קינה פון 1649: צרניהוב (קבץ על יד, III, 29). צארניאב אין יזכור־בוך פון פירט

(Jhrb. XVI, 264) האָט גאָרניש צו טון מיט Чернигов, ווי עס שטייט אין דער Е. Э. (XV, 856), און ניט מיט Czernichów אין מזרח־גאַליציע, פֿון וואַנען עס שטאַמט דער לעמבערגער שליח צו די קאָזאַקן (זע לוואָוו).

אין „מגילת עיפֿה" ווערט דערציילט, אַז 2.000 ייִדן זײַנען דאָרטן אומגעקומען. מסתּמא אַ סך אַנגעפֿאָרענע, ווײַל די שטאָט האָט ניט געקענט האָבן אַזוי פֿיל ייִדן. אין אַ באַריכט פֿון 19טן יולי (אַלטער כּטיל) 1648 ווערט געזאָגט, אַז אַלע ייִדן זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן (Акты Ю. и З. Р., III, 233).

לויט אַ באַריכט פֿון 2טן אויגוסט 1649 (אפֿשר 1648?) ציטירט בײַ Грушевський, VIII, III, 32, ווערט דערציילט, אַז די שכנישע ייִשובֿים אַרום טשערניהאָוו האָבן זיך אונטערגעגעבן און צוריכגעגעבן אויף עינויים די שליאַכטע, די קאַטוילן און די ייִדן. זע אויך: Slawische Jahrbücher, 1834, 109.

אין באַלאַבאַנס אינדעקס צו זײַן פּוילישער אויסגאַבע פֿון „יון מצולה" איז אַ פּלאָנטער מיט די צוויי שטעט מיטן זעלבן נאָמען און אויך אַ דרוקגרײַז (דאַרף זײַן זײַט 51 און ניט 56).

די קהילה האָט זיך געקלאָגט (דעם 21סטן אויגוסט 1648), אַז מען האָט די ייִדן באַראַבעוועט, דערטרונקען ייִדישע פֿרויען אַאַז"וו (A. Ю. З. Р., III, 24–28).

יאַזלעוויץ אָדער יאַזלוויץ

אַזוי ריכטיק אויף ז׳ 56, אויף ז׳ 49 יאַזלווין, לויט אַ גרײַז אין אָריגינאַל. ריכטיק בײַ א. מ. דיקן (ז׳ 61). מאַנדעלקערן (ז׳ 39): Ясловиц. באַלאַבאַן (46) ריכטיק: Jazłowice.

הרושעווסקי דערציילט לויט אַ כּתבֿ־יד פֿון Ossolineum (זײַן געשיכטע, באַנד VIII, טייל III, ז׳ 168), אַז נאָך דעם ווי די פּאָליאַקן האָבן אָפּגענומען צוריק די שטאָט, האָט מען געהייסן די אײַנוווינער, זיי זאָלן זיך צוריקקערן. דעמאָלט האָט קאָנעצפּאָלסקי געהייסן אויספֿאָרשן, ווער האָט איבערגעענטפֿערט די שטאָט צו די קאָזאַקן. צוויי ראַטמענער און דעם וואָיט, אַלע אוקראַינער, האָט מען פֿאַרמשפּט צום טויט. ווען די קאָזאַקן האָבן זיך דערפֿון דערוווּסט, זײַנען זיי ווידער אָנגעפֿאַלן אויף יאַזלעוויץ און אָנגעמאַכט אַ שחיטה.

ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1578 (פֿרידמאַן, 70).

לאָכוויץ (ז׳ 12, ריכטיק אין דער הערה, ז׳ 22)

(אַכט מײַל פֿון קאָנסטאַנטינאָוו) רוסיש: Ляховичи. העברעיִש: לאחוויץ— אויך לאחוויצא.

אַ באַפֿעסטיקטער פּונקט, געהערט צו יערעמי ווישנעוועצקין. אין 1638 געהאַט 3.325 בעלי־בתּים און 35 מילרעדער (47, Грушевський VIII, III, 25).

לויט א באריכט פֿון 28סטן יולי 1648 האָבן זיך די פּאָליאקן באַפֿעסטיקט אונטער לאָכוויץ אויף דעם טײַך האָרין (Michałowski ,98). אין די שאלות־ותשובות „פני יהושע“, חלק שני, סימן ס"ה, ווערט דערמאָנט א הרוג פֿון 1636. לויט טיט היון — 200 קרבנות אין 1648—49.

אין א שאלה־ותשובה פֿון מנחם מענדל פֿין ניקאָלסבורג ווערט דער־מאָנט בײַ:

M. Затуловскій. Раввинскія книги времен Хмѣльницкаго, Кіевская Старина, 1896, VI, 98—100.

לובירטאָוו (ז' 21)

Lubartów, לובלינער געגנט.

אין העברעיִשן טעקסט: לובירטוב. אין „טיט היון“ ווערן דערמאָנט 60 יידישע הרוגים.

לובלין (ז' 59, 60 א"א)

וועגן לובלינער קדושים איז פֿאַראַן א היפּשע ליטעראַטור:

H. Łopaciński. Przegląd historyczny, 1909, 228-2480 342—358.

M. Bałaban. Die Judenstatt von Lublin, 1919, 42—44.

S. B. Nisenbaum. Un manuscript de la „Gueniza" de Lublin. R. É. J., L, ,84—89.

לויט די שאלות־ותשובות פֿון ר' שמואל קיידאַנאווער (אמונת שמואל) האָט די שחיטה געדויערט 7 טעג. לויטן „טיט היון“ זײַנען אומגעקומען 2 000 ב"ב, און אין שטאָט זײַנען געווען 10 000 פּליטים: אלע אומגעקומען. זע אויך: בן־ציון כץ. לקורות היהודים ברוסיא וליטא, ז' 41.

לובלין ווערט דערמאָנט אין דער קינה, געדרוקט אין „קבץ על יד“ III, 32.

אין „חסד שמואל“ פֿון שמואל בן הקדוש דוד אַווערבוך (אמסטערדאַם 1699) ווערן דערמאָנט לובלינער קדושים — אָבער דאָס איז שייך צו 1655

זע אויך: ווײַנרײַך, שטורעמווינט, ווילנע 1927, ז' 189—190.

לובלין און די יידן אין 1655 ווערט געשילדערט בײַ

H. Грушевський, o. c., IX, 1126-1128.

צו דער עקאָנאָמישער געשיכטע פֿון די לובלינער יידן זע די וויכטיקע מאַטעריאַלן פֿון בעלא מאַנדעלסבערג אין דעם „יונגן היסטאָריקער“ באַנד I, 1926, 81—89, און באַנד II, 1929, ז' 54—66.

לובען (ז' 12, 22)

Lubin אָדער Łubnie. רוסיש—Лубны.

„קבץ על יד" III, 30, ווערט דערציילט, אַז בראש פֿון די קרבנות איז געווען דער אַב-בית-דין. זע: ספר הדמעות III, קפא. אין פּירטער יזכור-בוך: לובען. לויט I. Крипякевич, Український державний скарб 73—106, 130, З. Н. Т. Ш., האָבן ייִדן געהאַט אין לובני אייגענע הויפֿן (ז' 80). כמעלניצקי האָט געשאָנקען דעם לובנער עסאול לעווקאָ קאָנסטאַנטינאָוויטש „двір пустий жидівський" (אַ ליידיקער ייִדישער הויף).

די לובענער ייִדן האָבן אין 1622 און בשותפות מיט בעלאַצערקווער און מירגאָראָדער געוואָרבן סאַלפּעטער און ליים (ביים טייך וואָרסקלע) (Źródła dziejowe, XXI, 624). דעם 9טן יולי 1648 האָבן די אַרומיקע פּויערים חרוב געמאַכט די שטאָט און געהרגעט דעמאָלט אַ סך בערנאַרדינער, האָט כמעלניצקי באַשטראָפֿט די פּויערים און געלאָזט וויסן ווישנעוועצקין, אַז זײַנע אייגענע פּויערים האָבן דאָס געטאָן (Tomkiewicz, 103—104). פֿריִער, שוין דעם 20סטן דעצעמבער 1637, האָט מען דאָרטן געשאָכטן ייִדן (Okolski. Diarjusz, 70).

לודמער (ז' 58) Włodzimierz-Wołyński

אין העברעיִשע מקורים: לאַדמר, לודמר. לאַדמר אין פּירטער יזכור-בוך. לודמיר אין יזכור-בוך פֿון פֿולדאַ.

האַנאָווער דערמאָנט נאָך אַ שטאָט אין דעם זעלבן קאָנטעקסט: לובאָמלע, וואָס איז ניטאָ ניט אין מאַנדעלקערנס איבערזעצונג (ז' 45) און ניט אין באַלאַבאַנס פּוילישער אויסגאַבע (ז' 53).

אין „טיט היון" ווערט אָנגעגעבן 100 ב"ב — אַלע אויסגעהרגעט. Baliński-Lipiński III, 52—61. ווערט אויך דערמאָנט אין „צוק העתים". Регесты и надписи I, 924; A.Ю.З.Р. VI, I, 563 (אַ דאָקומענט פֿון 1650) די קהילה האָט עקסיסטירט שוין אין 1506.

לוואָוו (לעמבערג) (ז' 53 און ווײַטער)

די באַלעגערונג פֿון לעמבערג איז פֿאָרגעקומען אין די טעג פֿון 3טן ביזן 26סטן אָקטאָבער. דער פּוילישער טריומוויראַט איז באַשטאַנען פֿון קאָנעצפּאָלסקין, ווישנעוועצקין און אָסטראָראָגן. כמעלניצקי האָט געשריבן צום לעמבערגער מאַגיסטראַט, אַז מען זאָל אַרויסגעבן די ייִדן, ווײַל זיי האָבן געגעבן געלט אויף דער אַרמיי. Томашівський האַלט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ לעגענדע, און אַז מסתמא האָט דער מאַגיסטראַט אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג. ווען די דעלעגאַציע איז

געקומען צו כמעלניצקין, האָט ער שוין ניט געשטעלט די פֿאָדערונג אַרויסצוגעבן די ייִדן, נאָר געגעבן אַן עצה אַרויפֿצולייגן אויף זיי שטײַערן, ווײַל די ייִדן „זײַנען רײַך געוואָרן אויף אוקראַינע דורך באַוועלן די קאָזאַקן". די לעמבערגער ייִדן האָט מען אָוועקגעשטעלט צו פֿאַרטיידיקן אַ טייל פֿון די מויערן פֿון שטאָט און זיי געגעבן אַפֿילו געווער. די לעמבערגער דעלעגאַציע, וואָס איז אַרויס צו כמעלניצקין (דעם 12טן אָקטאָבער), האָט באַשלאָסן זיך צו דינגען מיט אים — און אויב ער וועט ניט וועלן קיין 100 טויזנט גילדן, וועט מען דאַרפֿן נאָך אַ מאָל אַזוי פֿיל געלט אַרויסצאָלן פֿון די ייִדן. כמ׳ האָט געזאָגט, אַז פֿון די „פֿאַר־שאָלטענע ייִדן שלעפּט אַליין דאָס געלט. עס קומט פֿון זיי אַ סך, ווײַל זיי האָבן צוגענומען גרויסע געלטער פֿון די אוקראַינישע קאָזאַקן".

אין שטאָט גופֿא האָבן ייִדן געליטן ניט נאָר פֿון הונגער און מגפֿות, נאָר אויך דערפֿון, וואָס מען האָט ניט געקענט באַגראָבן די ייִדישע מתים, און זיי האָבן פֿאַרסמט די לופֿט. פֿון די לעמבערגער ייִדן האָט מען געשלעפּט קאָנטריבוציע אין סחורות, וואָס האָט אויסגעמאַכט איבער cum moderatione באַרעכנט 125 טויזנט פֿלאָרין (Жерела, IV, 108, 112).

ווי שווער עס איז געווען די לאַגע פֿון די לעמבערגער ייִדן, באַווײַזט זייער פּעטיציע, אַז מען זאָל זיי באַפֿרײַען פֿון קאָפּשטײַער אויף דרײַ יאָר צײַט:

„Sluszna rzecz iest, abyzmy kozdemu utrapionemu uciekającemu się do nas z sprosbą dali auxiliatricem manum, zaczym widząc in qua calamitate byli przez ten czas Żydzi lwowscy w omieszkaniu handlów y w oblęzeniu woyska Zaporozskiego, gdzie znaczną summą do okupu przyłożyli się, zlecamy staraniu pp. posłów naszych, aby wolni byli, iako od pogłownego, tak y od innych podatków rzeptey, do lat trzech, hoc pracaundo, aby w summie pogłownego uymy nie było, co przez inszych Żydów zastąpione bydz ma".

(אינסטרוקציע צו די סיים־דעפּוטאַטן פֿון די גאַליצישע און טרעמבאָוולער טעריטאָריע פֿון אָקטאָבער 1649) (Жерела, V, 75).

האַנאָווער דערמאָנט, אַז צווישן דער דעלעגאַציע איז אויך געווען ר׳ שמעון, דער לעמבערגער שתדלן. מיר ווייסן וועגן אים זייער ווייניק. אין דער רשימה פֿון דער ערשטער דעלעגאַציע ווערט זײַן נאָמען ניט דערמאָנט (Жерела, VI, 57). Томашівський מיינט, אַז ער איז געווען אין דער צווייטער דעלעגאַציע פֿון 17טן אָקטאָבער, וואָס פֿון איר איז קיין פֿולע רשימה נישטאָ (דאָרט גופֿא 128, הערה 205).

די וויכטיקסטע מקורים צו דער באַלעגערונג פֿון לעמבערג:

[1] K u b a l a. Oblężenie Lwowa w 1648 (Szkice historyczne I, 1877).

[2] C z o ł o w s k i. Relacja o obłężeniu Lwowa przez Chmielnickiego. Kwartalnik Historyczny 1892, 543—550.

[3] Жерела, IV, V, VI passim.

[4] „מגילת עיפה" (דערמאָנט די מגפה און הונגער). [5] „טיט היון" (זייער פֿאַנטאַסטיש). [6] „צער בת רבים" (ז' 12) רעדט פֿון 6.000 קרבנות. [7] ספר הדמעות III, קפב.

[8] T o m k i e w i c z. Jeremi Wiśniowiecki. Warszawa 1933, 247–257.

אַגבֿ איז דער נאָמען פֿון דעם הויפּטמאַן, וואָס כמעלניצקי האָט געשיקט אין שטאָט אַרײַן צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען, ניט גלאָוועצקי, נאָר הלאָוואַצקי (אין אָריגינאַל: גלאוואצק"י) Lipiński. Z dziejów Ukrainy, 230–52 אין אַ מיטלצײַטלעכן מקור ווערט וועגן אים געזאָגט:

„Glowacki Polonus, immemor patriae, petulans et ingrini deditus homo". (Жерела, VI, 145).

Г р у ш е в с ь к и й. o. c., VIII, III, 91.

לויצק (ז' 58)

די קאָזאַקן זײַנען אַרײַן אין שטאָט דעם 22סטן אויגוסט (אַלטער סטיל) (Baliński-Lipiński II, 5–16). אויך די קראים פֿון לויצק זײַנען געפֿאַלן קרבנות פֿון כמעלניצקין.

N e u b a u e r. Aus der Petersburger Bibliothek. Leipzig 1866, 80—81. די שחיטות אויף די קאַראימער ווערן אויך דערמאָנט אין ספר דוד מרדכי פֿון מרדכי ב"ר ניסן, האַמבורג 1714, ז' 6.

לויט „טיט היון" זײַנען אומגעקומען 200 ייִדן, צווישן זיי אויך דער רבֿ ר' מנחם.

וועגן די נאָכווייענישן פֿון גזירת ת"ח אין שײַכות מיט די חובֿות פֿון דער קהילה זע דעם דאָקומענט פֿון 1676 אָפּגעדרוקט אין Еврейская Старина VI, 130—132.

די וויכטיקסטע ליטעראַטור:

М і о р д е р. Древности Луцка и его прошлое. Кіев 1910.

J a b ł o n o w s k i. Źródła dziejowe. Warszawa 1871, V, 167—168.

O. Грушевський. Луцьке міщансьтво в XVI в. (Іст. геогр. збірник I, 1927).

М. Н., Споры луцких евреев с мѣщанами во второй половинѣ 17 в., Кіевская Старина 1888, 1–2–3, p. 30–35.

עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן — פֿון 1409 (פֿרידמאַן, 71).

מאַכנאָווקע (ז׳ 37) וואָלין

ווערט דערמאָנט אין אַ דאָקומענט וועגן אַ צוזאַמענשטויס צווישן ווישנעוועצקין און קאָזאַקן (A. Ю. З. Р. III (1914), 20 sq).

האַנאָווערס אינפֿאָרמאַציע ווערט באַשטעטיקט דורך אַ ר יי מיטצײַטלערישע מקורים, וואָס ווערן געבראַכט בײַ:

Tomkiewicz. J. Wiśniowiecki, 212–213, 376; Жерела, IV, 43; VI, 37, 42, 110, 117.

מאָסקווע (ז׳ 71)

אַנטלויפֿן קיין מאָסקווע האָבן די ייִדן ניט געקענט, ווײַל די רעגירונג האָט געלאָזט וויסן, אַז ווען ייִדן ווילן זיך אַפֿילו שמדן, דאַרף מען זיי ניט אַרײַנלאָזן, נאָר צוריקשיקן און איבערגעבן אין די הענט פֿון די קאָזאַקן.
A.Ю.З.P.III, 227; Акты Московскаго Государства, II, 229.

מעזעריטש (ז׳ 40, 41)

אוקראַיניש: מעזשירין, ניט ווײַט פֿון אָסטרע. עס קען אויך זײַן מעזעריטש ניט ווײַט פֿון ק אָ ר ע ץ.

דער „טיט היון" דערמאָנט: מעזריטץ גדול מיט 500 קרבנות, — און אין אַ צווייטן אָרט מיט 300 קרבנות. אַ צווייט מאָל רעדט זיך וועגן מעזריטץ קטן, וווּ עס זײַנען אומגעקומען 50 ייִדן (Baliński-Lipiński, III, 39).

נאַראָל (ז׳ 49, 56–57)

בעלזער וואָיעוואָדשאַפֿט. אין די העברעיִשע מקורים: נאהרל (קבץ על יד III, 30), נאהראל (ספר הדמעות, III, קסג), נראל (יון מצולה), נ אַ ר אָ ל אין פֿירטער יזכור-בוך.

די שחיטה איז געווען דעם 2טן נאָוועמבער 1648. לויט ה ר ו ש ע וו ס ק י האָט די שלאַכט אָנגעפֿירט Небаба (זײַן געשיכטע, באַנד VIII, טייל III, זײַט 95).

שבתי הכהן שטרײַכט אונטער אין זײַן „מגילת עיפה" די שרעקלעכע הריגות אין נאַראָל, שעברעשין און טאָמאַשאָוו, ער גיט אָבער ניט קיין פּרטים פֿון די באַזונדערע שטעט. האַנאָווער רעדט וועגן דרײַ **שטעט**, וואָס ליגן בשכנות.

די שחיטה ווערט דערמאָנט אין שו"ת צמח צדק, סימן קיג.

לויטן „טיט היון" האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן 40 ב"ב פֿון ווענגלוב (מסתמא: ווענגראָוו), 50 פֿון סטראַהוועש (Stara Wieś), 100 פֿון מעגראָוו (ווענגראָוו אָדער מאַקאָראָוו?), 100 פֿון פּתליש (Podlasie?), ראַיז (?) — 100, לאַנגעוועש — 30, תארנוב (Tarnów?) — 50. אין נאַראָל (ער שרײַבט: נרול) זײַנען געווען 600 ב"ב, חוץ די אַנגעלאָפֿענע, סך־הכּל 5.000 ב"ב. געהרגעט געוואָרן 2.000, דערין פֿרויען און קינדער.

לויט די Жерела, VI ,70 ,129 האָט דער פּריץ **יעזשי לאַשטש** (Laszcz) באַצאָלט מיטן לעבן, ווײַל ער האָט זיך פֿאַרמאַכט אין שטאָט מיט די ייִדן.

פֿון נאַראָל האָט געשטאַמט משה הכהן (דער פֿאָטער פֿון דעם באַרימטן טוביה הרופֿא). ער האָט אָנגעשריבן אַ סליחה א"נ „בקשה", געדרוקט צום ערשטן מאָל אין 1656, און אָפֿט מאָל איבערגעדרוקט. Steinschneider. Die Geschichtsliteratur der Juden, 124.

די שחיטה ווערט אויך דערמאָנט אין „צוק העתים".

Cf. Регесты и надписи 1, 924.

האַנאָווער דערמאָנט, אַז מען האָט געהרגעט דעם „האַר פֿון שטאָט" **לאַשטש**. זײַן ערשטן נאָמען גיט ער ניט אָן. דאָס איז געווען Jerzy Łaszek (cf. Грушевський, VIII, 25), ניט פֿאַרבײַטן מיט Samuel Łaszcz, וואָס ווערט דערמאָנט בײַ האַנאָווערן אין אַן אַנדער אָרט (ז' 12, 41), און אויך אָן דעם ערשטן נאָמען. פֿון האַנאָווערס טעקסט קומט אויס, אַז דאָס איז איין און דער זעלבער. אין דער אמתן איז דאָס ניט אַזוי.

וועגן **סאַמועל לאַשטש** דעם קרוין־סטראַזשניק זע:

Dr. Antoni J. Szkice i opowiadania (Serya V).
Грушевський VIII, 136, 167;
Томашівський רופֿט אים אָן „полу вояк, полу розбишака"
Ефименко 60—61.

Tomkiewicz. Jeremi Wiśnowiecki. W. 1933, passim.

נעמיראָוו (ז' 28, 36 א"וו)

האַנאָווער באַשרײַבט ניט ריכטיק די באַלעגערונג פֿון נעמיראָוו. די שטאָט האָט ניט געהערט צו ווישניעוועצקין, ווי ער שרײַבט, נאָר צו זײַנע צווײ פּלי־

מעניקעס. ער איז ניט געגאַנגען ראַטעווען די שטאָט, נאָר האָט געשיקט דעם פּאָלקאָווניק Baranowski. דער פּאָלקאָווניק האָט געראַטעוועט אַ טייל פֿון די נעמיראָווער ייִדן, מיטנעמענדיק זיי מיט זיך.

די ריכטיקע שילדערונג אין באַריכט פֿון Maszkiewicz, Djarjusz (Niemcewicz. Zbiór pamiętników o dawnej Polszcze. Lipsk 1839, IV, 70–71).

אויך די דאַטע איז ניט ריכטיק: לויט האַנאָווערן — 10טן יוני, לויט Maszkiewicz — 10טן יולי. שבתי הכהן (מגילת עיפה) גיט אָן אויך די דאַטע פֿון כ׳ סיון.

לויט דעם „צער בת רבים“ — 6.000 קרבנות (ז׳ 6).

הרושעווסקי האַלט די דאָזיקע ציפֿער פֿאַר אַ גוזמא (זײַן געשיכטע ב׳ VIII, טייל III, ז׳ 36). זע אויך: Кушевич אין Жерела, IV, 196.

די שחיטה ווערט דערמאָנט אין:

1 זכרונות פֿון יעקב הכהן שאפירה אין זײַן חיבור „אוהל יעקב“, פּ״פּ דאָדער 1719, הקדמה.

2 אין אַ צווייטן ווערק אונטער דעם זעלבן נאָמען פֿון יעקב בן הקדוש שמעון מטאמאשאוו (וויניציה 1667) ווערט דערציילט, אַז אין נעמיראָוו זײַנען אומגעקומען 10.000 נפשות, ווײַל די שטאָט האָט געהאַט אַ סך פּליטים פֿון די אַרומיקע קהילות.

2a יזכור־בוך פֿון פּירט (Jahrb., XVI, 264).

3 „מגילת עיפה“ — ווערט איבערגעגעבן, אַז 50 קאָזאַקן האָבן זיך איבערגעטאָן פֿאַר פּאָליאַקן.

4 איתן האזרחי, אוסטרא 1796.

5 ווײַנרײַך, 199, 206.

6 קבץ על יד XIX (1903), 37–44 (אין פּנקס פֿון דער שטאָט פּנע ווערט דערמאָנט דער נעמיראָווער קדוש יחיאל מיכל).

7 Zunz. Literaturgeschichte, 435. (אַ סליחה פֿון אײנעם יוסף אויף די הרוגים פֿון נעמיראָוו).

8 ל י ט ו י נ ס ק י אין „יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטהעק“, I, 418–419.

9 Скальковскій А. Наѣзд гайдамаков на зап. Украину. Одесса 1845, 155–159. (קינה אויף די הרוגים אין נעמיראָוו און באַר).

10 Эфименко אין Кіевская Старина 1894, X, 89.

11 Величко. Сказаніе... 53.

12 Регесты и надписи I, 903.

אין „אוהל יעקב" (פ״פ ז׳אדר 1719) לייענען מיר: „אני הייתי בתוך הגזרה בק״ק נעמרוב, היא עיר המהללה ושם היו חללי חרב לאלפים".

דער קדוש יחיאל מיכל בן אליעזר, וואָס האַנאָווער דערמאָנט אים (זײַט 29), איז געווען דער מחבר פֿון ספֿר שברי לוחות, אַרויסגעגעבן פֿון זײַן פּלימעניק יצחק (לובלין שנת ת״ם — 1680). זײַנע אַ הסכּמה געפֿינט זיך אין כּפֿר שו״ע או״ח עם פירוש עטרת צבי ונחלת צבי (קראָקע, תל״ח). ער ווערט אויך דערמאָנט אין ס׳ קרבן שבת פֿון בצלאל מקאברין, דיהרנפורט. אין אַ ייִדיש קלאָגליד פֿון 1648 (ווײַנרײַך, 200) ווערט ער דערמאָנט: „כבוד הגאון מוהרר מיכל, איין רב פֿר דיא גאַנצי וועלט איז אך דורך איריי הענט ווארין גיפעלט".

זע אויך ווײַנרײַכס שטורעמווינט, ז׳ 48; „טיט היון"; „איתן האזרחי", אין „צער בת רבים", ז׳ 7—9.

סטאַריגראָד Starygród

בײַ לאַצקי-בערטאָלדי (ז׳ 92) ניט ריכטיק אָנגעגעבן: שאַריגראַד. אין אָריגינאַל שטייט בפירוש שטארי גראד.

וועגן דער אַלטער שול אין סטאַריגראַד איז פֿאַראַן אַן אַרבעט:

Макаренко. Старогородська „Божниця"та її малювання. (Чернигів і північне Лівобережжя, 1928).

סטאַראָדוב (ז׳ 50)

שטאַראָדוב אין יזכּור-בוך פֿון פֿירט (Jahrb., XVI, 264).

די ייִדן זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן פֿון Головацький, וועלכער האָט געפֿירט זאַפּאָראָזשער פּאָלקן (הרושעווסקי, דצ״ו, ב׳ VIII, טייל III, ז׳ 33).

צוויי טויזנט קאָזאַקן האָבן אײַנגענומען די שטאָט (218, 225 .A.Ю.З.P. III).

די פּאָליאַקן האָבן צוריקגענומען די שטאָט, אָבער דעם 20סטן יולי 1648 האָבן די קאָזאַקן אויפֿס נײַ זי גענומען (דאַרטן, 236).

לויט „מגילת עיפה" — 1.200 הרוגים.

דערמאָנט אויך אין „קבץ על יד" III, 29.

די גאַנצע ניט-ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט זיך רעגיסטרירט פֿאַר קאָזאַקן.

Мякотин. Очерки социальной истории Украины. III, 11.

די שטאָט ווערט דערמאָנט בײַ Grondski, 97.

צו דער געשיכטע פֿון דער שטאָט זע: Ол. Ол. Грушевський. З минулого м. Стародуба І. Г. З. III (1929), 135—147.

סטינאָוו (סאַטאַנאָוו) (ז' 68)

ביי האנאָווערן: סטינאב. אין „טיט היון" פאַרגרייזט: סטיאנוב.
50 ב"ב — אלע אויסגעהרגעט.
די ערשטע ידיעה וועגן יידן — פון 1565 (פרידמאַן, 198).

סלוצק (ז' 50)

לויטן „טיט היון" געווען 300 ב"ב — אלע אויסגעהרגעט.

סקאָל (סאָקאַל) (ז' 49) Sokal

געווען א בארימטער קלויסטער.
לויטן „טיט היון" 100 ב"ב. ער שרייבט: „ונמלטו לנפשם בתוך מערה אחת שהיתה בנויה כמו מבצר ונצולו". אין דער אמתן האָבן זיך די יידן געראַטעוועט אין קלויסטער.

פאָגרעבישטש (ז' 23)

קיעווער געגנט, ווערט דערמאָנט פון Kuszewicz אין Жерела, VI, 116, 117. אין „מגילת עיפה": פארהביש; אין „צער בת רבים", ז' 10.
אין „פתח תשובה" פון גבריאל ב"ר יהושע ווערט דערציילט, אז קריוואָנאָס האָט געהייסן פאַרברענען אלע יידן. אין דער אמתן האָט ער זיי אויסגעשאָכטן (Tomkiewicz, o. c.).
וועגן דער אלטער שול אין דער שטאָט:
Bersohn. Kilka słów o dawniejszych drewnianych bóżnicach w Polsce. 1900.

פאַוולאָוויטש (ז' 21)

אין אוקראַיניש: Паволочи. אויף פויליש: Pawołocz. אין די העברעישע מקורים: פאוולויטש אָדער פאוולאוויטץ.
כמעלניצקי האָט דאָרט געוועלט פון 17טן ביז 24סטן יולי 1848.
לויט „מגילת עיפה" — „הרסו עד היסוד עד כי נמס לבנו". לויטן „טיט היון" — 600 הרוגים.
די שטאָט האָט געהערט צום גליל אוסטראה (ס' קשת יהונתן, דרשה א').
אין פ' האָט ווישנעוועצקיס שוואָגער יאַן זאַמאָיסקי געהאַט א שלאָס. אהין האָט מען געבראַכט ווישנעוועצקין א קראַנקן, וווּ ער איז געשטאָרבן (Tomkiewicz, o. c., 377–378).

פּאָלאָנע (ז׳ 38 א״א) וואָלין

געוועזן דאָס אײגנטום פֿון וואָיעוואָדע לובאָמירסקי. ווערט דערמאָנט אין באריכט פֿון קושעוויטש (30סטן יולי 1648) ווי א פֿעסטונג שטארקער פֿון לעמבערג (Жерела, IV, 43).

א ווארשעווער קאָרעספּאָנדענט שרײַבט פֿון 700 געהרגעטע שליאַכטשיצעס, חוץ פֿרויען און קינדער, און 200 ייִדן.

הרושעווסקי זאָגט (באנד VIII, טייל III, ז׳ 43):

„Сей погром належав до найбільших сензацій повстання“.

גענומען פֿון קריוואָנאָס, 22סטן יולי 1648.

„מגילת עיפה״ רעדט וועגן 10.000 הרוגים („כי היתה עיר בצורה וברחו שם כל גאונינו ומחמדינו״); דער „צער בת רבים״ גיט אָן 15.000 הרוגים.

זע אויך: שו״ת צמח צדק, סימן פ״ח, ע״ח; שו״ת עבודת הגרשוני סימן ס״ז; גורלאנד V, 70—71; ספר הדמעות, III, קעט; ווײַנרײַך, 209; קבץ על יד, III, 29. „טיט היון״ (20.000 הרוגים); Ефименко — 10.000.

האנאָווער שרײַבט, אז עס איז געוועזן אין א דאָנערשטאָג; עס איז אָבער געוועזן מאָנטאָג.

די שטאָט ווערט אויך דערמאָנט אין דער הקדמה צו „נחלת יעקב״ (וויניציה תנ״ב) פֿון יעקב קאָפּיל מרגליות (א זאסלאווער ייִד; פֿאראן א ידיעה, אז 1686 האָט ער פֿארקויפֿט אָפּענהיימערן זײַן חיבור. R. É. J., LXXXII, 454).

לויט אן אוקראַיִנישער דומקע איז די קאָזאקן דערלויבט געוועזן צו הוליען און שיכּורן אין פּאָלאָנע דרײַ טעג (אין א וואריאנט — צוויי טעג). פֿראנקא האלט די דאָזיקע דומקע פֿאר א שפּעטערדיקער פּראָדוקציע. ער ווײַזט אָן, אז כמעלניצקי האָט פּאָלאָנע ניט גענומען, ווי עס שטייט אין דעם ליד. ער האלט אויך, אז די צאָל פֿון די אָנגעגעבענע קרבנות איז שטארק איבערגעטריבן. וועגן דעם גאנצן ענין זע:

I. Франко. Студії над народніми писнями. З.Н.Т.Ш., 106, 64–66.

Ф. Колесса. Українські народні думи. Львів, 1920, 139—140.

אין 1684 האָט באַרבאַרא לובאָמירסקא באשטעטיקט די דאָרטיקע ייִדן זייערע אלטע פּריווילעגיעס. Евр. Старина, IV, (1911), 413—414.

אין די באריכטן וועגן קוימען־שטײַער פֿאר די יאָרן 1651, 1653, 1655, 1658 ווערט קיין איין ייִד ניט דערמאָנט (Баранович, Студії..., 9).

וועגן שמשון אָסטראָפּאָלער, דעם מחבר פֿון קרנים, דעם קרבן פֿון דער שחיטה אין פּאָלאָנע, זע: נחלת יעקבֿ פֿון יעקבֿ קאָפּיל מרגולית; ב ר י ל אין זײַנע הערות צו גורלאַנדס לקורות הגזרות... V, 60—61.

יזכור-בוך פֿון פֿירט (פּאלניא) Jahrb. XVI, 264.

ג ר ע ץ (באַנד IX, 62) שרײַבט, אַז שמשון אָסטראָפּאָל אין פּאָלאָנע איז געווען דער מיטלפּונקט פֿון די מקובלים. דאָס איז היסטאָריש ניט פֿעסט-געשטעלט געוואָרן, ווײַל מיר ווייסן גאָרניט וועגן פּאָלאָנע ווי אַ צענטער פֿון מקובלים. דאָס זעלבע חזרט איבער שפּ"ר אין זײַן העברעיִשער איבערזעצונג (באַנד III, 116) און מאַכט פֿון דער שטאָט אַ „מרכּז דורשי הקבלה בפּולניה". דאָס אַלץ אין זכות פֿון איין מקובל, וואָס האָט צופֿעליק געוווינט דאָרטן.

פּ י י ל ו ו י ש (ז' 69) Pilawiec

בײַ מאַנדעלקערן (ז' 54) ניט ריכטיק: Паволочь.

בײַ האַנאָווערן: פּײלוויטש. אַ שטעטל בײַם טײַך Ikwa, געגרינדעט אין 1640. איצט Pilawka. בײַ האַנאָווערן אין אַן אַנדער אָרט (ז' 45) ניט ריכטיק אָנגערופֿן ל י פּ אָ ו ע ץ.

די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען דעם 23סטן סעפּטעמבער 1648. איר אָפּ-קלאַנג געפֿינען מיר אין די מיטצײַטלערישע לידער.

1 Ф р а н к о. Хмельниччина 1648—49 років у сучас-них віршах. З.Н.Т.Ш. 1898, XXIII–XXIV.

2 Томашівський, p. 8.

3 Z a b o r o w s k i. Re'acja rotmistrza Sandomierskiego uciekającego pod Pilawcami. Litwa i Ruś III (1912), 74–49.

4 Baliński-Lipiński III, 194–196.

פּ י נ ס ק (ז' 50)

ייִדן ווערן דערמאָנט אין 1506 (פֿרידמאַן, 73).

בײַ האַנאָווערן ווערט נאָר דערמאָנט די שטאָט; אין „מגילת עיפה" רעדט זיך וועגן שחיטות.

י אַ נ ר אַ ד ז י ו ו י ל איז געקומען דער שטאָט צו הילף און זי גענומען מיט שטורעם. 14.000 מענטשן זײַנען אומגעקומען, 5.000 הײַזער פֿאַרברענט. לויט Kuszewicz דעם 21סטן סעפּטעמבער 1648 (Жерела, VI, 119).

לויטן „טיט היון" — 300 ב"ב, אַלע אויסגעהרגעט. קבץ על יד, III, 30.

О. Бодяньскій. О бунтѣ г. Пинска и усмиреніи онаго в 1648. Чтенія... 1847, № 9.

יזכור-בוך פון פירט (Jahrb., XVI, 264).

פיריאַטין (ז' 22)

באלאבאן (ז' 22) שרײַבט Praton (!). דאָס שטעטל הייסט Piratyn. אין פירטער יזכור-בוך: פעריאטין (Jahrb., XVI, 264). איז געווען דאָס אייגנטום פון פירשט יערעמי ווישנעוועצקי; געהאַט אַ שול פאַר 1648.

Tomkiewicz. Jeremi Wiśniowiecki, W. 1933, 95.

פּערעיאַסלאַוו (ז' 22)

לויטן „טיט היון" — 300 הרוגים. דערמאָנט אין „קבץ על יד" III, 30. אין פירטער יזכור-בוך: פריאסלאב (Jahrb., XVI, 264).

פּרעמיסלי (ז' 49, 56) פּרעמישלע, Przemyśl

לויטן „טיט היון" געווען 600 ב"ב; אַ טייל אומגעקומען און אַ טייל אַנטלאָפן קיין אונגאַרן.

האַנאָווער דערמאָנט אַ האַר קראַנקי, וועלכער האָט פאַרטיידיקט די שטאָט און זי געראַטעוועט. באלאבאן (ז' 51) באַמערקט, אַז דער נאָמען איז איבערגעדרייט. וואָס איז ריכטיק זײַן נאָמען איז געווען: Karol Korniakt. (זע: Schorr, Żydzi w Przemyślu, 31).

דעם 25סטן יולי 1648 האָט דער סיימיק אין סאַנדאָווע ווישניע אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז יידן דאַרף מען צוציען צו באַשיצן די שטאָט. זיי דאַרפן האָבן אַ האַרמאַט און גוטע ביקסן (Жерела, IV, 29, 137).

וועגן די שטײַערן אויף פּרעמישלער יידן אין שײַכות מיט די געשעענישן Жерела, IV, 31; V, 74.

קאָמאַרנאָ (ז' 56) Komarno

Baliński-Lipiński II, 723.

דער קאָזאַקישער פירער Головацький האָט ניט געקענט אײַננעמען דעם דאָרטיקן שלאָס, דאָרט האָבן זיך באַהאַלטן די שליאַכטע, מעשטשאַנעס און די יידן פון די אַרומיקע ישובים.

Томашівський. Народні рухи в Галицькій Руси 1648. З. Н. Т. Ш. XXIII–IV, 76.

די עלטסטע ידיעה וועגן יידן — 1550 (פרידמאַן, 148).

קאַמענעץ־פּאָדאָלסק (ז' 49, 56, 68)

לויטן „טיט היון" געהאַט 10.000 ב"ב און אַלע האָבן זיך געראַטעוועט.

די דאָרטיקע אַרמעניער זײַנען געפֿאַלן קרבנות פֿון די קאָזאַקן, ווי דאָס איז צו זען פֿון זייער פּעטיציע פֿון 18טן נאָוועמבער 1648 (А. Ю. З. Р., III, (1914), № 17).

וועגן ייִדן:

Baliński-Lipiński III, 114 sq.

Е. Сѣцинскій. Город К.-П. 1895, 218–222.

В. Геринович. Камянеччина (Записки К. П. Інс. Народ. Осьвіти, 1927, II, 1—45).

אין 1589 האָט מען די ייִדן אַרײַנגענומען צווישן די שטאָטבירגער.

קאָנסטאַנטין (אַלט־קאָנסטאַנטין) וואָלין

25 מײַל פֿון Pilawce, ווו עס איז פֿאָרגעקומען די שלאַכט וואָס האַנאָווער דערמאָנט (ז' 45). ער פֿאַרדרייט אָבער דעם נאָמען פּילאַווצע אויף ליפּאָוועץ. אין דער ייִדישער איבערזעצונג איז דער נאָמען פֿון שטאָט איבערגעגעבן פֿאַלש: קאָנסטאַנטינאָוו און אַפֿילו קסנטין (?). אין העברעיִשן טעקסט קאסנטין; אַזוי אויך אין פּירטער יזכּור־בוך; אין „טיט היון" קונסטנטין ישן. אין קבֿץ על יד, III, 20, ספר הדמעות III, קפּ: קאסטאנטין.

לויט הרושעווסקין (VIII, III, 55) איז די שלאַכט פֿאָרגעקומען דעם 26סטן יולי, לויט האַנאָווערן — דעם 28סטן יולי; לויט טאָמאַשעווסקין – דעם 14טן דעצעמבער.

לויט די פּוילישע מקורים זײַנען דאָרטן געווען אַ 50.000 קאָזאַקן אונטער קריוואָנאָס.

האַנאָווערס באַריכט פֿין דער שלאַכט ווערט באַשטעטיקט פֿון Maszkiewicz, אַ מיטצײַטלער.

לויט „טיט היון" זײַנען געווען 400 הרוגים; לויט „מגילת עיפה" 1.500 הרוגים (בק"ק קושטנטין הרגו ט"ו מאות נפשות מבני עמנו). לויט Baliński-Lipiński, III, 99 זײַנען אומגעקומען 3.000 ייִדן, ווײַל די רײַכע זײַנען אַוועק מיט פּירשט יערעמי ווישנעוועצקי. די זעלבע ציפֿער גיט אָן אַ נײַע אוקראַיִנישע אַרבעט (З. І. Ф. В., XVII, 23).

וועגן דעם זע אויך דעם בריוו פֿון קושעוויטש, דאַטירט 25סטן סעפּטעמבער 1648, געדרוקט אין Жерела, IV, 86—89. דעם 26סטן סעפּטעמבער 1648 איז דאָרטן געווען דער אוקראַיִנישער מיליטער־ראַט.

אין א באריכט פון 19טן יוני 1649 שרייבט דער וויאזעמער וואיעוואדע, אז אהין איז געקימען א קאזאק און האט מודיע געווען, אז אין קאנסטאנטין האט מען אויסגעהרגעט אלע ייִדן און פאליאקן (Регесты и Надписи, I, 911).

אלט־קאנסטאנטין האט געציילט אין 1603 דרײַ ייִדישע הײַזער, וואס האבן געצאלט „פאדימנע" שטײַער; אין 1635 — שוין 130. די זעלבע צאל הײַזער באווײַזט די לוסטראציע פון 1650, בכן צוויי יאר נאך דער שחיטה, וואס דאס לייגט זיך שווער אויפן שכל.

Cf. Баранович. Панське місто за польскій. держави. Записки, XVII, 1928, Київ, 1–63. Idem. Студії з історії України, I, 5.

עס איז פאראן אויך א קונסטנטין חדש (אין פאראליער גובערניע), דארטן זײַנען לויטן „טיט היון" אומגעקומען 100 ייִדן.

אגב ווערט די מעשה, וואס האנאווער דערציילט, מיטן רחמנות אויף אוקראינישע פויערים, און אז מען האט זיי אויפגעהערט צו הרגענען, צבער די אוקראינער האבן ווײַטער געהרגעט פוילישע זעלנער (ז' 47), באטראכט ווי א לעגענדע. האנאווער אידעאליזירט דעם פוילישן מאגנאט און וויל פארשווארצן דעם אוקראינער (הרושעווסקי, VIII, III, 73).

O. Баранович. З історії заселення південної Волини, З. І. Ф. В., VI (1925) 10–19.

קאָרסון Korsuń

דארטן איז געווען די שלאכט, וואס האנאווער באשרײַבט (ז' 19—20), פארגעסט אבער צו דערמאנען דעם פלאץ. די דאזיקע שלאכט איז פארגעקומען דעם 25סטן מאי 1648; די דאטע איז בײַ האנאווערן א ריכטיקע. אינטערעסאנט צו באמערקן, אז וועגן דער גרויסער שלאכט פון 29סטן אפריל 1648 לעבן די געלע וואסערן (Żołte Wody), ווו די פאליאקן האבן זיך פארטיידיקט צוויי וואכן, ווייס האנאווער גארניט.

וועגן די מקורים זע:

הרושעווסקי, VIII, 186-189. פון די עלטערע זײַנען די וויכטיקסטע:

Szajnocha, Dwa lata dziejów naszych, Dodatek 16. Самовидець, 9—10. Грабянка, 45—48. I. Michałowski. Księga pamiętnicza, Kraków 1864, 20—24.

מיט דער קארסונער שלאכט, וואס האנאווער באשרײַבט, איז פארבונדן די בארימטע היסטארישע דומע, אין וועלכער עס ווערן געשילדערט אויך די ייִדן.

די דאָזיקע דומע האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט Кулиш אין זײַנע Записки о Южной Россіи, I, 56–63.

אויספֿירלעכער אויבן, ז' 112 א"וו.

קאָרעץ (ז' 62) וואָלין

בײַם טײַך Korczyk. די שטאָט איז שוין דעם 23סטן אויגוסט 1648 געווען אין די הענט פֿון די אויפֿשטענדלער (Baliński-Lipiński, III, 41–43).

עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן — פֿון 1569 (פֿרידמאַן, 71).

קראַסנע

לאַצקי־בערטאָלדי (ז' 22) האָט געלייענט ניט ריכטיק: קאַרשון, בעת בײַ האַנאָווערן שטייט בפֿירוש: קרשנ"י (אַ שטעטל אין פּאָדאָליער געגנט). בײַ מאַנדעלקערן (ז' 17) ריכטיק: Красный.

דערמאָנט בײַ: Beauplan. Description de l'Ukraine
Грушевський, VIII, II, 44.

(אַלע ייִדן אויסגעהרגעט, אייניקע האָבן זיך געראַטעוועט דורך שמד).

А. Ю. З. Р., III, 236.

קבץ על יד III, 30; ווײַנרײַך, 207; לויטן „טיט היון" — 40 ייִדן הרוגים (אין מגידס אוקראַיִנישער איבערזעצונג איז אָנגעגעבן 100). לויט דעם זעלביקן מקור זײַנען אייניקע ייִדן אַנטלאָפֿן קיין אונגאַרן.

קראָקע (ז' 60)

די שטאָט האָט ניט געליטן פֿון דער מלחמה. די קהילה האָט אָבער געהאַט צו באַזאָרגן אַ סך פּליטים.

Bałaban. Dzieje Żydów w Krakowie, 1913, I, 283.

אַ „יזכּור" פֿאַר די הרוגים פֿון ת"ח, דאָרט גופֿא, 141. זע אויך: וועטשטײַן, דברי חפץ אין „מאסף", פּעטערבורג 1902.

קראַשניק (ז' 58) לובלינער געגנט

Baliński-Lipiński, III, 311.

לויטן „טיט היון" 150 דאָרטיקע בעלי־בתּים, און אויך אַנגעלאָפֿענע. בס"ה 500 — אַלע אויסגעהרגעט. פֿירטער יזכּור־בוך (Jahrb., XVI, 264).

די עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן פֿון 1531 (פֿרידמאַן, 67).

קרעמעניץ (ז׳ 41, 43, 58, 68)

אין די העברעישע מקורים: קרעמניץ („קבץ על יד״, III, 30; פירטער יזכור־בוך).

לויטן „טיט היון״ 800 הרוגים. בײַ Baliński-Lipiński, III, 75, ווערט דערציילט, אַז קריוואָנאָס מיט די סאַטעליטעס Wasylow און Kostenko מיט 7,000 קאָזאַקן האָבן אײַנגענומען די שטאָט און דעם שלאָס.

„צער בת רבים״, ז׳ 11; ליטינסקי, קורות פּאָדאָליא, ז׳ 43.

וועגן ייִדן אין דער שטאָט: ד״ר ע. רינגעלבלום אין „לאַנדקענטעניש״ 2 (1933).

עלטסטע ידיעה וועגן ייִדן אין 1438 און ניט 1544, ווי פרידמאַן שרײַבט (ז׳ 71).

שעברעשין (ז׳ 58) Szczebrzeszyn

Baliński-Lipiński II, 969–971.

קבץ על יד III, 30 (שעברשין); צער בת רבים, ז׳ 13; פירטער יזכור־בוך.

יְוֵן מְצוּלָה

אָדער

קאָזאַקן־זומפּ

(גזירות ת״ח ות״ט)

דער ספר יון מצולה דערציילט אַפּולע וועגן די גזירות און געשעענישן, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן ביי אונזערע ברידער בני ישראל פון די מדינות רייסן, ליטע און פוילן אין די יאָרן ת״ח ות״ט, פון וואָסער סיבה זיי האָבן זיך גענומען, ווי אַזוי די יוונים האָבן ווידערשפעניקט קעגן מלכות און האָבן זיך באַהעפט מיט די טאָטערן, די קינדער פון אַלדאָס בייז. אויך ווערן דאָ באַשריבן די מנהגים אין די פוילישע קהילות, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף די זעקס זיילן פון דער וועלט.

דער מחבר פון דעם ספר איז דער גע־הויבענער ייד, חכם און איידעלער האַר מורנו הרב ר׳ נתן נטע בן הקדוש מורנו הרב ר׳ משה האַנאָווער זצ״ל, וואָס וואוינט אין דער הייליקער קהילה זאַסלאַוו פון דער מדינה רייסן.

צום ערשטן מאָל געדרוקט אין ווענעציע אין יאָר תי״ג לפ״ק

(1653)

די איבערזעצונג אין יידיש דורך

זאב־וואָלף ב״ר אליהו לאַצקי־בערטאָלדי.

הקדמה פונם איבערזעצער

ר׳ נתן־נטע האַנאָווערס העברעישע כראָניק „יון מצולה" פון תי״ג לפ״ק (1653) האָב איך איבערגעזעצט אין קיעוו אין יאָר 1920, אין די טעג פון פעטליורע און דעניקין, וואָס האָבן מיט יידיש בלוט פאַרפלייצט די גאַנצע אוקראַינע. אָפּגעדרוקט האָב איך די איבערזעצונג צום ערשטן מאָל אין אַרגענטינע, אין דער „אידישער צייטונג" פון בוענאָס־איירעס. דערנאָך האָט זי זיך געדרוקט אין ריגע, אין דער צייטונג „דאָס פאָלק".

איצטער ווערט די איבערזעצונג צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן אין אַ בוך־פאָרמע דורך דעם פאַרלאַג ב. קלעצקין און מיט דער השגחה פון ז. קלמנאָוויטש.

צום גוטן דאַרף איך דערמאָנען דעם ריגער לערער ה. י. פאָרט, וואָס האָט מיר געהאָלפן אין איבערקוקן און צוגלייכן די איבערזעצונג צום אָריגינאַל־טעקסט.

ד ע ר   א י ב ע ר ז ע צ ע ר

ריגע, ט״ז מרחשוון תר״צ לפ״ק.

הקדמה פון דעם מחבר

אני הגבר... איך האָב געזען די נויט, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אין זיין גרימצאָרן אויף זיין פאָלק ישראל, זיין בכור. פון הימל האָט ער צו דער ערד אַ שליידער געטאָן די שיינע מדינה פוילן, ער האָט פארלענדט אָן רחמנות די געצעלטן פון יעקב. און דאָס אַלץ האָט בנבואה געזען דוד המלך עליו השלום, אַז יוונים און טאָטערן וועלן זיך חברן איינער מיט דעם צווייטן, בכדי צו פארלענגרן ישראל. אין יאָר זא"ת (ת"ח) פון בריאת עולם האָבן, לויט זייער שטייגער, יוונים צו יידן אַזוי געזאָגט: ווער סע וויל בלייבן לעבן, זאָל בייטן זיין גלויבן און זיך אָפּזאָגן פון ישראל און פון זיין גאָט. נאָר יידן האָבן ניט געהאָרכט צו זייערע רייד און האָבן דעם האַלז אויסגעשטרעקט צו דער שחיטה פון וועגן זיין הייליקן נאָמען: די גאונים פון דור אין איינעם מיט אַלע אַנדערע פשוטע לייט, מאַנסביל, ווייבער מיט קליינע קינדער, גאָר די עדה פון די קהילות, גאָט וועט פאַר זיי נקמה נעמען און וועט אונז פירן צוריק אין זיין לאַנד.

אויף דער דאָזיקער גזירה געפינען מיר אַ רמז אין תהילים, מזמר ס"ט, וואו סע ווערט אַזוי געזאָגט: הושיעני אלהים וגו'... העלף מיר גאָט... טבעתי ביון מצולה — איך בין איינגעזונקען אין אַ טיפן זומפּ... בגמטריא מאַכט אוים דער חשבון פון „טבעתי ביון מצולה" פונקט וויפיל חמי"ל וקדר ביון יחדיו חברו (חמיל מיט טאָטערן און יוונים אין איינעם האָבן זיך באַהעפטט). אויף המיל ווי־דער (אין פוילן האָט מען זיין רוסישן נאָמען חמיל געביטן אויף חמילעצקי, לשון שרדה) האָט געדרשנט דער גאון יחיאל־מיכל אב־בית־דין פון דער קהילה קדושה נעמיראָוו, וואָס האָט זיין נשמה אָפּ־געגעבן אין ריינקייט אויף קידוש־השם: חמי"ל איז אַ ראשי תיבות פון „חבלי משיח יביא לעולם" (די ווייטאָגן פון משיח וועט ער ברענגען

אויף דער וועלט). אַט מחמת דעם טעם האָב איך דעם ספר אַ נאָמען געגעבן „יון מצולה“, ווייל אין פסוק איז פאַראַן אַ רמז אויף דער גזירה.

כדי סע זאָל פאַרבלייבן אַ זכר אויף צו דערציילן פאַר קומענדיקע דורות, האָב איך פיל גערעדט וועגן דער סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן די מרידה פון די יוונים קעגן דער פוילישער מלוכה, וועגן דער חברותא פון די יוונים מיט די טאָטערן, וואָס זיינען אין פלוג געווען אייביקע שונאים, וועגן אַלע מלחמות און גזירות פון גרויס ביז קליין, אפילו די טעג דערמאָנט, ווען די גרויסע גזירות זיינען זיך פאַרלאָפן, כדי איטלעכער זאָל זיך קאָנען משער זיין דעם טאָג, ווען זיין פאָטער אָדער מוטער זיינען געשטאָרבן, און זאָל זיי טאָן זייער רעכט און מספיד זיין כשורה. אויך ווערט דאָ דערציילט וועגן די מנהגים אין דער שיינער מדינה פוילן, ווי זי פירט זיך מיטן גוטן און גלייכן וועג, מיט גאָטספאָרכטיקייט און ריינקייט, וואָרעם זי שפאַרט זיך אָן אין איר פירונג אויף די זעקס זיילן, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט (תורה, עבודה, גמילת חסדים, דין, אמת, שלום. דער איבערז.).

און איך האָב אַלצדינג באַשריבן מיט אַ קלאָרער געלייטערטער שפּראַך און געדרוקט און אַרויסגעגעבן אויף אַ שיינעם פּאַפּיר. דעריבער טוט קויפן דעם ספר לויט זיין פּרייז, שאַנעוועט ניט און נעמט עפּעס אַראָפּ פון אייער געלט, בכדי איך זאָל קענען איבערגעבן צום דרוק און אַרויסגעבן דעם ספר „נטע שעשועים“, וואו איך האָב צונויפגעקליבן מיינע דרשות אויף דער תורה, פון אייבערשטנס זכות וועגן, זאָל אייך גאָט אָפּהיטן פון אַלע צרות און זאָל אונז שיקן משיחן אינגיכן.

אַט דאָס זיינען די ריד פון דעם מחבר נתן נטע בן הקדוש מוהר״ר משה האַנאָווער זצ״ל אשכנזי הי״ד* וואָס זיין וואוינאָרט איז ק״ק זאַסלאַוו, נאָענט לעבן אָסטראָה, דער וואָיעוואָדעשטאָט פון וואָלין אין דער שיינער מדינה רייסן (אוקראַינע. איבערזעצער).

---

* ה׳ ינקום דמו — גאָט זאָל זיך נוקם זיין פאַר זיין פאַרגאָסן בלוט.

יָוֵן מְצוּלָה

(טיפער זומפּ)

און ס'איז געווען דאָס יאָר 5345 (ה' אלפים שמ"ה) נאָך בריאת עולם, בעת זיגמונד דער מלך פון שווידן האָט געקיניגט איבער דער פוילישער מדינה. אין יאָר שנ"ב האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי אַ מיוחסת, אַננאַ האָט זי געהייסן, די טאָכטער פון דעם הוכוס קאַ־ראָלוס, וואָס איז געווען דעם קיסר רודאָלפס ברודער און אַ זון פון קיסר פערדינאַנדוס זכר לברכה. אַט אַזוי האָב איך געפונען אין ספר „צמח דוד", גאָר צום סוף.

און זיגמונד איז געווען אַ באַרעמהאַרציקער און ערלעכער מלך, וואָס האָט ליב געהאַט יושר און דין און איז געווען אַן אוהב ישראל. אין זיינע צייטן האָט זיך געשטאַרקט אין פוילן די אמונה פון די יוונים, און אַלע גלויבנס זיינען געווען גלייך. ביז ס'איז געקומען דער מלך זיגמונד הנ"ל, וואָס האָט דערנידערט די שררות פון יוונס אמונה און האָט דערהויבן די הוכסים און האַרן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פויפּס. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַלע שררות האָבן געביטן זייער יווַנישן גלויבן אויף דער אמונה פון פויפּס. און די יוונים זיינען געפאַלן אַלץ נידעריקער, און ווי אַן אָרעם און שפל פאָלק זיינען זיי געוואָרן צו קנעכט און צו דינסטן ביי די פּאָליאַקן און יידן להבדיל. נאָר דעם העלדישן חייל, וואָס האָט זיך געפונען צווישן זיי, האָט דער מלך אויסגעוויילט פאַר זיך אויף צו פירן זיינע מלחמות: דאָס זיינען געווען אַן ערך דרייסיק טויזנט מאַן, וואָס האָבן געהייסן קאָזאַקן און זיינען פטור געווען פון אַלע אָפּצאָלן און שטייערן, סיי פאַרן מלך, סיי פאַר די שררות. דערפאַר איז געלעגן אויף זיי דער חוב צו לעבן אויפן גרענעץ פון דער

רייכישער מדינה, נאָענט לעבן די טאָטערן, און אָפּהיטן דאָס לאַנד פון די טאָטערישע אָנפאַלן. וואָרעם נאָך פון אַמאָליקע צייטן זיינען די טאָטערן געווען אַ בייז אָנשיקעניש אויף דער פוילישער מדינה, און אַ שטענדיקע שנאה האָט געברענט צווישן די טאָטערן און די יוונים: די טאָטערן פלעגן אָנפאַלן אויף די יוונים און די יוונים פלעגן זיך אָפּרעכענען מיט די טאָטערן. אָט מחמת דעם טעם זיינען די קאָזאַקן פטור געווען פון אַלע אָפּצאָלן און האָבן זיך געפילט פונקט אַזוי פריי ווי די פוילישע שררות. נאָר דערפאַר איז דער אָרעמער טייל פונם פאָלק געווען דערשלאָגן און פאַרשקלאַפּט, די פוילישע פריצים פלעגן זיי פאַרביטערן דאָס לעבן מיט כלערליי שווערער פּראַצע אין שטוב און אין פעלד און האָבן אָנגעלייגט אויף זיי גרויסע אָפּצאָלן, און אַ טייל פון די פוילישע האַרן פלעגן פייניקן די יוונים מיט שווערע און ביטערע יסורים, בכדי צו נייטן, זיי זאָלן בייטן זייער אמונה, אויפן גלויבן פון פויפּס. און אַזוי געפאַלן זיינען די יוונים געווען ביי זיך, אַז אַלע האָבן איבער זיי געוועלטיקט, אַפילו די דאָזיקע אומה, וואָס איז מער געפאַלן פון אַלע אַנדערע אומות (דער מחבר מיינט דערמיט די יידישע אומה. דער איבערזעצער).

אָט דאָס זיינען די גזרות פון נאַלעווייקאָ ימח שמו.

און ס'איז געווען דאָס יאָר ה' שס"ב לפ"ק, אין זיבעצנטן יאָר פון זיגמונדס מלוכה, איז אויפגעשטאַנען אַ פּאָפּ פון די יוונים, נאַלעוואַיקאָ איז געווען זיין נאָמען, און האָט זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פון זיין פאָלק. „ביז וואַנען וועלן מיר דאָס שווייגן די פּאָליאַקן?" — האָט ער געטענהט צו די יוונים. און זיי האָבן מורד געווען אין דער פוילישער מלוכה, ער און זיין פאָלק, און סע האָט זיך צונויפגעקליבן אַרום אים אַ גרויסע מאַסע, ווי זאַמד אויפן באָרטן פון ים, און זיי האָבן פאַרנומען די גאַנצע רייסישע מדינה ביז ק"ק טשודנאָוו. און ווייבאַלד דער מלך האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט זיין גאַנצן פוילישן חיל מיט צוויי פירערס בראש, כדי מלחמה צו האַלטן מיט די יוונים. די פוילישע האָבן גובר געווען,

און נאַלעוואַיקען ימח שמו האָט מען געכאַפּט לעבעדיקערהייט און געבראַכט פאַרן מלך אין דער מלוכה־שטאָט וואַרשע. דאָרטן האָט מען אים געמשפּט, ווייל ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט קעגן מלך, און מען האָט אים געטאָן דיין רעכט. זיין פאָלק ווידער איז נאָך מער פאַרשקלאַפּט געוואָרן. און די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף זיין צד, האָט דער מלך געקנסט: פון היינט און ווייטער זיינען נאָר צוואַנציק טויזנט קאָזאַקן פּטור געווען פון אָפּצאָלן פאַרן מלך און פאַר די שררות, אַנטקעגן די דרייסיק טויזנט פון פריער. בכן האָט זיך די צאָל פון די קאָזאַקן געמינערט אויף צען טויזנט, און אין לאַנד איז געוואָרן שטיל.

און אין יאָר שצ״א איז געשטאָרבן דער מלך זיגמונד. 46 יאָר האָט ער געקיניגט איבער דער פּוילישער מדינה, און אויף זיין אָרט איז זיין זון וולאַדיסלאַוו געוואָרן מלך אין יאָר שצ״ב [1]. זעכצן יאָר האָט ער געקיניגט איבער פּוילן און ער האָט גענומען אַ ווייב אַ מיוחסת: אַ טאָכטער פון קיסר מאַטיס, די שוועסטער פון קיסר פערדינאַנד ירום הודו, וואָס זיצט אַצינד אויפן כסא המלכות אין ווין, זאָל אים גאָט באַשיצן. און די דאָזיקע מלכה איז געשטאָרבן אין יאָר ת״ה לפ״ק, און וולאַדיסלאַוו האָט זיך אין יאָר ת״ו גענומען אַן אַנדער ווייב, אַ טאָכטער פון פריערדיקן פראַנצויזישן מלך און אַ שוועסטער פון איצטיקן. און וולאַדיסלאַוו איז געווען אַ באַרעמהאַרציקער און ערלעכער מלך, האָט ליב געהאַט יושר און איז געווען אַן אוהב ישראל. פאַר זיינע יאָרן איז געווען דורכאויס שלום.

אָט דאָס זיינען די גזירות פון פּאַוולויוק ימח שמו.

און ס׳איז געווען אין זיבעטן יאָר פון וולאַדיסלאַווס מלוכה, ה׳ שצ״ט לפ״ק, איז אויפגעשטאַנען דער קאָזאַק פּאַוולויוק ימח שמו, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פון זיין פאָלק און האָט מורד געווען קעגן דער פּוילישער מלוכה. און סע זיינען צוגעשטאַנען צו אים אַ סך ליידאַקעס און פאַרשייטע לייט, און פון דעם אַריבער־פאַר אין שוואַרצן ים — וואָס רופט זיך אונטער־שוועל, בלשון

---

[1] Władysław IV, 1632.

רוסי פרא"הי [1] — האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום גרויסן מדבר, וואָס איז געראַם אויף צונויפקלייבן דאָס פאָלק. און איטלעכס מאָל, ווען די יווניב האָבן מורד געווען, פלעגן זיי אַהינצו לויפן, וואָרעם אַחוץ קאָזאַקן האָבן זיך דאָרטן פון אייביקע צייטן קיין מענטשן ניט באַוויזן. און זויבאַלד נאָר דער פאַרשייטער פּאַווליוק איז דאָרטן אָנגעקומען, האָבן זיך אַלאָז געטאָן צו אים הונדערטער און טויזנטער קאָזאַקן און אַנדערע יוונים און זיי האָבן געהאַלטן צווישן זיך אַן עצה און אָפּגערעדט אויסצוהרגען אַלע יידן און אויסמעקן דעם יידישן נאָמען, אויב זיי וועלן זיך ניט אָפּזאָגן בפרהסיא פון זייער גאָט. אויך האָבן זיי פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך די גאַנצע פּוילישע מלוכה, און דער צורר פּאַווליוק ימח שמו האָט באַדאַרפט ווערן זייער מלך אין דער מלוכה-שטאָט וואַרשע. נאָר הקדוש-ברוך-הוא, וואָס ווייס אַלע געדאַנקען, האָט בטל געמאַכט זייער אָפּריידעניש און האָט אומגעקערט צוריק אויף זייערע קעפּ דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט פאַר אַנדערע. פונדעסטוועגן, בשעת זיי זיינען צוריקגעקומען פון שוואַרצן ים, האָבן זיי בעוונותינו הרבים חרוב געמאַכט אַ פּולע שולן און געהרגעט אַן ערך צוויי הונדערט יידישע נפשות. אויך האָבן זיי חרוב געמאַכט אַ פּולע קלויסטערס און געהרגעט אַ סך גלחים אין ק"ק למוי"ץ [2], אין ק"ק לובען [3] און אַרומיקן קאַנט. און יענע וואָס זיינען געבליבן לעבן זיינען אַנטלאָפן קיין פּוילן.

און וויבאַלד דער מלך וולאַדיסלאַוו האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַרויסגעשיקט אַנטקעגן זיי אַ גרויסן פּוילישן חיל, בראש מיט צוויי פירערס, איינער האָט געהייסן קאָנעצפּאָלסקי און דער אַנדערער פּאָטאָצקי, און מיט זיי איז אויך געווען דער העלדישער שטרייטער לאַשטש. און זיי האָבן פאַרפירט אַ מלחמה קעגן די יוונים, פון איין זייט קאָנעצפּאָלסקי און פּאָטאָצקי, און פון דער צווייטער זייט לאַשטש: ער האָט גענומען מיט זיך אַן ערך זעקס הונדערט מאַן און שפּאַנענדיק איבער וועלדער האָט ער אַרומגערינגלט די יוונים און זיי אָפּגעשניטן דעם וועג. אַזוי אַרום זיינען די קאָזאַקן אויסגעקומען

---

1 Пороги.

2 למויץ = לאָכוויץ ?

3 לובען = לובני.

אינמיטן, און די פוילישע האָבן זיי געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ, און דעם צורר פּאַווליוק, וואָס האָט געוואָלט ווערן מלך אין וואַרשע, האָט מען געכאַפּט לעבעדיקערהייט, אים צוזאַמען מיט זיינע העלפער, פירער און עצה־געבער, און אין אייזערנע קייטן האָט מען זיי געבראַכט פאַרן מלך אין וואַרשע. דאָרטן האָט מען פּאַווליוקן „געקרוינט": מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול פון אייזן און דער שאַרפריכטער האָט אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ אַ קרוין פון אייזן און אין האַנט אַריין האָט מען אים געגעבן אַ שרביט, אַ רוט פון אייזן, און דאָס אַלץ האָט מען אַפריער היים און ווייס געמאַכט אין פייער. און קוילן האָט מען אים אונטערגעלייגט אונטערן שטול און מיט אַ בלאָז־זאַק פאַרשטאַרקט דאָס פייער, און אַט אַזוי ברענענדיק איז פּאַווליוק געשטאָרבן. און אויך זיינע העלפער האָט מען געטאָן זייער שטאַרק שטראָפן.

און ווייבאַלד דער מלך האָט געזען, אַז די קאָזאַקן שטייען נאָך אַלץ אין ווידערשפּעניקן קעגן אים, האָט ער זיי געקנסנט און האָט פון היינט אויף ווייטער געמינערט זייער צאָל פון צוואַנציק טויזנט אויף זעקס טויזנט. און אַלע אַנדערע קאָזאַקן האָבן באַדאַרפט אַרבעטן און צאָלן פּונקט אַזוי ווי דאָס איבעריקע אָרעם פאָלק. און ער האָט אַוועקגעזעצט איבער זיי פוילישע האַרן, כדי זיי זאָלן נאָך אַמאָל ניט ווידערשפּעניקן. נאָר דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן: וואָרעם ס'איז ניטאָ קיין עצה און קיין תבונה אַנטקעגן גאָט, — „און סע האָט זיך באַוויזן דער דאָזיקער עגל".[1]

און אַצינד וועל איך אָנהייבן שרייבן וועגן די גזירות רעות, וואָס חמיל ימח שמו האָט געבראַכט איבער רייסן, ליטע און פּוילן אין יאָר ת"ח און ת"ט און ת"י און תי"א און תי"ב לפ"ק.

און ס'איז געווען אין יאָר ת"ח לפ"ק, אין זעכצנטן יאָר פון וולאַדיסלאַווס מלוכה, האָט געלעבט אין דער שטאָט טשיהירין דער קאָזאַק חמי"ל ימח שמו, אַזוי האָט ער געהייסן אין רוסיש, און

[1] דערמיט גיט דער מחבר אַ רמז אויף כמעלניצקי.

אין פּויליש האָט מען אים גערופֿן חמילעצקי ימח שמו[1], און ער איז געווען אַ סאָטניק, אַ הונדערט־פֿירער, ביי די קאָזאַקן און אַ גרויסער עושר ביז גאָר אין שאָף און רינדער און אַנדערע בהמות. און ער איז געווען אַ חכם אויף שלעכטס צו טאָן, קאַפּאַבל אויף כלערליי שפּיצ־לעך און אַ העלדישער שטרייטער אין דער מלחמה. געוואוינט האָט ער אין דער שטאָט טשיהירין, וואָס געפֿינט זיך אין רשות פֿון דעם שר איבערן פּוילישן חייל קאָנעצפּאָלסקי. און דער דאָזיקער שר האָט גוט געקאָנט דעם פֿאַרשוין חמיל און זיין טבע צו ריידן גלאַטע און ווייכע רייד, בעת דאָס האַרץ פֿאַרטראַכט זיבן נבלות, ווי דער שטייגער איז פֿון אַלע יוונים, וואָס ווייזן זיך אויס ווי גוטע פֿריינד פֿאַר יידן, זאָגן זיי גוטע און שיינע טרייסט־ווערטער, פֿאַרפֿירן מיט ווייכע רייד, נאַרן אָפּ מיט זייער מויל, לייגן מיט דער צונג, וואָרעם מיט זייער האַרץ איז מען קיינמאָל ניט זיכער און אויף זייער אַ צוזאָג און חבר־שאַפֿט טאָר מען זיך ניט פֿאַרלאָזן.

און כל ימיו פֿלעגט דעם שר הנ״ל פֿאַרדריסן איבער דעם דאָזיקן פֿאַרשוין און ער האָט אַ סך מאָל געזאָגט פֿאַר זיינע מקורבים: איך האָב מורא, אַז פֿון חמיל וועט נאָך אַן אומגליק אַרויסקומען פֿאַר דער פּוילישער מלוכה. און ער האָט געזוכט אויף אים עפּעס אַ בלבול, כדי ביי אים דאָס לעבן אָפּצונעמען. ער האָט געזוכט, אָבער נישט געפֿונען, וואָרעם דער דאָזיקער פֿאַרשוין איז געווען אַ חכם להרע. ער האָט פֿאַרשטאַנען די זאַך און פֿלעגט זיך היטן פֿון אים. און בעת עס איז געקומען די צייט פֿאַרן שר צו שטאַרבן, האָט ער גערופֿן זיין זון און אים געלאָזט אַ צוואה איבער פֿאַרשיידענע טכסיסי מלחמה, וואָרעם זיין זון איז דעמאָלט געווען אַ כאָרונזשי, דאָס מיינט מען אַ פֿאָנען־טרעגער פֿאַרן מלך אין דער מלחמה, און דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים גערופֿן כאָרונזשי ביזן היינטיקן טאָג. אויך האָט ער אים באַפֿוילן וועגן חמיל ימח שמו: „דו ווייסט דאָך — האָט ער אים געזאָגט — דעם פֿאַרשוין חמיל און זיינע מעשים, זע־ושע, געפֿין אויס אויף אים עפּעס אַ בילבול און לאָז אים צונעמען פֿון דער וועלט“.

---

[1] זיין פולער נאָמען מיטן שפּעטערדיקן טיטל Hetman Zynowie Bogdan Chmielnicky.

און נאָכן טויט פון זיין פאָטער איז געקומען אַ טאָג, ווען דער שר כאָרונזשי האָט זיך געלאָזט טרייסטן און האָט גענומען אַ ווייב פון גרויסן יחוס, די שוועסטער פון דעם שר זאַמאָיסקי, און האָט אויף איר אויסגעבראַכט אַ סך געלט, גאָלד און זילבער, מער וויפיל ער האָט פאַרמאָגט, לויט ווי עס פירט זיך אין דער פוילישער מלוכה סיי צווישן יידן, סיי צווישן ערלים להבדיל, ווען זיי האָבן חתונה: אויב עמעצער האָט נאָר טויזנט זהובים (גילדן), באָרגט ער נאָך צו און פאַרמשכנט זיין האָב און גוטס, כדי צו באַקומען צוויי טויזנט זהובים. און נאָכדעם ווי דער שר כאָרונזשי האָט חתונה געהאַט און אויסגעבראַכט זיין גאַנץ געלט, איז אים אויף דער מחשבה אַרויף צו גיין מיט זיין ווייב אין די ערטער, וואָס הינטערן טייך דניעפּער, וואו די קאָזאַקן לעבן, כדי עס זאָל אים גוט ווערן פון אירעטוועגן, ווען ער וועט באַקומען צוליב זיין יונג ווייב חתונה־מתנות. און דערנאָך האָט ער געפּלאַנעוועט צו גיין מיט די קאָזאַקן אַנטקעגן די טאָטערן און אָנפאַלן אויף זיי פּלוצים, כדי ביי זיי צוצונעמען אין מלחמה אַ סך זאַק־רויב, אַזוי ווי דער מנהג איז געווען נאָך פון אַמאָליקע צייטן. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער האָט צונויפגעקליבן זיין גאַנצן חיל און איז אַוועק מיט זיין ווייב צו די מקומות, וואָס הינטערן טייך דניעפּער. און ווי דער שר איז צוגעקומען מיט זיין ווייב אין דער שטאָט טשיהירין, האָבן אים די שטאָט־לייט מקבל פּנים געווען מיט גרויס שמחה און מיט שיינע מתנות. און אין דער דאָזיקער שטאָט איז געווען דער גאַנצער בעל־דעה איינער אַ ייד, וואָס האָט געהייסן זכריה סאָבילענקי: ער איז געווען דער אַרענדאַר פון די הכנסות, אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט צווישן יידן אין דער רייסישער מדינה, וואָס אומעטום זיינען זיי געווען די תקיפים, און דערפון האָט זיך גענומען די גזירה. און דער שר הנ״ל האָט געפרעגט גלאַט אַזוי זיך ביי דעם יידן: „אַט דו ביסט דאָך דער תקיף אין שטאָט, זאָג־זשע מיר, ווער זיינען די עשירים פון שטאָט?“ און זיין מיין דערביי איז געווען, דורך פאַרשיידענע בילבולים אויפמאָנען ביי זיי געלט. און דער ייד זכריה הנ״ל האָט אים געזאָגט, אַז די דאָזיקע זיינען ביי אונז די עשירים, און האָט אים אויך אָנגעוויזן אויף דעם צורר חמיל ימח שמו, אַז ער איז אַ גרויסער עושר, זייער רייך אין שאָף און רינדער

ביז גאָר. און ווײַבאַלד דער שר האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַזוי געזאָגט: „מײַן פֿאָטער האָט מיר פֿאַרן טויט אַ צוואה געלאָזט וועגן דעם דאָזיקן מיאוסן פֿאַרשוין, און פֿון וואַנען קומט דאָס צו אים אַזאַ האָב און גוטס? בוודאי האָט ער דאָס אַלץ געגזלט בײַ מײַנע דינערס פֿון הינטן קאַנט, וואָס געהערט דאָך צו מיר, און דאָ איז אַלצדינג מײַנס". און דער שר האָט איבער גוואַלד אָפּגענומען בײַ אים אַ פּלאַץ מיט שאָף און רינדער, עטלעכע הונדערט בעלי־חיים, ביז אַ העלפֿט פֿון זײַן פֿאַרמעגן. און דער צורר חמיל ימח שמו האָט זיך געמאַכט ווי שווײַגנדיק, כּדי דער שר הנ"ל זאָל זיך פֿון אים ניט היטן, און בכלל ווער קאָן דאָס זאָגן צו אַ שר: „זע, וואָס טוסטו?" ער איז דאָך אין זײַן שטאָט פּונקט אַזוי תּקיף ווי אַ מלך אין דער מדינה. און חמיל ימח שמו האָט זיך געגרייט נקמה נעמען פֿון דעם שר און האָט געשיקט אַ כּתב צו די טאָטערן און זיי געלאָזט זאָגן: „היט אָפּ אײַער לעבן, וואָרעם אונזער שר כאָרונזשי קלײַבט זיך מיט זײַן גאַנצן חיל אָנצופֿאַלן אויף אײַך". און די טאָטערן זײַנען דעמאָלט געווען רויִק און זיכער און האָבן גאָרנישט ניט געוואוסט וועגן דער מלחמה, וואָס גרייט זיך אַנטקעגן זיי. און ווײַבאַלד זיי האָבן דאָס דערהערט, זײַנען זיי אַרויס מיט זייערע שווערדן און פֿײַלנבויגנס אַנטקעגן דעם שר. און ווײַבאַלד דער שר האָט דערזען, אַז די טאָטערן האָבן זיך דערוואוסט וועגן זײַן פּלאַן — און זײַן חיל איז געווען קלײַן אין צאָל לגבי די טאָטערן — האָט ער פֿאַרקערעוועט אויף צוריק און איז מיט חרפּה אַנטלאָפֿן אין זײַן לאַנד און ער האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט דערגיין, איבער וועמען און פֿון וואַנען ס'עס האָט אים געטראָפֿן אַזאַ אומגליק.

און אין אַ שיינעם טאָג זײַנען זיך געזעסן קאָזאַקן — חמיל ימח שמו מיט זײַנע גוטע פֿרײַנד — און האָבן געהוליעט שטאַרק בײַ דעם יידן הנ"ל, דעם תּקיף פֿון שטאָט, און האָבן זיך טרינקענדיק אָנגעשיכּורט. דער ווײַן אַרײַן און דער סוד אַרויס. וואָס בײַ אַ ניכטערן אויפֿן לונג, איז בײַ אַ שיכּורן אויפֿן צונג. און חמיל ימח שמו האָט דערציילט פֿאַר זײַנע פֿרײַנד, ווי ער האָט נקמה גענומען פֿון שר, ווײַל ער האָט בײַ אים געגזלט די בהמות, און ווי די גאַנצע מעשה איז זיך פֿאַרלאָפֿן. און דער ייד הנ"ל איז זיך געזעסן בײַ אַ צווייטן טיש, פֿאַרנומען מיט זײַנע חשבונות, און האָט די מעשה דערהערט און

דערנאָך זי אַנטפּלעקט פאַרן שר. האָט דער שר גענומען חמילן ימח שמו און אַריינגעזעצט אים אין תפיסה, האָט אים געשמידט אין אײַזערנע קייטן, כּדי אים דערנאָך צו טויטן. און אין דער אייגענער שטאָט האָט געלעבט אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן יעקב סאָבילענקי, און ער איז געווען אַ גוטער פריינד פון חמיל ימח שמו, האָט ער אים געגעבן אַן עצה, אַז זיינע פריינד זאָלן אים, חמילן, אַרויסנעמען פון תפיסה אויף ערבות, און דערנאָך זאָל חמיל גיין צום שר אין קלויסטער אַריין, זאָל פאַלן פאַר זיינע פיס און בעטן אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין נשמה. אויך זאָל ער אים זאָגן, אַז דער ייִד האָט פון שנאה וועגן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף אים, און זיינע פריינד זאָלן עדות זאָגן, אַז ער זאָגט דעם אמת מיט זיינע רייד. און אַזוי האָט טאַקע חמיל געטאָן און האָט מצליח געווען און דער שר האָט אים דאָסמאָל באַפרייט. דערנאָך האָט דער שר אויסגעפאָרשט די זאַך און אויסגעפונען, אַז דער ייִד, דער תקיף פון שטאָט, איז געווען גערעכט, האָט דער שר אַריינגעזעצט אַן אַנדער מאָל חמילן אין תפיסה און איז אַוועק פון דער שטאָט הג״ל מיט זיין ווייב און מיט זיין פאָלק און געקומען אין זיין הויפּטשטאָט בראָד פון קליין־פוילן און האָט באַפוילן דעם טויזנט־פירער אַראָפּנעמען חמילן דעם קאָפּ און אים צושיקן — אויב ניט וועט ער זיין אייגן לעבן מוזן אַוועקגעבן פאַר חמילן. וואָס האָט געטאָן דער צורר חמיל ימח שמו? בעת זיינע חברים די הונדערט־פירערס זיינען געקומען אים מבקר זיין אין תפיסה, האָט ער זיי געזאָגט: „ביז וואַנען וועט איר שווייגן? זייט וויסן, אַז די פוילישע אומה שטאַרקט זיך וואָס פון טאָג און פאַרשקלאַפט אונז מיט שווערער פראַצע וואָס ווייטער אַלץ מער. און ניט גענוג, וואָס די פוילישע האַרן געוועלטיקן איבער אונז, אַפילו די דאָזיקע אומה, וואָס איז מער געפאַלן פון אַלע אַנדערע אומות, האָט אויך איבער אונז די דעה. היינט טוט מען מיט מיר דאָס, וואָס איר זעט, און מאָרגן וועט מען טאָן דאָס אייגענע מיט אײַך. און דערנאָך, אַז מען וועט פאַרענדיקן מיט אונז אַלעמען, וועט מען מיט אונזער פאָלק גראָבן די ערד, אַזוי ווי מען אַקערט די פעלדער מיט אָקסן. בכן, ווען איר ווילט אויסהערן מיין עצה, גייט צום טויזנט־פירער און בעט ביי אים, ער זאָל מיך אָפּלאָזן אויף אײַערע ערבות צו דער שמחה, וואָס

איר מאַכט מאָרגן, און אין דער נאַכט וועלן מיר אַלע אינאיינעם אַנטלויפֿן צום שוואַרצן ים און דאָרטן זיך אַן עצה האַלטן, וואָס צו טאָן קעגן פּוילן". און אַזוי האָבן טאַקע די הונדערט-פֿירער (סאָטניעקס) געטאָן. זיי זיינען געגאַנגען צום טויזנט-פֿירער און האָבן אויך ערבֿות אַרויסגענומען חמיל ימח שמו פֿון תּפֿיסה, און אין דער נאַכט זיינען זיי אַלע אַנטלאָפֿן צום מדבר, הינטער די „פּאָראָהעס" וואָס אַרום שוואַרצן ים, און האָבן געשיקט בריוו אין אַלע ערטער, וואו יוונים וואוינען און געבעטן, אַז מען זאָל קומען אַהין צו זיי. און פֿון די ערטער איז מען טאַקע געקומען צו זיי, אַפֿילו ליידאַקעס, און סע האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסע מחנה פֿאַרשייטע לייט, אַן ערך צוואַנציק טויזנט מאַן. און וויבאַלד דער מלך מיט זיינע שׂרים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט דערפֿון, וואָרעם זיי האָבן געטראַכט, אַז די יוונים וועלן אויך פּונקט אַזוי ווי פֿריער אַריינפֿאַלן אין זייערע הענט. און דאָסמאָל זיינען אַרויס אין דער מלחמה קעגן זיי די צוויי פּוילישע שׂרים פּאָטאָצקי און קאַלינאָווסקי מיט אַ חיל פֿון זעקס טויזנט מאַן העלדישע שטרייטער און זיי האָבן זיך פֿאַרקליבן לעבן קאָרסון, כּדי אָפּצוהיטן די אַריבערגענג צום ים און ניט דערלאָזן די יוונים אויף דער זייט. און דער אָנהייב פֿון דער מרידה איז געווען פֿאַר פּורים ת"ח לפּ"ק. און חמיל מיט זיין חיל האָט זיך פֿאַרקליבן לעבן שוואַרצן ים, כּדי זיך מיישבֿ צו זיין, און ער האָט געזאָגט צו זיין פֿאָלק: איר ווייסט דאָך, אַז דאָס פּוילישע פֿאָלק איז שטאַרקער פֿון אונדז. זיי זיינען געגליכן צו לייבן און צו לעמפּערטן, סע פֿלאַקערט ביי זיי דאָס פּנים. ווער האָט ביז איצט אין זיי מורד געווען און האָט געקאָנט באַשטיין אַנטקעגן זיי? דעריבער פֿאָלגט מיין עצה: לאָמיר שלום מאַכן מיט אונזערע שׂונאים, מיט די טאָטערן, לאָמיר ביידע אינאיינעם מלחמה פֿירן קעגן די פּאָליאַקן. און די יוונים האָבן געענטפֿערט: זאָל זיין ווי דו זאָגסט. איז געגאַנגען חמיל ימח שמו מיט זיין גאַנצן חיל צום מלך פֿון די טאָטערן און האָט געמאַכט מיט אים שלום און אָפּגערעדט אָנצופֿאַלן ביידע אינאיינעם אויף דער פּוילישער מדינה. אויך זיינען זיי פֿריער מסכּים געוואָרן צווישן זיך וועגן דעם זאַקרויבֿ פֿון דער מלחמה: די געפֿענגעניש אין מענטשן און אָפּגענומענע בהמות געהער צו די טאָטערן, און די קאָזאַקן נעמען

פֿאַר זיך דאָס גאָלד און זילבער און די קליידער. בכן האָבן מדין און מואב געמאַכט שלום צווישן זיך מחמת שנאה קעגן יידן. זיינען זיי ביידע געגאַנגען אינאיינעם, די טאָטערן און די יוונים, און שפּרייזנדיק איבערן סטעפּ און דורך וועלדער זיינען זיי געקומען צו דער מחנה פֿון די פּאָליאַקן. און אַ טאָג פֿאַר זייער אָנקומען האָבן זיי געשיקט אויספּאָרשער אין דער מחנה פֿון די פּוילישע, כּדי צו דערגיין, צי זיינען זיי שטאַרק צי שוואַך, צי ס'איז דאָרטן פֿאַראַן אַ גרויסער המון, צי ניט. האָבן די אויספּאָרשער דערזען, אַז די פּאָליאַקן זיינען קליין אין צאָל, אַז זיי זיצן זיך אויפֿן באַרג און עסן און טרינקען און טאַנצן, קלאַפּנדיק אין די טאַצן, און ס'איז זיי גוט אויפֿן האַרצן. האָבן די אויספּאָרשער וועגן דעם מודיע געווען דעם קאָזאַקישן יוונישן חיל און זיי האָבן אַזוי געזאָגט: לאָמיר אָנפֿאַלן אויף זיי, וועלן מיר זיי מנצח זיין און פֿאַרטרייבן פֿון דאַנען, וואָרעם זיי זיצן גאָר אינגאַנצן זיכער בּיי זיך, און היטן זיך גאָרניט פֿון אונז. און זיי האָבן אַוועקגעשיקט די אויספּאָרשער גראָבן גריבער און הילן אין די ערטער, וואו די פּאָליאַקן רוען, אויפֿן באַרג און אין דער נידער.

און ס'איז געווען דינסטאָג, דעם פֿערטן טאָג פֿון חודש סיון, יאָר ת"ח לפ"ק, זיינען די טאָטערן און די יוונים, שפּרייזנדיק דורך וועלדער געקומען פֿון צוויי זייטן. און די פּאָליאַקן האָבן דערפֿילט, אַז דאָ וועט זיך אָן אומגליק אויסלאָזן צו זייערע קעפּ, וואָרעם זיי זיינען געווען קליין אין צאָל, בעת אויך זיי זיינען אָנגעפֿאַלן אַחוץ יוונים אויך טאָטערן. און די טאָטערן זיינען געווען מער פֿון זעכציק טויזנט מאַן. האָבן זיי געפּרוווט אַנטלויפֿן אין די וועלדער, אויפֿן באַרג און אין דער נידער, און זיינען אַריינגעפֿאַלן אין די גריבער, וואָס מען האָט פֿון זייערטוועגן אויסגעגראָבן, און די טאָטערן מיט די יוונים האָבן זיי אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן. דענסטמאָל האָבן די פּוילישע האַרן בּיי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן זייער בּלוט ניט פֿאַרגיסן און בעסער זיי צונעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די טאָטערן האָבן געטאָן, ווי מען האָט זיי געבעטן, און האָבן אַוועקגעשלעפּט אין געפֿאַנגענשאַפֿט דעם גאַנצן פּוילישן חיל און די אָנפֿירער פּאָטאָצקי און קאַלינאָווסקי און האָבן זיי אָנגעטאָן גרויסע יסורים, אין אײַזערנע קייטן געשמידט זייערע פֿיס.

און אַ פולע פוילישע שׂרות, וואָס האָבן געזען, ווי חמיל ימח=שמו איז מצליח אין אַלע זיינע וועגן, האָבן זיי אויך ווידערשפעניקט קעגן דער פוילישער מלוכה און זיינען אַריין אין אַן אָפּמאַך מיט חמילן ימח=שמו און האָבן אַ שבועה געגעבן, אַז זיי וועלן אים אַצינדערט פונקט אַזוי געטריי דינען, ווי זיי האָבן פריער געדינט דעם מלך פון פוילן. צווישן די דאָזיקע נייע מורדים איז אויך געווען אָט=יענער שר איבער טויזנט מאַן, וואָס האָט פריער געדינט ביי דעם כאָרונזשי און ווען דער כאָרונזשי האָט געהאַט באַפוילן אַראָפּצונעמען ביי חמילן דעם קאָפּ. חמיל האָט אים געמאַכט פאַר אַ שר איבער טויזנטער פון זיין חיל. און אויך דער סעקרעטאַר פון געשטאָרבענעם חיל=פירער קאָנעצפּאָלסקי איז געוואָרן אַ שרייבער ביי חמילן, ימח=שמו. ער איז געווען אַ גרויסער חכם און האָט געוואוסט אַלע טכסיסי מלחמה פון דער פוילישער מלוכה, און ער מיט די אַנדערע פוילישע מורדים זיינען דאָס געווען די עצה=געבער ביי חמילן ימח=שמו. אָט אַזוי איז דער שטן פאַר דער פוילישער מלוכה אַרויסגעקומען פון איר אַליין.

און אין דעם אייגענעם טאָג, ווען דער פוילישער חיל איז אַוועק אין געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט די צוויי שׂרים, איז אָנגעקומען די בשורה רעה, אַז דער מלך וולאַדיכלאַוו איז געשטאָרבן — און די פוילישע מדינה איז פאַרבליבן כּצאן בלי=רועה, ווי שאָף אָן אַ היטער. און וויבאַלד די דוכסים און די שׂרות האָבן דערהערט, אַז זייער מלך איז געשטאָרבן, אַז אַזוי פיל העלדישע פוילישע שטרייטער זיינען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט און מיט זיי אויך די צוויי חיל=פירערס, איז ביי זיי דער מוט געפאַלן, און ביי אַלע יידן איז דאָס האַרץ צעגאַנגען, ווי עס צעגייט וואַקס פאַר אַ פייער, וואָרעם דער פּחד פון די יוונים איז אויף אַלע יידן אָנגעפאַלן. און סע זיינען אַנטלאָפן די האַרן, וואָס געוועלטיקן אין די פוילישע מקומות פון יענער זייט דנעפּער, און אויך פון דער זייט ביז דער קהילה קדושה פּאָלאָנע[1]; און ווען גאָט וואָלט אונז ניט איבערגעלאָזט אַ רעשטל, וואָלטן מיר געוואָרן ווי סדום.

1 פולנא: — פּאָלאָנאָיע (Polannoe).

אין יענעם טומל איז דער דוכּס ווישנעוועצקי זכר-לברכה, געשטאַנען מיט זיין חייל הינטערן דניעפּער און ער איז געווען אַן אוהב-ישראל ביז גאָר און אַ העלדישער שטרייטער אין דער מלחמה. נישט געווען אין גאַנצן לאַנד זיין גלייכן, און ער איז געלאָפן מיט זיין חייל דורך ליטע, און מיט אים זיינען אויך אַנטלאָפן אַן ערך פינף הונדערט באַלעבאַטים, יעדער איינציקער מיט זיין ווייב און קינדער, און ווישנעוועצקי האָט זיי געטראָגן, ווי אויף אָדלער-פליגלען, האָט זיי געבראַכט וואוהין זיי האָבן געוואָלט. אין וועג האָט ער זיי באַשירעמט און באַשיצט: איז די סכּנה געווען פון הינטן, האָט ער זיי געהייסן פאָרן אַפריער, איז די סכּנה געווען פון פאָרנט, פלעגט ער אַליין זיין פאָרויס און זיי הינטער אים.

דעם ערשטן טאָג שבועות האָבן יידן פון דער זייט דניעפּער דערהערט וועגן די דאָזיקע צוויי געשעענישן און זיינען אום שבועות טאַקע אַנטלאָפן, ניט געשאַנעוועט זייער גאָלד און זילבער, אַבי נאָר צו ראַטעווען די נשמה. גאָר דער קאַנט, וואָס אַרום דער קהילה קדושה אָסטראָה מיט אַלע קהילות, וואָס האָבן אַ שייכות צו איב, ווי אַ שטייגער, שדה-לבן[1] און ק"ק פּאַוואָלאָוויטש[2] און ק"ק טשודנאָוו און ק"ק לובירטאָוו[3] און אַלע קהילות, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף זיי — אַלע זיינען זיי אַנטלאָפן: אַ טייל פון זיי קיין פּאָלאָנע, אַ טייל קיין זאַסלאַוו און אַ טייל אין דער הויפּטשטאָט אָסטראָה[4], אַ טייל ווידער אין ק"ק קאָנסנטין[5], וואָרעם אַלע דאָזיקע שטעט זיינען געווען שטאַרקע באַפעסטיקטע פּונקטן.

און דער קאַנט אַרום לוואָוו, וואָס אין דער רייסישער מדינה, און אַלע קהילות, וואָס האָבן אַ שייכות צו אים, ווי אַ שטייגער די סביבה פון דער קהילה-קדושה נעמיראָוו, איז געלאָפן קיין נעמיראָוו, און די סביבה פון דער קהילה קדושה טולטשין איז געלאָפן קיין טולטשין, און די סביבה פון דער קהילה קדושה באַר, ווי אַ

1 שדה לבן — בעלעצערקאָוו.

2 פּאַוואָלאָוויטש — פּאַוואָלאָטש.

3 לובירטוב — ליובאַרטאָוו.

4 איסטראָה — Ostrog.

5 קאָסנטין = אַלט-קאָנסטאַנטין.

שטייגער וויניצע, שאַריגראָד און ק״ק קאַ־שון מיט אַלע נאָענטע קהילות זיינען אַלע געלאָפן קיין באַר. אַן ווער ס׳איז פאַרבליבן אָדער ניט געקאָנט אַנטלויפן, איז ביי יענעם זיין בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. און אַ סך קהילות פון יענער זייט דניעפּער, וואָס זיינען געווען נאָענט צום שלאַכט, ווי אַ שטייגער ק״ק פּערעיאַסלאַוו, ק״ק באָרישפּאָל, ק״ק פּיריאַטין, ק״ק באָריזפּלין און ק״ק לובען און ק״ק לאָכוויץ מיט די קלענערע קהילות, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַנטלויפן, זיינען מיט מיתות משונות געהרגעט געוואָרן אויף קידוש־השם. ביי אַ טייל האָט מען די הויט פונם לייב אַראָפּגעצויגן און זייער פלייש פאַר די הינט געוואָרפן, ביי אַנדערע ווידער האָט מען די הענט און די פיס אָפּגעהאַקט און דערנאָך די לייבער אויפן וועג געוואָרפן, און מיט פערד־און־וואָגן איבער זיי געטראָטן. אַ טייל ווידער האָט מען געמאַכט אַ סך וואונדן, נאָר ניט אַזעלכע מכות, וואָס זאָלן ברענגען צום טויט, כדי זיי זאָלן ניט גלייך אויסגיין נאָר אויף צו שטאַרבן דערפון, און מען פלעגט זיי אַרויסוואַרפן אויפן גאַס, וואו זיי האָבן געצאַפּלט אין זייער בלוט, ביז די נשמה איז אַרויס. אַ סך זיינען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט. קינדער האָט מען צעריסן ווי פיש און געשאָכטן אין שויס פון דער מוטער, ביי טראָגעדיקע פרויען האָט מען דעם לייב אויפגעריסן, דעם קינד אַרויסגענומען און דערמיט איבערן פנים געשמיסן, ביי אַ טייל ווידער האָט מען דעם לייב אויפגעשניטן, אַ לעבעדיקע קאַץ אַהין אַריינגעלייגט, דעם בויך פאַרנייט און די הענט אָפּגעהאַקט, כדי מען זאָל די לעבעדיקע קאַץ פון לייב ניט קענען אַרויסנעמען; קינדער פלעגט מען אויפהענגען אויף דער ברוסט פון דער מוטער און אַ טייל קינדער האָט מען אַרויפגעשטאָכן אויף שפּיזן, געבראָטן איבערן פייער און דערנאָך געבראַכט פאַר די מאַמעס צום עסן. טייל מאָל פלעגן זיי נעמען יידישע קינדער און מאַכן פון זיי בריקן אויף אַריבערגיין. ס׳איז ניט געווען קיין מיתה משונה אין דער וועלט, וואָס זיי האָבן ניט אָנגעטאָן יידן, אַלע פיר מיתות בית־דין: פאַרשטיינען, פאַרברענען, שעכטן און וואַרגן. און אַ סך יידן האָבן די מאַטערן גענומען פאַר זיך אין געפאַנגענשאַפט, פרויען און בתולות האָבן זיי מאַנס געווען, מענה געווען פרויען פאַר די מאַנסבילן אין די אויגן, און שיינע מיידלעך און פרויען האָבן זיי גע-

מאַכט צו דינסטן פֿאַר זיך און אַ טייל האָבן זיי גענומען פֿאַר ווייבער און קעבס־ווייבער.

דאָס אייגענע האָבן זיי געטאָן אין אַלע ערטער, וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען. און אויך מיט די פּאָלאַקן האָבן זיי זיך אַזוי נוהג געווען, דער עיקר מיט די גלחים.

פֿון יענער זייט דניעפּער זיינען געהרגעט געוואָרן אַ פֿולע טויזנטער יידן, און עטלעכע הונדערט זיינען גענויט געווען צו בייטן זייער גלויבן, ספֿר־תּורות האָט מען צעריסן אויף שטיקער און געמאַכט פֿון זיי זעק און שוכוואַרג, און מיט די רצועות פֿון תּפֿילין פֿלעגן זיי זיך די פֿיס אַרומבינדן, און אין די גאַסן פֿלעגן זיך וואַלגערן תּפֿילין, און מיט אַנדערע הייליקע ספֿרים פֿלעגן זיי זיך די גאַסן אויסדעקן און אַ טייל האָבן זיי פֿאַרניצט אויף צו פֿאַרשטאָפּן מיט זיי די ביקסן: ווער סע האָט פֿון זייערע מעשים געהערט, בײַ יענעם האָט אין די אויערן געקלונגען.

און ווי מען האָט דערהערט אין די קהילות פֿון פּאָגרעבישטש, זיוטב, באַזופּקע און טשיוב און אין זייער סביבה, וואָס די יוונים האָבן אָנגעטאָן אונזערע ברידער פֿון יענער זייט דניעפּער, און אַזוי ווי די טאָטערן זיינען געקומען פֿון איין זייט שטאָט און די יוונים פֿון דער אַנדערער זייט, האָבן יידן צו זיך אַזוי געזאָגט: אויב מיר וועלן וואַרטן, ביז די יוונים וועלן אַריין אין שטאָט, וועלן זיי אונז אַלעמען אויסשעכטן אָדער זיי וועלן אונז, חלילה, נויטן בייטן אונזער גלויבן, איז שוין בעסער, אַז מיר זאָלן אַליין גיין צו דער מחנה פֿון די טאָטערן און זיך אָפּגעבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, וואָרעם מיר ווייסן דאָך, אַז אונזערע ברידער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין אַנדערע טערקישע קהילות זיינען גרויסע רחמנים און וועלן אונז בוודאי אויסלייזן פֿאַר געלט. און אַזוי האָבן זיי געטאָן. אַלע מאַנסבילן, פֿרויען און קינדער פֿון די פֿיר אויבנדערמאָנטע קהילות, אַן ערך דריי טויזנט נפֿשות זיינען אַוועק צו די טאָטערן. און ס'איז מיטגעגאַנגען מיט זיי דער חזן ר' הירש פֿון זיאַטוב, און ווי נאָר מען האָט זיך דערנענטערט צו די טאָטערן, האָט ער אָנגעהויבן קלאָגן און זינגען מיט אַ שטאַרקן קול אל־מלא־רחמים פֿון וועגן אונזערע געהרגעטע ברידער; און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז פֿאַר־

שמאַכט געוואָרן פון גרויס געוויין. בוודאי האָט מען דערהערט זייער געשריי אין הימל, וואָרעם דער רחמנות איז דערוועקט געוואָרן ביי זייערע פיינט, און זיי האָבן געטרייסט די געפאַנגענע מיט גוטע רייד און האָבן צו זיי אַזוי געזאָגט: זאָרגט ניט, סע וועט אייך גאָרנישט פעלן אין עסן און טרינקען, צווישן אייך זיינען פאַראַן שוחטים, זאָלן זיי קוילען שאָף און רינדער לרוב און מאָרגן וועלן מיר אייך ברענגען צו אייערע ברידער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלן זיי אייך אויסלייזן. און אַזוי פלעגן טאַקע טאָן די טאָטערן, און אַחינו בני־ישראל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זאָל זיי גאָט באַשיצן: מען האָט זיי אויסגעלייזט און נאָך אַנדערע געפאַנגענע פון פוילן, אַן ערך צוואַנציק טויזנט נפשות, און זיי האָבן אויף זיי אויסגעבראַכט אַ פולע געלט, וויפיל די טאָטערן האָבן געפסקנט, און האָבן זיי געשפייזט און מפרנס געווען ביז אַצינדערט, און נאָך אַנדערע טובות אָן אַ שיעור זיי אָנגעטאָן. אַזוי האָט געטאָן די גאַנצע טערקישע מדינה, בפרט די קהילה־קדושה פון סאַלאָניקי, און זיי האָבן אויסגעלייזט אַ פולע געפאַנגענע. און אין דער שיינער קהילה ווענעציע, און אין דער באַקריינטער הייליקער קהילה פון רוים און אין דער טייערער און רעכטפאַרטיקער קהילה פון ליוואָרנאָ און אין אַנדערע קהילות קדושות פון איטאַליע האָט מען צונויפגעקליבן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער גילדן אויף פדיון־שבוים און אַוועקגעשיקט צו דער קהילה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל: זאָל דער אייבערשטער זיי אָפּצאָלן פאַר אַלדאָס גוטס, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אונזערע ברידער, און זאָל זיי אָפּהיטן פון יעדער צרה, ביז משיח וועט קומען.

און נאָך אַלע די געשעענישן האָבן די טאָטערן מיט אַ פולע געפאַנגענע זיך אומגעקערט צוריק אין זייער לאַנד, און דער צורר חמיל ימח־שמו איז געגאַנגען מיט זיינע קאָזאַקן, און עטלעכע טויזנט טאָטערן, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי אים, צו דער שטאָט טשיהירין מיט פויקן און טרומייטן. און ווינבאַלד ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, זיינען אַלע שטאָטלייט אַרויס אים אַנטקעגן מיט פויקן און מיט טענץ און מיט גרויס פרייד, און זיי האָבן אים געבענטשט און געבעטן זיין אַ האַר איבער זיי און איבער זייערע קינדער אויף אייביקע צייטן. און זיי האָבן צו אים אַזוי גע-

זאָגט: גאָט האָט דיך געשיקט — אַ נשיא איבער אונז, דו ביסט אונזער אויסלייזער, דו האָסט אונז באַפרייט פון די פוילישע הערן, וואָס האָבן אונז געפּייניקט און פאַרשקלאַפט מיט שווערער פּראַצע.

און עס איז געווען, אַז ער איז געזעסן אין דער היים, האָט דער צורר חמיל ימח־שמו אַזוי געזאָגט צו זיינע קנעכט, צו זיינע שרים און יועצים: לאָמיר זיך אַן עצה געבן, בכדי אונזערע שונאים זאָל אונז ניט פאַרלענדן, וואָרעם אַצינדערט האָט אונז פיינט די גאַנצע פוילישע מדינה. און ווען אַלע מלכי־ארום (קאַטוילישע מלכים) וועלן דערהערן וועגן דעם שלעכטס, וואָס מיר האָבן אָנגעטאָן, וועלן זיי אַרויס מיט אונז מלחמה האַלטן, און מיר זיינען דאָך אַ קליין הייפעלע. און זיינע העלפערס האָבן אים אַזוי אָפּגעענטפערט: אָט דאָס איז די עצה, וואָס מיר גיבן דיר. שיק בריוו צו די הערן און רוזנים פון דער פוילישער מדינה און שרייב זיי וועגן שלום און רייד מיט זיי גוטע און שיינע רייד. האָב חרטה אויף אַלצדינג, וואָס דו האָסט ביז אַצינד אָפּגעטאָן, ס׳איז געווען על־פּי נויט, בכדי צו ראַטעווען דאָס לעבן, און מיר אַזוי ווי מיר זאָגן דיר, בכדי זיי זאָלן ניט אַזוי גיך צונויפקלייבן קעגן דיר אַ גרויסן חייל. און אין דער אייגענער צייט זאָלסטו שיקן שליחים צו דעם מלך פון די טאָטערן, אַז ער זאָל דיר אַרויסשיקן אַ גרויסן חייל. אויך זאָלסטו שרייבן אין אַלע יענע ערטער פון דער פוילישער מדינה, וואו סע וואוינען יוונים, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו אַ געוויסער צייט אויפצושטיין אויף צו באַשיצן זייער לעבן און נקמה נעמען פון זייערע שונאים פון די פוילישע הערן און פון יידן, להבדיל. און אַזוי האָט חמיל געטאָן. און ער האָט געשיקט בריוו בסוד גדול אין אַלע קאַנטן, וואו עס וואוינען יוונים, און האָט זיי געהייסן גרייט זיין אויפצושטיין און אויסצוהרגענען און פאַרלענדן אַלע יידן און דעם גאַנצן פּוילישן חייל, וואָס באַדריקט זיי, פרויען און קינדער אינאיינעם, און דאָס האָב און גוטס אָפּנעמען. און יידן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער זאַך ביי זייערע שכנים און גוטע פריינט צווישן די יוונים. אויך האָבן יידן געהאַט אויספאָרשער אין אַלע זייערע ישובים, און זיי האָבן וועגן דעם מודיע געווען זייערע שררות. זיי פלעגן מיט רייטערס

שיקן בריוו פון איין קהילה אין דער אַנדער קהילה און געבן צו וויסן די יידן און די שררות וועגן די ניים, וואָס יעדער טאָג פלעגט ברענגען. מחמת דעם האָבן די פּוילישע שררות זייער ליב געהאַט יידן און זיינען מיט זיי געווען — איין אַגודה, איין נשמה: ווארעם הקדוש-ברוך-הוא האָט צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכה, און טאָמער וואָלט נישט אַזוי געווען, וואָלט, ח״ו, דער שארית-ישראל ניט געקאָנט באַשטיין אויף דער וועלט.

און אין אַלע קאַנטן און ישובים, וואו סע פלעגט אָנקומען די בשורה, פונם צורר, איז פאַר די יוונים געווען אַ גרויסע פרייד, און פאַרקערט — אַ גרויסער טרויער פאַר די פּוילישע הארן און פאַר יידן. און יידן האָבן געפאַסט און תשובה געטאָן און צדקה געטיילט, פונדעסטוועגן האָט זיך זיין גרימצאָרן ניט אומגעקערט צוריק און זיין האַנט איז נאָך אַלץ אויסגעשטרעקט אויף צו שטראָפן. זאָל גאָט אויף זיי רחמנות האָבן.

און חמיל האָט געשיקט בריוו צו די פּוילישע חכמים און האָט געשריבן שיינע רייד וועגן שלום, אַז ער איז געווען גענויט צו ווידער-שפעניקן, בכדי צו ראַטעווען מענטשן פון טויט, און ס׳איז דאָך אַ כלל, אַז ווען עמעצער וויל דיך דערהרגענען, מעגסטו אים אַפריער טויטן, און גאָט וועט דערפאַר ניט שטראָפן. און ער האָט געשריבן צו די פּוילישע שררות, אַז זיי מעגן זיך אומקערן אַהיים אויף זייערע ערטער, און אַז ער וועט זיי אָפּגעבן צוריק זייערע ישובים.

נאָר די פּוילישע שררות האָבן גרינגגעשאַצט זיינע בריוו, ווארעם זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַלצדינג איז שקר-וכזב: אין דער אייגענער צייט, ווען ער האָט גערעדט וועגן שלום, האָט ער פאַר-נומען אונטער זיין ממשלה די גאַנצע רייסישע מדינה און פון אַלע אַמאָליקע פריצישע ישובים האָט מען אים געשיקט אָפּצאָלן און שטייערן, ווייל בכלל האָט ער געטאָן ניט-דערהערטע זאַכן. אויף יענער זייט דניעפּער מיט יידן און מיט פּוילישע שררות, האָט חרוב געמאַכט קלויסטערס, געהרגעט גלחים, און דאָס אַלץ האָט ער אָפּ-געטאָן שוין דערנאָך, ווי ס׳איז אַוועק אין געפאַנגענשאַפט דער פּוילישער חיל. דעריבער האָבן די פּוילישע שררות אים ניט גע-

גלויבט און האָבן געשיקט בריוו צו דעם אַרצבסקופּ (אַזוי רופט מען אים אין פּויליש, און אין לשון איטאַליע רופט מען אים קאַרדינאַל), וואָס זיצט אויפן שטול פון דער קהילה קדושה גנעזין און פאַרבייט דעם פּוילישן מלך נאָך זיין טויט, כדי די פּוילישע מלוכה זאָל ניט פאַרבלייבן אָן אַ מלך, ביז מען וועט קלייבן אַ נייעם, וואָרעם טאָמער ניט אַזוי, וואָלט איינער דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט אײַנגעשלונגען. און אין יענע צייטן איז קאַזימיר ירום־הודו געווען קאַרדינאַל פון גנעזין און מלך פון פּוילן, זאָל גאָט אַלע זיינע פיינט מאַכן פאַלן צו זיינע פיס. בכן זיינען אַלע פּוילישע האַרן מושווה געוואָרן צו שיקן צו אים און אים בעטן, אַז ער זאָל געבן אַ חיילות־פירער, כדי פּוילן זאָל ניט פאַרבלייבן כצאן־בלי־רועה. און דער קאַרדינאַל קאַזימיר האָט תיכף צוגעשיקט די בריוו צום דוכּוס פון ק״ק זאַסלאַוו, דעם גרויסן פירשט וולאַדיסלאַוו דאָמיניק, ירום־הודו, אַז ער זאָל זיין דער חיילות־פירער ביי דעם פּוילישן פאָלק. און דער דאָזיקער דוכּוס האָט אַ פולע פורעניות געבראַכט פאַר יידן און בכלל פאַר דער פּוילישער מדינה, וואָרעם ער איז געווען אַ גרויסער עושר און האָט פאַר זיין לעבן קיינמאָל נישט געפרווט צו פירן מלחמה: ער איז געווען אַ פחדן און געהאַט אַ ווייך האַרץ, וואָרעם נאָר פון וועגן זיין עשירות האָט אים דער קאַרדינאַל געמאַכט פאַר אַ פירער, און אַז דער שאָף־היטער האָט אַ גרימצאָרן אויף זיין טשערעדע, מאַכט ער אַ בלינדן פאַרן פירער. אָט אַזוי איז געווען אין פּוילן, בעוונותינו הרבים.

אויך האָט דער קאַרדינאַל באַפוילן, אַז אַלע שררות זאָלן קומען צו דער מלחמה, בכדי נקמה צו נעמען פון זייערע פיינט. טאָמער ניט, וועט ער אַרויפלייגן גרויסע שטראָפן. אַזוי האָט מען אומעטום מודיע געווען אין זיין נאָמען. נאָר די פּוילישע שררות פלעגן זיך זייער פאַמעלעך צונויפקלייבן, אַזוי ווי דער שטייגער איז געווען אין דער פּוילישער מלוכה: גייענדיק מלחמה האַלטן, פלעגן זיי זיך קלייבן באַלאַנגזאַם, אָן אײַלעניש, און אין דער אייגענער צייט פלעגן די טאַטערן און די יוונים זיך ניט פוילן און זיין זייער פלינק.

די גזירה פון דער קהילה קדושה נעמיראָוו.

און דער צורר חמיל ימח=שמו האָט דערהערט, אַז אַ פולע יידן האָבן זיך פאַרקליבן אין נעמיראָוו און האָבן ביי זיך אַ סך גאָלד און זילבער, אַחוץ דעם, וואָס נעמיראָוו אַליין איז געווען זייער רייך, אַ גרויסע און חשובע קהילה, פול מיט חכמים און סופרים, אַן אָרט פון גערעכטיקע דינים — און אַצינד אַ בית=עולם פאַר געהרגעטע. בכן האָט חמיל ימח=שמו געשיקט אַ קאָזאַקן=פירער, אַ צורר=היהודים, אַנטקעגן דער שטאָט, אַן ערך זעקסהונדערט שטרייטער, און האָט אויך געשריבן צו די שטאָט=לייט, אַז זיי זאָלן קומען העלפן. און די שטאָט=לייט האָבן שוין אַפריער אָפּגערעדט זיי צו העלפן מיט אַלע כוחות, נישט אַזוי פון וועגן דער ליבשאַפט צו די קאָזאַקן, ווי פון וועגן זייער שנאה צו יידן. און ס'איז געווען אום מיטוואָך, דעם צוואַנציקסטן סיוון, האָבן זיך די קאָזאַקן דערנעענטערט צו דער שטאָט נעמיראָוו. און ווי באַלד נאָר נעמיראָווער יידן האָבן דערזען דעם חייל פונדערווייטנס, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן, נאָר זיי האָבן נאָך אַליין ניט געוואוסט, צי דאָס איז אַ פוילישער, צי אַ קאָזאַקישער חייל. פונדעסטוועגן האָבן זיך אַלע יידן מיט ווייבער און קינדער, מיט זייער גאָלד און זילבער פאַרקליבן אין דער ציטאַדעל=פעסטונג פון שטאָט, פאַרשלאָסן און פאַרריגלט די טירן און זיך געגרייט צו האַלטן מלחמה. וואָס=זשע האָבן געטאָן די רשעים, די קאָזאַקן? זיי האָבן אַרויסגעשטעלט פוילישע פאָנען, כדי איבצומעקן דעם חילוק צווישן זיך און די פאָליאַקן, און די שטאָט=לייט האָבן געוואוסט וועגן דער דאָזיקער פאַלשקייט און האָבן געזאָגט צו די יידן, וואָס אין פעסטונג: עפנט דעם טויער, וואָרעם דאָס איז דער פוילישער חייל, וואָס איז געקומען אַהער, בכדי אייך אַרויסצוראַטעווען פון די הענט פון אייערע שונאים, איב זיי וועלן נאָר קומען. און די יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך אויפן מויער, האָבן דערזען די פוילישע פאָנען און ביי זיך געטראַכט, אַז די שטאָט=לייט זיינען באמת גערעכט, און האָבן תיכף געעפנט דעם טויער. און אָט איז שוין דער טויער געשטאַנען אָפן און די קאָזאַקן זיינען אַריין מיט

די שווערדן אין די הענט און מיט זיי די שטאָט־לייט, באַוואָפנט מיט שווערדן און שפּיזן, מיט מעסערס און אַקער־אײַזנס, און אַ טייל מיט שטעקנס, און האָבן געמאַכט צווישן יידן אַ גרויסע שחיטה. פרויען און מיידלעך האָבן זיי פאַרגוואַלדיקט לויט זייער האַרץ־גלוסט, און אַ טייל פרויען און מיידלעך זיינען אַראָפּגעשפרונגען אין וואַסער, וואָס אַרום פעסטונג־גראָבן, כדי די ערלים זאָלן זיי ניט שענדן, און זיינען דאָרטן דערטרונקען געוואָרן. און אויך אַ פולע מאַנכביל, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו שווימען, זיינען אַראָפּגעשפרונגען אין וואַסער אַריין, מיינענדיק, אַז זיי וועלן זיך דערמיט ראַטעווען פון דער שחיטה. נאָר די קאָזאַקן זיינען זיי נאָכגעשוואומען און האָבן מיט די שווערדן געקיילעט די שווימענדיקע, און אַ טייל פלעגן שיסן מיט די ביקסן אין וואַסער אַריין, אַזוי אַז דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פון בלוט פון די געהרגעטע.

און אין נעמיראָוו איז דענסטמאָל געווען ראש־ישיבה דער גאון מוהר״ר יחיאל־מיכל, אַ זון פון גאון מוהר״ר אליעזר ז״ל, וואָס האָט געוואוסט אויף אויסווייניק כל התורה כולה און איז אויך געווען אַ בקי אין אַלע וועלט־חכמות. און אַ שבת פאַר דער גזירה האָט ער געדרשנט פאַרן עולם און געוואָרנט, אַז אויב, חלילה, דער שונא וועט קומען, זאָל מען זיך מוסר־נפש זיין אויף קידוש־השם און נישט ביטן דעם גלויבן. און אַזוי האָט דער עם קדוש געטאָן. און אויך ער איז אַריינגעשפרונגען אין וואַסער, כדי זיך צו ראַטעווען, האָט אים אַ קאָזאַק געכאַפּט און געוואָלט טויטן. האָט אים דער גאון געבעטן, ער זאָל אים ניט הרגענען, וועט ער דערפאַר באַקומען אַ פולע גאָלד און זילבער. דער קאָזאַק האָט געטאָן, ווי ער האָט אים געבעטן, און דער גאון האָט אים געפירט אין שטוב אַריין, צו דעם אָרט, וואו ס׳איז געווען באַהאַלטן דאָס גאָלד און זילבער, און דער קאָזאַק האָט אים אָפּגעלאָזט. איז דער גאון אינאיינעם מיט זיין מאַמען פון דאָרטן אַנטלאָפן און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ שטוב אַ גאַנצע נאַכט, ביז סע האָט אָנגעהויבן טאָגן. און אויפן אַנדערן מאָרגן, כ״ב סיון, האָבן די קאָזאַקן אָנגעהויבן גיין איבער די הייזער און זוכן, צי סע האָבן זיך דאָרטן ניט באַהאַלטן קיין יידן. איז דער גאון מיט זיין מאַמען אַנטלאָפן

אויפן בית־עולם, כדי צו קומען צו קבורת־ישראל, אויב מען וועט זיי דהרגענען. נאָענט פון בית־עולם האָט זיי נאָכגעיאָגט איינער פון די שטאָט־לייט, אַ שוסטער מיט אַ שטעקן אין האַנט, און האָט גע־שלאָגן דעם גאון מכות־רצח. האָט אים די מאַמע געבעטן, ער זאָל זי הרגענען און שאַנעווען דעם זון, נאָר ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו אירע רייד און האָט אַפריער געטויט דעם גאון און דערנאָך די מאַמען, גאָט וועט פאַר זייער בלוט נקמה נעמען.

און נאָך אַ שחיטה פון דריי טעג האָט זיי דעם גאונס ווייב מקבר געווען. וואָרעם אומעטום, וואו די גזירות זיינען זיך פאַרלאָפן, זיינען ס'רוב ווייבער געבליבן לעבן, אַחוץ אַלטע און קראַנקע, וואָס מען האָט זיי געטויט.

און ס'איז זיך פאַרלאָפן אַ מעשה מיט אַ שיינער מיידל, אַ מיוחסת און אַ גבירטע, האָט אַ קאָזאַק זי גענומען אין געפאַנ־געניש און חתונה געהאַט מיט איר. נאָר איידער ער האָט זיך געלייגט צו איר, האָט זי צו אים געזאָגט מיט גענאַר: איך האָב אַזאַ סגולה, אַז קיין כלי־זיין קאָן מיך נישט מזיקן. אויב דו ווילסט, קאָנסטו דאָס אויספרווון: שיס אויס אין מיר פון אַ ביקס און איך וועל בלייבן לעבן. און דער קאָזאַק, איר מאַן, האָט געגלויבט אין אירע רייד און האָט, נישט מיינענדיק קיין בייז, אויסגעשאָסן: און די פרוי איז געפאַלן אַ טויטע אויף קידוש־השם, כדי דער גוי זאָל זי נישט פאַראומריינקן, דער אייבערשטער וועט פאַר איר בלוט נקמה נעמען. און ווידער איז זיך אַ מעשה פאַרלאָפן מיט איי־נער אַ יפת־תואר, וואָס אַ קאָזאַק האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל זי מקדש זיין אין קלויסטער, וואָס הינטערן בריק. און ער האָט געטאָן, ווי זי האָט געוואָלט, און האָט זי געפירט אַהין אויף קדושין אין שיינע קליידער, מיט פויקן און מיט טענץ. און וויבאַלד זיי זיינען געקומען אויפן בריק, איז זי אַראָפגעשפרונגען אין וואַסער אַריין און איז דערטרונקען געוואָרן אויף קידוש־השם, גאָט וועט פאַר איר בלוט נקמה נעמען. און אַזעלכע פרויען זיינען געווען אַ פולע, ס'איז ניט מעגלעך אַלצדינג אויסצושרייבן. און די צאָל פון אַלע יענע, וואָס זיינען דערהרגעט און דערטרונקען געוואָרן אין דער קהילה

קדושה נעמיראָוו, איז געווען אַן ערך זעקס טויזנט נפשות: מיט פלערליי מיתות משונות זיינען זיי געהרגעט געוואָרן, גאָט וועט נקמה נעמען פאַר זייער בלוט. און אַלע יענע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער גזרה נעמיראָוו, זיינען אַנטלאָפן קיין טול־טשין, וואָרעם דאָרטן איז הינטערן שטאָט געווען זייער אַ שטאַרקע פעסטונג.

די גזירה פון דער קהילה קדושה טולטשין.

און ס'איז געשען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעטאָן אין נעמי־ראָוו אַלדאָס בייז, לויט זייער האַרץ־געלוסט, זיינען זיך צונויפ־געקומען די ליידאַקעס אין אַ גרויסער צאָל, אַן ערך צען טויזנט מאַן, און זייער פירער איז געווען דער צורר־היהודים קריוואָנאָס, ימח־שמו וזכרו. און זיי זיינען אַוועק צו דער קהילה קדושה טולטשין, וואָרעם דאָרטן אין פעסטונג זיינען געווען אַ זעקס הונדערט העל־דישע שטרייטער פון די פוילישע שררות, און אויך האָבן זיך אַהין פאַרקליבן אַן ערך צוויי טויזנט יידן און צווישן זיי זיינען גע־ווען מוטיקע שטרייטער, געניטע אין פירן מלחמה. די יידן און די פוילישע שררות האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט צו העלפן איינער דעם אַנדערן און מלחמה האַלטן קעגן זייערע שונאים, און האָבן געגעבן אַ שבועה נישט צו פעלשן איינער אין דעם אַנדערן און זיי האָבן פאַרשטאַרקט די פעסטונג ביז גאָר. יידן זיינען אַרויס באַ־וואָפנטע מיט פלערליי כלי־זיין. און איבער מויער זיינען געשטאַנען יידן און פוילישע שררות און וויבאַלד נאָר די יוונים פלעגן זיך דערנעענטערן צו דער פעסטונג, פלעגט מען פון מויער אַראָפּשיסן אויף זיי מיט פיילן און ביקסן און הרגען אַ סך פון די יוונים. און די יוונים זיינען אַנטלאָפן פון די יידן, און יידן האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געהרגעט פון זיי עטלעכע הונ־דערט מאַן. זיינען זיך די יוונים נאָך אַמאָל צונויפגעקומען אין־איינעם, אַלע פויערים פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, אַ המון פון צענדליקער טויזנטער מיט ברעכאייזנס אויף אייצוואַרפן דעם מויער. און זיי זיינען געקומען מלחמה האַלטן קעגן דער

פעסטונג, מיט גרויסע און משונהדיקע געשרייען, אַזוי ווי דער שטייגער איז בײ די קאָזאַקן. האָבן די לייט, וואָס אויפֿן מויער, דערזען דעם גרויסן המון, איז בײ זיי דאָס האַרץ פֿאַרציטערט געוואָרן, פֿונדעסטוועגן האָט מען פֿון מייער אַראָפּגעשאָסן און ניט דערלאָזט די יוונים גענענען און זיי זיינען אויך דאָס דאָזיקע מאָל אַנטלאָפֿן פֿון יידן. אַזוי איז אַריבער אַ פֿולע צייט. די קאָזאַקן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז סע געדויערט צו־לאַנג, האָבן זיי בײ זיך אָפּגערעדט שיקן שלום־בריוו צו די פּוילישע שררות אין פעסטונג אַריין און זיי פֿאָרלייגן פֿאַרענדיקן דעם שטרייט בתנאַי, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אַלע יידן, ווי אַן אויסלייז פֿאַר זייער לעבן. און אַזוי האָבן זיי געטאָן. מען האָט געשיקט שלום־בריוו אין פעסטונג אַריין און די פּוילישע שררות האָבן תיכּף מסכּים געווען און האָבן דורך איינעם פֿון די יידן געלאָזט אָפּנעמען בײ זיי די כּלי־זיין און צונויפֿקלייבן אין איין אָרט. יידן האָבן פֿאַרשטאַנען די פֿאַלשקייט פֿון די פּאָליאַקן און האָבן תּחילת געוואָלט זיי אַלעמען אויסהרגענען, וואָרעם זיי האָבן זייער אָפּמאַך ניט אײַנגעהאַלטן. האָט דער ראש־ישיבה פֿון ק״ק טולטשין מוהר״ר אהרון אָנגעשריען אויף יידן און אַזוי געזאָגט צו זיי: „הערט, ברידער, און געדענקט, אַז מיר זיינען אין גלות בײ די פֿעלקער, ווען איר וועט אײַער האַנט אויפֿהייבן קעגן פּוילישע שררות, וועלן די מלכי־אדום נאָך, חלילה־וחס, נקמה נעמען פֿון אַלע אונזערע ברידער אין גלות. בכן, אויב דאָס איז אַ גזירה פֿון הימל, לאָמיר מקבל זיין אין פֿריידן אונזער שטראָף, זיינען מיר דאָך נישט בעסער פֿון אונזערע ברידער אין ק״ק נעמירָאָוו, און דער אייבערשטער וועט רחמנות האָבן און אונזערע שונאים וועלן אפשר נעמען אַלצדינג, וואָס זייער אויג געלוסט, ווי אַן אויסלייז פֿאַר אונזער לעבן". און יידן האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און האָבן גאָר זייער האָב און גוטס געבראַכט און אַוועקגעלייגט אין הויף. און אָט זיינען די צוררים, די קאָזאַקן אַרײַנגעקומען, און דער פֿירער פֿון די פּוילישע שררות, דער דוכּוס טשווערטשינסקי, האָט צו זיי געזאָגט: אָט האָט איר אײַער באַגער. און די קאָזאַקן האָבן פֿאַר זיך צוגענומען דאָס יידישע גוטס און האָבן געפֿאָדערט פֿון דוכּוס, ער זאָל די יידן אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה. און

די פּאָליאַקן האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה: זיי האָבן ניט געוואוסט, צי װעלן די קאָזאַקן מקיים זיין זייער צוזאָג, צי ניט. און אויפן דריטן טאָג זיינען די קאָזאַקן נאָך אַמאָל געקומען און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן די יידן. דענסטמאָל האָבן די פּוילישע שׂררות אַרויסגעשטופּט יידן פון דער פעסטונג, בכדי זיי זאָלן זיך ניט אָנצינדן פון זייער בראַנד. און יידן זיינען אַרויס פון דער פעסטונג דערשלאָגענע און מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און די קאָזאַקן האָבן זיי פאַרשפּאַרט אין אַ גאָרטן, פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן, כּדי זיי זאָלן ניט קאָנען אַנטלויפן. און צווישן די פאַרשפּאַרטע יידן זיינען געווען דריי גאונים: מוהר״ר אליעזר, מוהר״ר שלמה און מו״ה חיים און זיי האָבן געוואָרנט דעם עם־קודש, אַז זיי זאָלן זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש־השם און זאָלן נישט בייטן זייער גלויבן. האָבן אַלע אָפּגעענטפערט מיט שמע־ישׂראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד — אַזוי ווי אין אייער האַרצן, גאונים, איז פאַראַן נאָר איין אחד, פּונקט אַזוי איז אין אונזער האַרצן אויך פאַראַן נאָר איין אחד. און נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז געקומען צו זיי אַ פאַרמיטלער פון די קאָזאַקן, האָט אַ פאָן אַריינגעשטאָכן אין דער ערד און געזאָגט צו זיי אויפן קול: „ווער סע וויל בייטן זיין גלויבן, זאָל קומען און זיך זעצן אונטער דער דאָזיקער פאָן, ער וועט בלייבן לעבן". און קיינער האָט אים מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט. און די אייגענע ווערטער האָט ער אויסגעשריען דריי מאָל נאָכאַנאַנד, נאָר קיינער האָט אים נישט געענטפערט. האָט ער תיכף געעפנט דעם טויער פון גאָרטן און די קאָזאַקן זיינען אַריין מיט גרימצאָרן און האָבן איבערגעשאָכטן אַן ערך טויזנט פינפהונדערט נפשות מיט אַלע מיתות משונות, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר. און אויך די דריי גאונים זיינען געפאַלן דורכן שווערד, גאָט זאָל פאַר זייער בלוט נקמה נעמען (הי״ד). און צען רבנים האָבן זיי גענומען לעבעדיקערהייט און געשמידט זיי אין אייזערנע קייטן און אַריינגעזעצט אין תפיסה, בכדי זיי זאָלן זיך אויסלייזן פאַר צען טויזנט זהובים, און צווישן די דאָזיקע רבנים איז אויך געווען מוהר״ר אהרן הנ״ל, דער זון פונם גאון הר״ר מאיר, וואָס איז געווען דער ראש־ישיבה פון ק״ק לוואָוו. און די קאָזאַקן

האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער עושר און אַז ער וועט אויסלייזן זיין זון, וויפל געלט זיי וועלן נאָר נישט אָפּפּאָדערן.

און נאָך דער שחיטה, וואָס זיי האָבן געמאַכט צווישן יידן, זיינען זיי געגאַנגען אונטער דער פעסטונג, בכדי מלחמה צו האַלטן און זי איינצונעמען. האָבן די פוילישע שררות צו זיי געזאָגט: איר זייט דאָך מיט אונז אַריין אין אַן אָפּמאַך, טאָ וואָס זשע ווילט איר אים אַצינדערט נישט איינהאַלטן? און די קאָזאַקן האָבן אָפּגעענטפערט די פוילישע שררות: „אַזוי ווי איר האָט אייער אָפּמאַך נישט איינגעהאַלטן מיט יידן, פונקט אַזוי וועלן מיר טאָן מיט אייך און אייך באַצאָלן מידה כנגד מידה". האָט מען פון מויער אָנגעהויבן שיסן אויף זיי. האָבן זיך די קאָזאַקן געקליגט און אונטערגעצונדן די פעסטונג און געמאַכט אַ שחיטה צווישן די פוילישע שררות און צעראַבירט זייער האָב און גוטס, און פאַר די אויגן פון דוכּוס הנ"ל, איידער ער איז געשטאָרבן, האָבן זיי מאַנס געווען זיין ווייב, די גבירטע און זיינע ביידע טעכטער. און ער איז געווען אַ דיקלייביקער, האָט ער אויף זיינע פיס נישט געקאָנט איינשטיין און האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול. איז צו אים צוגעקומען אַ לייַדאַק, וואָס האָט אַמאָל ביי אים געדינט פאַר אַ מילנער, האָט אַראָפּגענומען פאַר אים דאָס הימל און האָט געזאָגט צו אים לאַכנדיק און שפּאָטנדיק: „אדוני! וואָס טוט איר אַצינדערט באַפעלן צו אייער קנעכט?" און ער האָט אים דערמאָנט, ווי ער האָט בשעתו געשלאָגן זיינע קנעכט און זיי געפייניקט מיט שווערער אַרבעט. און ער האָט צו אים געזאָגט: „אַצינדערט שטיי דו אויף פון דיין שטול און איך וועל מיך אַצינדערט זעצן אויף דיין אָרט, לאָמיך אָקאָרשט פרואוון געוועלטיקן איבער דיר". האָט אָבער דער דוכּוס נישט געקאָנט איינשטיין אויף זיינע פיס. און מען האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פון שטול און אכזריותדיק מיט אַ זעג אָפּגעשניטן דעם קאָפּ אויפן שוועל פון שטוב. פונקט אַזוי ווי די פוילישע שררות האָבן געטאָן, האָט זיך גאָט אָפּגערעכנט מיט זיי, וואָרעם זיי האָבן נישט איינגעהאַלטן דעם אָפּמאַך מיט יידן. און אַלע פוילישע שררות, וואָס האָבן וועגן דער זאַך געהערט, האָבן די דאָזיקע שטראָף פון איבערשטן איינגעזען פאַר גערעכטיק און פון היינט אויף ווייטער האָבן שוין די פוילישע שררות זיך פעסט

געהאַלטן מיט יידן און פלעגן זיי ניט אַרויסגעבן די רשעים אין די הענט אַריין. און כאָטש די קאָזאַקן פלעגן צוזאָגן די פוילישע שׂררות, אַז זיי וועלן זיי נישט טשעפּען, אַבי מען זאָל אַרויסגעבן די יידן, האָבן די פּאָליאַקן פונדעסטוועגן ניט געגלויבט אין זייערע רייד. און אויב סע וואָלט נישט אַזוי געווען, וואָלט חלילה וחס קיין רעשטל פון יידן נישט געקאָנט אַנטרינען. און דריי טעג נאָך זער שחיטה האָבן די יוונים פון דער שטאָט געלאָזט רופן צווישן די געהרגעטע: ווער ס'איז נאָך געבליבן לעבן, יענער זאָל נישט מורא האָבן, ער מעג אויפשטיין, וואָרעם די גזירה פון שווערד איז שוין אַריבער. און עס זיינען אויפגעשטאַנען אַן ערך דריי הונדערט נפשות, וואָס זיינען אומישנע געפאַלן צווישן די פּגרים, כדי מציל צו זיין דאָס לעבן, און זיי זיינען געווען פאַרשמאַכט און געחלשט פון הונגער און דאָרשט, אַ טייל האָבן געהאַט אַ פולע וואונדן, אָבער זיי האָבן נאָך געעטעמט, און זיי זיינען אַוועק אין שטאָט אַריין צעווייטאָגטע, שוואַכע, נאַקעטע און באָרוועסע, און די יוונים די שטאָט־לייט האָבן זיי נישט געטשעפּעט און אָפּגעלאָזט בשלום.

אָפּגעטאָן אַלדאָס בייז אין דער קהילה קדושה טולטשין, האָבן זיך די ליידאַקעס אומגעקערט צוריק אַהיים מיט אַ פולע זילבער און גאָלד און טייערע שטיינער, וואָס זיי האָבן גערויבעוועט ביי די פוילישע שׂררות און ביי יידן, אויך האָבן זיי פאַרשלעפּט אין געפענגעניש אַ פולע שיינע פרויען און שיינע בתולות, יידישע און פוילישע, און אויך די צען רבנים האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען.

און ס'איז געווען, אַז די דוכּסים און די שׂררות האָבן דערהערט וועגן דעם שלעכטס, וואָס די יוונים האָבן אָפּגעטאָן אין נעמיראָוו און אין טולטשין, זיינען זיי אויפגערודערט געוואָרן, און ווי דער סם פון אַ שלאַנג איז אַריין אין זייער האַרצן דער געלוסט זיך אַיינצושטעלן פאַר זייער פאָלק און נקמה נעמען פאַר דעם בלוט פון זייערע ברידער. האָבן זיי אָפּגערעדט צונויפצוקלייבן אַלע פוילישע שׂררות, און דער חילות־פירער האָט אין נאָמען פון קאַרדינאַל אַרויסגעלאָזט אַ כרוז אין גאַנץ פוילן: איטלעכער שׂררה, וואָס איז פאַרשריבן אין די כתבים פון מלך, באַדאַרף גיין מלחמה האַלטן, אָדער שיקן דעם קנעכט אויף זיין אָרט.

און דער דוכּוס ווישנעוועצקי זכר לברכה איז דענסטמאָל געווען מיט זיין חייל אין דער ליטע. און וויבאַלד ער האָט נאָר דערהערט וועגן דעם יידישן אומגליק פון נעמיראָוו, האָט ער גרויס צער געהאַט דערפון, וואָרעם נעמיראָוו איז געווען אונטער זיין ממשלה. תיכּף האָט ער אָנגעגורט זיינע לענדן און האָט זיך געלאָזט קיין נעמיראָוו נקמה נעמען פאַר יידיש בלוט, און דער דוכּוס האָט געגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט נישט רוען, ביז וואַנען ער וועט זיך ניט באָדן אין בלוט פון זיינע שונאים, די יוונים, וואָס האָבן חרוב געמאַכט אַ סך ערטער אויך אין זיין ממשלה אויף יענער זייט דניעפּער און זיינע מענטשן פון דאָרטן פאַרטריבן. און וויבאַלד ער איז געקומען נאָענט צו נעמיראָוו, האָט ער געשיקט עטלעכע הונדערט מאַן אין שטאָט אַריין, און זיי האָבן געמאַכט צווישן די שטאָט־לייט אַ גרויסע שחיטה. דעמאָלט האָבן זיך אַנדערע יוונים געקליגט און געלאָזט זאָגן דעם דוכּוס, אַז ער זאָל זיי צושיקן עטלעכע הונדערט מאַן און איבערלאָזן אין שטאָט, בכדי זי אָפּצוהיטן פון די קאָזאַקן און די טאָטערן, און טאָמער וועלן קומען די דאָזיקע שונאים, וועלן זיי אים העלפן מלחמה האַלטן אַקעגן זיי און פון היינט און ווייטער וועלן זיי אים ערלעך און וואָרהאַפטיק דינען. די מעשה איז געפעלן דעם דוכּוס ווישנעוועצקי, און ער האָט צו זיי געשיקט אין שטאָט אַריין אַ סך בכבודיקע שרדות און מיט זיי אַן ערך זעקס הונדערט מוטיקע שטרייטער. און די שטאָט־לייט האָבן זיי געגעבן אַ פיינעם קבלת־פּנים און האָבן זיי ערלעך געהאַלטן. און אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי געשיקט צו די קאָזאַקן און זיי געלאָזט זאָגן: איילט און קומט אַהער ביינאַכט, וועלן מיר אייך עפענען די טויערן. און אַזוי האָבן זיי געטאָן און מען האָט אויסגעשאָכטן אַלע שרדות, וואָס זיינען געלעגן אין זייערע בעטן. און אַ סך געלט האָבן זיי געגעבן די קאָזאַקן, זיי זאָלן פאַרבלייבן אויף אָפּצוהיטן די שטאָט, כּדי די פּוילישע שרדות זאָלן זיך ניט דערוועגן קומען אַ צווייטן מאָל, און אַזוי האָבן די קאָזאַקן געטאָן.

און עס איז געווען, אַז דער דוכּוס הנ"ל האָט דערהערט וועגן דער געשעעניש, האָט ער שוין מורא געהאַט צו שיקן אַהינצו פון זיינע לייט און ער איז פון דאָרטן אַוועק נקמה נעמען פון

די קאָזאַקן, וואָס וואוינען אין אַנדערע מקומות. און ער איז געקומען קיין מאַכנאָווקע און האָט דאָרטן אויסגעשאָכטן אַ פולע קאָזאַקן, און אויך אין דער סביבה האָט געמאַכט גרויסע שחיטות.

און חמיל ימ"ש האָט דערהערט, אַז דער דוכּוס ווישנעוועצקי קומט צו נענטער צו זיין מחנה, און אַז ער האָט אויסגעשאָכטן אַ פולע קאָזאַקן, בעת זיין חייל איז קליין אין צאָל, נישט מער, ווי אַן ערך דריי טויזנט מאַן, האָט ער אַרויסגעשיקט אַנטקעגן די פּאָליאַקן אַ פירער פון זיינע חיילות, דעם צורר קריוואָנאָס מיט צען טויזנט העלדישע שטרייטער און האָט זיי געבאָטן, אויב זיי וועלן גובר זיין אין דער מלחמה, כאַפּן דעם דוכּוס הנ"ל לעבּעדיקערהייט.

אָבער מיט דעם איבערשטנס הילף איז ער ניצול געוואָרן פון זייערע הענט. וויבאַלד דער דוכּוס הנ"ל האָט דערהערט, אַז אַ גרויסער חייל פון די קאָזאַקן איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זיי, האָט ער אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט, וואָרעם ער האָט מורא געהאַט, אַז די יוונים פון דער סביבה, וואָס זיינען געווען אין אַלע מקומות פון הינטן און פון פאָרנט, זאָלן נישט מאַכן יד־אחת מיט די קאָזאַקן, און ער איז אַוועק קיין באַרדיטשעוו, וואָרעם דאָרטן איז געזעסן דער האַר פון דער שטאָט דער וואָיעוואָדע טישקעוויטש און מיט אים זיינען געווען אַן ערך טויזנט העלדישע שטרייטער, האָבן זיי זיך ביידע פאַראייניקט, דער דוכּוס און דער וואָיעוואָדע, און בכן איז ביי זיי אינאיינעם געווען פיר טויזנט מאַן. און זיי האָבן פאַרקערעוועט נעענטער צו פוילן און געשריבן צו דעם פירער פון די פוילישע חיילות, צו דעם דוכּוס וולאַדיסלאַוו דאָמיניק, אַז ער זאָל זיי אַרויסשיקן הילף פון פוילישן חייל. אָבער דער דוכּוס דאָמיניק האָט אומישנע פאַרהאַלטן דעם פוילישן חייל, וואָרעם ער איז געווען אַ שונא דעם דוכּוס ווישנעוועצקי מחמת קנאה: דאָס פאָלק האָט ליב געהאַט דעם דוכּוס ווישנעוועצקי, אַלע האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן דער פירער פון פוילישן חייל, וואָרעם ער איז געווען אַ העלדישער שטרייטער אין דער מלחמה און האָט געשמט אין גאָר דעם לאַנד, בכן, געהער צו אים די מלוכה. און דער דוכּוס דאָמיניק האָט געמיינט, אַז ווישנעוועצקי וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון זיינע פיינד. זיינען דער דוכּוס און דער וואָיעוואָדע אַלע ביידע אַוועקגעגאַנגען מיט

זייער חיל אויף אַ מייל הינטער פּאָלאָנע, און די קאָזאַקן מיט די טאַטערן זיינען זיי נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט, און סע האָט זיך צונויפגעקליבן אַ מחנה פון צוואַנציק טויזנט יוונים און צוזאַמען מיט די טאַטערן האָט מען זיך גענומען באַלעגערן די שטאָט פּאָלאָנע.

די גזירה פון דער קהילה קדושה פּאָלאָנע

און ס'איז געווען אום דינסטאָג, דעם ערשטן טאָג פון חודש אב, זיינען געקומען די טאַטערן מיט די יוונים און האָבן באַלעגערט די קהילה קדושה פּאָלאָנע און האָבן געפירט אַ מלחמה קעגן דער שטאָט, וואו סע זיינען געווען די פּוילישע שררות און יידן. און פון מויער האָט מען אַראָפּגעשאָסן אויף די יוונים און ניט דערלאָזט זיי זיך דערנעענטערן צו דער שטאָט: וואָרעם דאָרטן זיינען געווען אַן ערך צוויי טויזנט העלדישע שטרייטער פון די פּאָליאַקן, יידן זיינען געווען צוועלף טויזנט און צווישן זיי זיינען אויך געווען גבורים, און די שטאָט אַליין איז געווען זייער שטאַרק באַפעסטיקט, אַרומגעצאַמט מיט אַ צווייִקן מויער, און אַ וואַסער האָט אים אַרומגערינגלט: בכן האָט מען געדאַרפט אָפּהיטן די שטאָט נאָר פון יענער זייט, וואָס איז געווען נאָענט צו די מקומות פון אַרומיקן קאַנט, וואו סע האָבן געלעבט יוונים. און די פּוילישע האַרן האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע קנעכט די העלדישע שטרייטער אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן אָרט פונם שונא — און די דאָזיקע היטער פון שטאָט האָבן אַרויסגעגעבן די שטאָט, וואָרעם די דאָזיקע קנעכט, וואָס זיינען געשטאַנען ווי שומרים אויפן מויער, זיינען געווען יוונים, וואָס מען רופט זיי אויף פּויליש „הײַדוקעס“, און זיי האָבן אויך ווידערשפּעניקט. און ס'איז געווען אום מיטוואָך, דעם צווייטן טאָג פון חודש אב, האָבן די שונאים פאַרנומען די צוויי מקומות, וואו סע האָבן געלעבט די יוונים, און די אָרטיקע לייט האָבן זיי צוגעזאָגט הילף אין דער מלחמה קעגן דער פאַרפעסטיקטער שטאָט, וואו סע האָבן זיך פאַרקליבן די פּוילישע שררות און די יידן. אַזוי האָט זיך געצויגן די מלחמה דעם גאַנצן מיטוואָך הנ"ל, און דעסטמאָל האָבן די שונאים געזאָגט צו די קנעכט פון די פּוילישע שררות,

וואָס זיינען געשטאַנען אויפן מויער: צי זיינען מיר ניט אַלע ברי=
דער? צוליב וואָס זשע העלפט איר די שררות מלחמה האַלטן קעגן
אונז? ניט שוין זשע וואָלט איך ניט בעסער געווען, ווען איר וואָלט
געדינט ביי אונז, אײַערע אייגענע, איידער ביי פרעמדע? אויסגעהערט
די רייד פון די קאָזאַקן, האָבן די קנעכט פון די פוילישע שררות
תיכף ווידערשפעניקט: זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי האַלטן
כלומרשט מלחמה מיט די קאָזאַקן, אָבער אין דער אמתן האָבן
זיי דערלאָזט די יוונים אויפשטעלן לייטערס אַרום דעם מויער, און
די פעסטונג איז אײַנגענומען געוואָרן אום דאָנערשטאָג אין דער=
מאָנטן חודש. אַ פולע טויזנטער יוונים האָבן זיך באַוויזן תיכף מיט
בלויזע שווערדן אין דער שטאָט, און די שחיטה האָט זיך אָנגע=
הויבן. און ווײַבאַלד די פוילישע שררות האָבן דערזען, אַז די
שטאָט איז פאַרנומען, אַז סע וועט קומען אויף זיי אַ ביטערער
סוף, זיינען זיי אַנטלאָפן אויף זייערע פערד פון אַנדער זייט שטאָט,
אָבער די אָרעמע יידן האָבן די שומרים נישט געלאָזט אַנטלויפן
און סע זיינען געהרגעט געוואָרן אויף קידוש השם אַן ערך צען
טויזנט נפשות דורך אַלע מיתות=משונות, וואָס די וועלט פאַר=
מאָגט נאָר, ווי אויבן איז שוין באַשריבן געוואָרן, און יידן אַליין
האָבן זייער האַלז אויסגעשטרעקט צו דער שחיטה: ווען סע פלעגט
אַריינקומען אַ קאָזאַק אין אַ הויז, וואו סע זיינען געווען עטלעכע
הונדערט נפשות, פלעגט מען זיך נישט שטעלן אַנטקעגן און
אײן יוון פלעגט זיי אַלעמען אויסשעכטן. און צווישן די פּאַלאָנער
יידן איז געווען אַ פאַרשטאַנדלעכער געטלעכער מאַן, דער מקובל מהר"ר
שמשון אָסטראָפּאָלער, און אַ מלאך פלעגט קומען צו אים איטלעכן
טאָג און פלעגט לערנען מיט אים סתרי תורה, און דער דאָזיקער
מקובל האָט אַ פירוש געמאַכט אויפן זוהר לויט דער קבלה פון
אר"י ז"ל, און מיר האָבן ניט זוכה געווען, אַז דער דאָזיקער פירוש
זאָל אָפּגעזוכט ווערן. און פאַר דער גזירה האָט אים זיין מגיד דער
מלאך געזאָגט, אַז יידן זאָלן תשובה טאָן און בעטן, אַז די גזירה זאָל
זיי אויסמיידן. האָט ר' שמשון אַ פולע מאָל געדרשנט אין בית=מדרש
און געוואָרנט דעם עולם, אַז מען זאָל תשובה טאָן, בכדי די צרה זאָל
נישט אָנקומען. און מען האָט טאַקע תשובה געטאָן אין אַלע קהילות,

נאָר סע האָט נישט געהאָלפן: וואָרעם די גזירה איז שוין געווען פאַרשריבן און פאַרחתמעט. און בעת די שונאים זיינען געקומען און האָבן באַלעגערט די שטאָט, איז דער מקובל הנ״ל אַריין אין שול און מיט אים דריי הונדערט באַלעבאַטים, אַלע גרויסע לומדים, אָנגעטאָן אין תכריכים, און מיט די טליתים איבערן קאָפּ און זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט תפילות, ביז וואַנען סע זיינען אָנגעקומען די שונאים און האָבן זיי אַלעמען אויסגעשאָכטן אויפן אָרט, אין דער הייליקער שול, גאָט זאָל פאַר זייער בלוט נקמה נעמען (הי״ד). הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָט מען גענויט צו שמד, און פיל הונדערט נפשות האָבן די טאָטערן פאַרשלעפּט אין געפּענגעניש.

און מיר, פון דער קהילה זאַסלאַוו, האָבן דערהערט, אַז די טאָטערן און די קאָזאַקן באַלעגערן די קהילה פּאָלאָנע, וואָרעם איטלעכן טאָג פלעגן מיר שיקן אַהינצו שלוחים, און אום דינסטאָג הנ״ל האָט דער שליח ניט געקאָנט צוקומען צו דער שטאָט פון וועגן די שונאים, וואָס האָבן זי באַלאַגערט, און דער שליח האָט זיך אומגעקערט אום מיטוואָך און אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז די שונאים באַלעגערן די קהילה פּאָלאָנע. און זאַסלאַווער קהילה איז נאָר זעקס מייל פון פּאָלאָנע, זיינען מיר אַלע אַנטלאָפן אום דאָנערשטאָג הנ״ל, ווער עס האָט נאָר געקאָנט אַנטלויפן, און איבערגעלאָזט די הייזער מיט גאָר דעם האָב און גוטס: סחורות, ספרים און אַנדערע טייערע זאַכן, און האָבן ניט געשאַנעוועט אונזער געלט, בכדי נאָר צו ראַטעווען אונזער לעבן און דאָס לעבן פון אונזערע זין און טעכטער... טייל זיינען געלאָפן קיין אָסטראָה, וואָס איז געווען די הויפּטשטאָט פון דער רייסישער מדינה, אַן אָרט פון חכמים און סופרים, וואו תורה און גדולה איז געווען אינאיינעם. און איך מיט מיין הויזגעזינד, מיט מיין שווער כה״ר אברהם פון זאַסלאַוו מיט זיין הויזגעזינד און זיינע קרובים, זיינען מיר אַלע אַנטלאָפן קיין מעזעריטש, וואָס איז וויט פון אָסטראָה אַ תחום־שבת, און אין ביידע קהילות, אין אָסטראָה און מעזעריטש, זיינען געזעסן אַן ערך צען טויזנט באַלעבאַטים, איטלעכער מיט זיין הויזגעזינד, און אַלע האָבן געוואָלט אָפּוואַרטן דעם שבת חזון, ביז וואַנען מען וועט זיך דערוויסן, ווי סע האַלט מיט פּאָלאָנע. און ס׳איז געווען, בשעת מיר זיינען אָנגעקומען אום ערב

שבת צו מיטאָג־צייט קיין מעזעריטש, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז דער דוכּוס פון זאַסלאַוו, וואָס איז געווען אַ הויפּטמאַן ביי דאָמיניקן, וועט אָט דעם טאָג אָנקומען מיט אַ גרויסן חיל און וועט גיין העלפן דעם דוכּוס ווישנעוועצקי אין פּאָלאָגנע און אים אַרויסראַטעווען פון די הענט פון זיינע צוררים. און אַזוי איז טאַקע געווען. ס׳איז אָנגעקומען דער דוכּוס מיט אַ חיל פון טויזנט מאַן און מיט אים איז אויך געווען דער העלדישער שטרייטער לאַשטש. דאָס איבעריקע חיל האָט באַדאַרפט אָנקומען שפּעטער. גרויס איז געווען אונזער שמחה. מיר זיינען געווען זיכער, אַז נאָך שבת הזון וועלן מיר זיך אומקערן צוריק אַהיים, ווארעם זאַסלאַוו איז געווען נישט ווייטער פון פיר מייל, אויך האָבן מיר געהאָפט, אַז זיי וועלן אונזערע ברידער אין פּאָלאָגנע אויסלייזן פון צרות.

און אַז ס׳איז געקומען נאָענט צו שבת, האָט אונז פאַרכאַפּט אַ שרעק פון וועגן דער שלעכטער בשורה, אַז ווישנעוועצקי, דער האַר פון פּאָלאָגנע, איז אַנטלאָפן פון דאָרטן מיט נאָך אַ פּוילע האַרן און איז געקומען אַהער, קיין מעזעריטש, ווארעם די שטאָט פּאָלאָגנע איז געווען פאַרנומען און מען האָט דאָרטן אויסגעשאָכטן די פּוילישע שררות און די יידן, און דער שונא האָט זיך שוין פאַרשפּרייט ביז זאַסלאַוו. דער דוכּוס ווישנעוועצקי מיט זיין חיל איז אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטין, און די קאָזאַקן מיט די טאַטערן יאָגן אים נאָך און קלייבן זיך קומען קיין אָסטראָה און קיין מעזעריטש. דעמאָלט זיינען די האַרן פון אַרום פאַרציטערט געוואָרן, און אַ גרויסע שרעק איז געפאַלן אויף יידן, מען האָט אָנגעוואָרן דעם מוט און אַלע האָבן אויסגעקוקט אויפן דוכּוס דאָמיניק, וואָס ער וועט טאָן.

און ס׳איז געווען אינמיטן נאַכט, האָט דער הויפּטמאַן דאָמיניק אָפּגעטראָטן פון שטאָט דורך דעם אייגענעם טויער, וואָס ער איז דורך אים געקומען פון פוילן, ווארעם ער האָט מורא געהאַט צו גיין מיטן גלייכן וועג קיין קרעמעניץ דורך זאַסלאַוו: דאָרטן זיינען געווען די טאַטערן מיט די יוונים אין אַ גרויסער צאָל, און ער האָט מיט זיך געהאַט גאָר אַ קליין הייפל חיל. איז ער דעריבער געגאַנגען אַרום און אַרום דורך היילן, אַ וועג פון ניין מייל קיין קרעמעניץ, און האָט דאָרטן אָפּגעוואַרט, ביז ס׳ וועט אָנקומען מער פּוילישער

חײל, זיך גרײטנדיק דערנאָך צו גײן קײן קאָנסטאַנטין. אָבער דער המון האָט געמײנט, אַז דער דוכּוס איז אַנטלאָפן קײן פּױלן און בײ זיך געטראַכט: אױב דער פּלאָם-פײער האָט פאַרכאַפּט די צע-דערבײמער, טאָ װאָס זשע קאָנען דאָ העלפן די קלײנע גרעזעלעך, אױב דער הױפּטמאַן איז אַנטלאָפן, װאָס זשע זאָלן מיר שױן טאָן? האָבן די פּרנסים פון דער הױפּטשטאָט אָסטראָה געלאָזט אױסרופן פון גאָטס נאָמען װעגן, אַז קײן אײן ייִד זאָל נישט פאַרבלײבן אין דער קהילה, און פּונקט אַזױ אין מעזעריטש, װאָרעם דער שונא איז געװען נאָר צװײ מײל װײט פון אונז, און מיר זײנען ניט געװען זיכער, אַז אױך די אָרטיקע לײט, װאָס זײנען דאָך אַלע געװען יװנים, װעלן אַלײן ניט אָנפאַלן אױף אונז. און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו זײער קול און זײנען אַנטלאָפן: װער סע האָט געהאַט פערד און װאָגן, איז געפאָרן אױף פערד און װאָגן, װער סע האָט נאָר אַ פערד געהאַט, האָט ניט געװאַרט און ניט געקױפט קײן װאָגן, הגם קײן געלט האָט אים ניט אױסגעפעלט, און האָט גענומען דאָס װײב מיט די קינדער פאַר דער האַנט און אַנטלאָפן צופוס, און װער סע האָט געהאַט פערד און װאָגן און אַ פולע סחורות, אָדער ספרים מיט אַנדערע חפצים אַ סך, האָט ער פון װאָגן אַראָפּגעװאָרפן די משא און אָפּגעגעבן דעם בעל-אכסניא, כּדי ער זאָל קאָנען גרינגער אַנטלױפן. און אום שבת חזון האָבן זיך געצױגן אױפן װעג פון אָסטראָה קײן דובנע צו דרײ שורות פערד און װעגן אין דער ברײט און אױף זיבן מײל אין דער לענג, אײן פערד און װאָגן פלעגט אָנשפאַרן אין אַנדערן, און צופוס איז געגאַנגען אַ עולם אָן אַ צאָל. און ס'איז געװען צװײ אַ זײגער שבת חזון האָבן אונז נאָכגעיאָגט דרײ רײטערס, און אײנער פון זײ איז געװען אַ ייִד ר' משה גאָלדשמיד פון אָסטראָה, און מיט אים צװײ פּױלישע האַרן און האָבן אונז געזאָגט: װאָס גײט איר אַזױ פאַמעלעך, דער שונא איז דאָך שױן גאָר נאָענט, הינטער אונז, ער איז שױן אין מעזעריטש, מיר זײנען קױם מיטן לעבן אַנטלאָפן פון זײ. נאָך דער דאָזיקער בשורה איז געװאָרן צװישן אונז אַ בהלה, װאָס האָט נישט איר גלײכן: איטלעכער פון אונז האָט אַראָפּגעװאָרפן פון װאָגן אַלצדינג, װאָס ער האָט געהאַט: גאָלדענע און זילבערנע כּלים, קלײדער, ספרים, קישנס, נאָר מען זאָל קענען

גרינגער לויפן. אַלצדינג האָט מען איבערגעלאָזט אויפן פרייען פעלד און עס איז ניט געווען קיין ייד, וואָס זאָל דאָס צונעמען. דאָסמאָל זיינען אויך אונז מקויים געוואָרן די ווערטער פון דער תּוכחה: זייער זילבער און זייער גאָלד וועלן זיי אַרויסוואַרפן אין דרויסן, אינמיטן וועג. טייל האָבן איבערגעלאָזט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, אַפילו פערד און וואָגן, און אויך דאָס ווייב מיטן קינד, און זיינען אַנטלאָפן אין די וועלדער ראַטעווען דאָס לעבן. ווייבער און מאַנען, ווי סע האָט זיך געמאַכט די בהלה, האָבן איבערגעלאָזט די קינדער און זיינען אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און אין די גראָבנס. דאָס מאָל איז אויך אונז מקויים געוואָרן דער פּסוק: און איר וועט לויפן, בשעת קיינער וועט אייך ניט נאָכיאָגן. וואָרעם אַלצדינג איז געווען שקר וכזב: די שונאים האָבן זיך גאָרניט געיאָגט נאָך אונז, ניט די קאָזאַקן, ניט די טאָטערן, מער נישט די מורא איז געווען אַזוי גרויס דעם גאַנצן שבת חזון, אַז איטלעכן פון אונז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די קאָזאַקן יאָגן זיך נאָך אים. און נאָך שבת חזון אום זונטאָג האָט מען זיך דערוואוסט דעם אמת, אַז דער הויפּטמאַן איז נישט אַנטלאָפן קיין פוילן, נייערט ער איז אַוועק מיט זיין חיל קיין קרעמעניץ, אַזוי ווי מיר האָבן פריער שוין דערמאָנט. דענסטמאָל האָבן זיך אַלע באַרויקט און פון היינט און ווייטער איז שוין איטלעכער געלאָפן פאַמעלעך. מיר זיינען געגאַנגען פון איין אָרט צו דעם אַנדערן, דורך שטעטלעך און דערפער, און מיר פלעגן שלאָפן אינמיטן וועג, אָבער אויך דאָרט האָבן מיר קיין רו פאַר זיך נישט געפונען: מען האָט גערויבט און געגזלט, מיט פיס געטראָטן און חוזק געמאַכט פון אונז. און סע זיינען מקויים געוואָרן אויף אונז די פּסוקים: „און צווישן די פעלקער וועסטו ניט אָפּרוען, און דיין פוס וועט זיך ניט קאָנען אַנידערשטעלן און אַזוי ווייטער. און דיין לעבן וועט הענגען אויף אַ האָר, און דו וועסט מורא האָבן טאָג און נאַכט און וועסט אַליין ניט גלויבן אין דיין לעבן“. וואָרעם איטלעכע נאַכט פלעגן מיר איינשטיין ביי אַ יוון אין אכסניא און מיר האָבן געמיינט, אַז דער יוון וועט אונז ביינאַכט הרגענען, מחמת זיי האָבן אַלע ווידערשפּעניקט קעגן פוילן. און ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אויפן דריטן מאָרגן לעבעדיקערהייט, פלעגן מיר אַ ברכה מאַכן: ברוך מחיה מתים.

די גזירה פון די קהילות קדושות אָסטראָה און זאַסלאַוו

און ס׳איז געשען דערנאָך, ווי די שונאים האָבן פאַרנומען פּאָלאָנע און האָבן מיט איר געטאָן, ווי זיי האָבן געוואָלט, זיינען זיי פון דאָרטן אַוועק קיין זאַסלאַוו און האָבן צעראַבירט גאָר דאָס גוטס פון דער קהילה און אויסגעשאָכטן אַן ערך צוויי הונדערט נפשות, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַנטלויפן מחמת שלאַפקייט. און אַ טייל האָבן געהאָפט אויף זייערע גוטע פריינד צווישן די יוונים, אַז זיי וועלן זיי מציל זיין, האָבן זיי זיך דערווייל באַהאַלטן אין די וועלדער, ביז די גזירה וועט אַריבער, און זיי זיינען דאָרטן פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט און שיר ניט געשטאָרבן פון הונגער און פון דאָרשט. נאָר איידער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער דער טויט, האָבן זיי געזאָגט צו זיך, — לאָמיר אַריין אין שטאָט און דאָרטן שטאַרבן, וואָרעם אויסגיין פון הונגער איז ערגער, איידער געהרגעט ווערן מיט דער שווערד. און תיכף, ווי זיי זיינען געקומען אין שטאָט אַריין, האָבן די „פריינד" זייערע, די שטאָטלייט, געכאַפּט זיי און געוואָלט הרגענען, נאָר יידן האָבן זיך ביי זיי איינגעבעטן, אַז מען זאָל זיי שעכטן אויפן הייליקן אָרט, כדי זיי זאָלן קענען קומען צו קבורה, און מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויפן הייליקן אָרט אין אַ שטוב אַריין, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, און דאָרטן האָט מען אַלעמען געהרגעט. דערנאָך האָבן זיי די שטיבל מיט די יידן פאַרברענט, און בכן זיינען יידן באַשטראָפט געוואָרן מיט צוויי מיתות: הרג און שרפה. און ביי די שומרים, וואָס זיינען פאַרבליבן אין זאַסלאַוו, האָט מען לעבעדיקערהייט די הויט פון דעם לייב אַראָפּגעצויגן, און די דוכוסים, וואָס זיינען געלעגן נאָך פון אַלטע צייטן אויף דעם בית־הקברות, האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די קברים, ווי פגרים, און צוגענומען די מרונעס פון גאָלד און זילבער, וואו זיי זיינען געלעגן, און די קלויסטערס האָט מען חרוב געמאַכט און פון אונזער שול געמאַכט אַן אַריינפאָר פאַר פערד.

פונקט אַזוי האָבן זיי געטאָן מיט דער קהילה קדושה אָסטראָה און האָבן דאָרטן אויסגעשאָכטן אַן ערך זעקס הונדערט נפשות פון

יענע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער שטאָט ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

גזירה פון דער קהילה קדושה קסנטין (אַלט-קאָנסטאַנטין)

און פון דאָרטן זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען קיין קאָנסטאַנטין מיט גאָר זייער חייל. איז אַרויס אַנטקעגן זיי דער דוכּוס וישנעוועצקי און האָט זיי געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ און דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין קאָנסטאַנטינאָוו. און בשעת די קאָזאַקן האָבן גענענט צו דער שטאָט, האָט דער דוכּוס מורא געהאַט, טאָמער וועלן די שטאָטלייט, וואָס זיינען אויך געווען יוונים, ווידערשפּעניקן אין אים און צושטיין צו די שונאים, צו די יוונים פון דרויסן. און פון דער שטאָט האָט זיך אָפּגעטאָן גאָר די שיינקייט, סע האָט זי פאַרלאָזט דער דוכּוס ווישנעוועצקי מיט זיין חייל און פון יידן, ווער סע האָט פאַרמאָגט פערד און וואָגן, איז אים נאָכגעגאַנגען, און ווער סע האָט אַזוינס ניט פאַרמאָגט, וואָרעם ער האָט זיין גאַנצן בטחון אַרויפגעלייגט אויפן דוכּוס הנ״ל מיט זיין חייל, איז פאַרבליבן מחמת דעם אין שטאָט. און קוים איז דער דוכּוס אָפּגעגאַנגען פון דער שטאָט אַן ערך פון אַ מייל, זיינען די שונאים אַריין אין שטאָט אויפן דריטן טאָג, דאָס איז געווען אום תשעה באב, און האָבן אויסגעשאָכטן אַן ערך דריי טויזנט נפשות און צעראַבירט גאָר זייער האָב און גוטס. צווישן די געהרגעטע איז אויך געווען דער גאון מוהר״ר אשר, אב-בית-דין און ראש ישיבה פון פּאָלאָנער קהילה, און נאָך אַ פּולע גאונים, וואָס זייער נאָמען איז מיר נישט באַוואוסט.

און ס'איז געווען דערנאָך, ווי זיי האָבן צעראַבירט די שטאָט קאָנסטאַנטינאָוו, האָט צו זיי געשיקט דעם דוכּוס, ווישנעוועצקי און זיי געלאָזט זאָגן: ביז וואַנען וועלן זיי דאָס חרוב מאַכן שטעט און שעכטן אומזיסט מענטשן. אויב זיי פילן זיך שטאַרק אויף מלחמה צו האַלטן און האָבן גענוג חייל, זאָלן זיי אַרויסקומען אויפן פעלד, וואָס לעבן ליפּאָוועץ, ניט ווייט פון טייכל, אַן ערך פינף מייל פון קאָנסטאַנטינאָוו, און דאָרטן וועט ער מיט זיי מלחמה

האַלטן. און סע האָבן זיך אויסגעשטעלט צוויי מחנות פֿון ביידע זייטן טייך, די קאָזאַקן מיט די טאָטערן פֿון איין זייט, און אַנטקעגן, אויף דעם אַנדער זייט טייך, דער דוכּוס וױשנעװעצקי מיט זיין חייל. און סע האָבן זיך פֿאַרקליבן אַהין נאָך אַ פֿולע חיילות פֿון ביידע צדדים און אויך חמיל ימ״ש איז געקומען מיט זיינע קאָזאַקן און אַ פֿולע סתם יוונים, אַן ערך פֿינף הונדערט טויזנט מאַן. און ס׳איז אויך געקומען דער שר פֿונם חייל, דער דוכּוס דאָמיניק מיט גאָר זיינע פֿערד און רייטוואָגנס, אַן ערך דרייסיק טויזנט באַוואָפֿנטער חייל, און נאָך און נאָך זיינען צוגעשטאַנען צו ביידע צדדים; אַן ערך צוויי חדשים זיינען זיי אַזוי אָפּגעשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און די צאָל פֿון די יוונים איז אויסגעוואַקסן ביז זעקס הונדערט טויזנט מאַן און זייערע פֿירערס זיינען געווען חמיל ימח שמו און קריוואָנאָס ימח שמו. פּאָליאַקן זיינען געווען אַכציק טויזנט מאַן, אַלע העלדישע שטרייטער, געלערנט און געניט אין האַלטן מלחמה, און אין זייער שפּיץ איז געווען דער דוכּוס דאָמיניק און דער דוכּוס װישנעװעצקי. און זיי האָבן פֿאַרמאָגט הונדערטאונפֿופֿציק טויזנט קאַרעטעס און וואָגנס אָנגעלאָדן מיט עסנוואַרג און זילבערנע און גילדערנע כּלים פֿון דעם מלכס אוצרות אָן אַ שיעור. און סע זיינען נישט ווערט געווען זעקס הונדערט טויזנט יוונים צען טויזנט פּאָליאַקן, וואָרעם די יוונים זיינען אַלע געווען דאָרפֿיונגען און קליינשטעטלדיקע לייט, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט שטעקנס און לאָפּעטעס און זיינען גאָרניט געווען געניט אין מלחמה האַלטן. זייערן מלחמה האָבן זיי געפֿירט מיט גרויסע און ביטערע געשרייען, זיי פֿלעגן אויפֿהויבן אַ קול, בּכדי איינצושרעקן דעם שונא און האָבן געזוכט אים אָפּנאַרן מיט פֿאַרשיידענע פֿאַלשקייטן. געניט אין מלחמה האַלטן זיינען געווען נאָר אַ טייל פֿון די קאָזאַקן און פֿון די טאָטערן, אַן ערך צוואַנציק טויזנט מאַן. גאָר אַנדערש איז געווען ביי די פּאָליאַקן: זיי זיינען געווען אַלע גרויסע שררות און געניט אין מלחמה־האַלטן.

און ס׳איז געווען אום זונטאָג, דעם ערשטן טאָג פֿון חודש תשרי אין יאָר ת״ט לפ״ק, האָבן זיי פֿאַרפֿירט אַ מלחמה איינער אַקעגן דעם אַנדערן, און די פּאָליאַקן האָבן גובר געווען און די

יונים האָבן געכאַפּט אין דעם דאָזיקן טאָג אַ שטאַרקע מפּלה פונם דוכּוס ווישנעוועצקי. אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך נאָך מער געשטאַרקט און האָט אויסגעהרגעט צענדליקער טויזנטער יונים, און ווען די פּוילישע שׂררות וואָלטן ניט פאַרענדיקט די שלאַכט נאָך אויפן דריטן טאָג, וואָלטן זיי ניט איבערגעלאָזט פון די שׂונאי ישׂראל קיין שׂריד ופליט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די יונים האָבן בּיי זיך געקלערט איבערצוענטפערן זייערע פירערס אין די הענט פון זייערע פּוילישע הערן, מאַכן מיט זיי שלום און זיי דינען פּונקט אַזוי ווי פריער.

און וויבאַלד דער צורר חמיל ימ"ש האָט דאָס דערהערט, איז ער תּיכּף געפאַלן אויף אַ שׂכל און האָט געשיקט אַ בריוו צו דעם שׂר פון דעם פּוילישן חייל, צו דעם דוכּוס דאָמיניק, וואו ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אַ ביסל פאַרגרינגערן און איבעררייסן די מלחמה אויפן דריטן און פערטן טאָג. זיין מיין איז געווען דערבּיי, צו פאַרהאַלטן די פּאָליאַקן בּיז דעם פינפטן טאָג, וואָרעם צוויי הערן פון דעם טאָטערשן חייל האָבן בּאַדאַרפט קומען זיי העלפן, איינער האָט געהייסן בּיי, און דער צווייטער טוהאַי־בּיי, און מיט זיי זיינען געווען אַ הונדערט טויזנט טאָטערן, העלדישע שטרייטער, וואָס זיינען געווען ווייט פון אים אַ מהלך פון איין טאָג.

און דער דוכּוס דאָמיניק האָט ניט אָפּגעזאָגט חמילס בּקשה הענ׳ רעדן אויפן דריטן טאָג. און דער דוכּוס דאָמיניק און דער וואָיעוואָדע טישקעוויטש האָבן געזאָגט צו ווישנעוועצקין: בּיז וואַנען וועלסטו קוילען די יונים, וואָס זיינען דאָך אונזערע קנעכט? ווער וועט פאַר אונז אַקערן די פעלדער און טאָן אַלע אַרבּעט אין שטוב, און בּיי וועמען וועלן מיר האָבן זיין די פּריצים, אויב מיר וועלן קיין קנעכט ניט האָבן, מחמת מיר וועלן זיי אַלעמען אויסקוילען? און די פּאָליאַקן האָבן רחמנות געהאַט אויף די יונים און האָבן איבערגעריסן אויפן דריטן טאָג דעם שלאַכט. אָבער זיי, די יונים, האָבן קיין רחמנות ניט געהאַט, בּשעת די פּאָליאַקן זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

און אויפן דריטן טאָג אינאָוונט זיינען אָנגעקומען די טאָטערן אַן ערך הונדערט טויזנט בּאַוואָפנטע לייט, און ס'איז געוואָרן

אַ שׂמחה אין דער מחנה פֿון די קאָזאַקן און פֿון די טאָטערן, מען האָט טרומייטערט, געפּויקט און געפּייפֿט, אַז די ערד האָט געמאָגט זיך שפּאַלטן פֿון די קולות. און אין דער פּוילישער מחנה האָט מען ניט געוואוסט, פֿון וואָס סע האָט זיך גענומען די שׂמחה ביי די קאָזאַקן, האָבן די פּאָליאַקן געכאַפּט עמעצן פֿון די יונגים און האָבן אים געבראַכט צו די הוכּמים. און דער געפֿאַנגענער האָט דערציילט, אַז סע זיינען געקומען צו זיי הונדערט טויזנט באַוואָפֿנטע לייט פֿון די טאָטערן, און זייער פּנים איז פֿלאַם־פֿייער, קיינער וועט ניט קאָנען ביישטיין אַנטקעגן זיי. די מעשׂה דערציילט מען אויך אַנדערש. דער צורר חמי״ל ימח־שמו האָט געשריבן אַ בריוו צו דעם האַר פֿון דעם פּוילישן חייל, צו דעם הוכּום דאָמיניק, און האָט אים געלאָזט זאָגן: שלום צו דיר, אונזער האַר, דו גרויסער הוכּום, וולאַדיסלאַוו האָמיניק, פֿעלדמאַרשאַל פֿון פּוילישן חייל: זע נאָר, איך און מיין חייל ווינטשן דיר גוטס פֿאַר דער טובֿה, וואָס דו האָסט אונז געטאָן און האָסט פֿון רחמנות וועגן איבערגעריסן די מלחמה אויפֿן דריטן טאָג, אַזוי ווי מיר האָבן פֿריער באַשריבן. בכן בין איך דיר מתּיר און גיב דיר אַ גוטע עצה: אַנטלויף ביינאַכט, דו מיט דיין חייל, וואָרעם צו מיר זיינען צוגעשטאַנען די טאָטערן, אַזוי פֿיל, ווי דער זאַמד אויפֿן ברעג ים, איר וועט ניט קאָנען ביישטיין אַנטקעגן זיי און די פּוילישע מלוכה וועט נאָך, חלילה, אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די טאָטערן. דיר־זשע זאָג איך צו אַ געצאָלט פֿאַר דער טובֿה, וואָס דו האָסט אונז געטאָן: מיר וועלן שאַנעווען יענע אַלע מקומות, וואו דו געוועלטיקסט, און נישט חרובֿ מאַכן, אַזוי ווי ביי די איבעריקע האַרן פֿון פּוילן.

און וויבאַלד די הוכּמים און די האַרן פֿון פּוילישן חייל האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי פֿאַרציטערט געוואָרן ביז גאָר און זיינען אַנטלאָפֿן אינמיטן נאַכט פֿון לאַגער. און ס'איז געווען אויפֿן פֿערטן טאָג אינדערפֿרי, האָבן די איבעריקע פּוילישע קריגסלייט דערזען, אַז די הוכּמים און די האַרן זייערע זיינען אַנטלאָפֿן, האָבן זיי אויך גענומען לויפֿן, ווער סע האָט גאָר געקאָנט: מען האָט איבערגעלאָזט אַלע וואָגנס מיט די אוצרות ביי די שומרים פֿון די כּלים, פֿאַרלאָזט די געצעלטן מיט די פֿערד און מיט די אייזלען.

אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן וועג דאָס גאָלד און זילבער מיט די קליידער, אַבי נאָר צו לויפֿן וואָס גרינגער.

און ווײַבאַלד די טאַטערן מיט די יוונים האָבן געגעזעגנט צו דער פּוילישער מחנה און האָבן קיינעם נישט געפֿונען, האָט זיך זיי ניט געגלייבט, אַז די פּאָליאַקן זיינען אַנטלאָפֿן און זיי האָבן געטראַכט בײַ זיך: בוודאי קליגן זיך די פּאָליאַקן און לאָקערן ערגעץ וואו אין פֿעלד מיט דעם מיין דערנאָך פֿון הינטן אויף אונז אָנצופֿאַלן. האָבן זיי געשיקט אויספֿאָרשן די זאַך און האָבן דערזען, אַז דער גאַנצער וועג איז פֿול מיט בגדים און כּלי־זיין, וואָס זיי האָבן אַוועקגעוואָרפֿן אין אײַלעניש. האָבן די קאָזאַקן און טאָטערן זיי נאָכגעיאָגט און האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ פּוילן, רייסן און ליטע. אין אומעטום, וואו סע פֿלעגט נאָר אָנקומען די ידיעה וועגן די געשעענישן, האָבן די יוונים ווידערשפּעניקט אין זייערע פּריצים און האָבן אויסגעשאָכטן אַלע האַרן און אַלע יידן מיט כּלערליי מיתות משונות. און ס'איז אָנגעשטאַנען פֿאַר יידן אַזאַ בייזע צייט, וואָס איר גלייכן איז נאָך נישט געווען. טייל זיינען אַנטלאָפֿן אין די פֿעסטע שטעט, צו די קהילות קדושות באַר, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, בראָד, לוואָוו, די גרויס־שטאָט בסאַטש, יאַזלוויץ, זאָלקווי[1], נראָל[2]; פּרעמיסלי[3], בעלז, סקאָל[4], אין קלויסטער, זאַמאָשטש; און אַ טייל זיינען געלאָפֿן אין דער וואַלאַכישער מדינה. די רבנים זיינען אַנטלאָפֿן אויף יענער זייט טייך ווייסל.

די גזירה אין דער ליטע

און די לייט פֿון דער ליטע זיינען אַנטלאָפֿן צו די קהילות קדושות פֿון ווילנע און הראָדנע די גרויסע, וואָס דאָרטן אַהין זיינען די שונאים נישט געקומען. אין אַ פֿולע קהילות, וואו סע האָבן זיך געהאַט פֿאַרקליבן טויזנטער יידן, זיינען חרוב געוואָרן

1 זשאָלקיעוו.
2 נאַראָל.
3 פּערעמישל.
4 סאָקאָל.

און די יידן האָט מען אויסגעשאָכטן. אין דער קהילה קרושה הומיה[1] זיינען פיל טויזנט נפשות, ניט איבערצוציילן, געהרגעט געוואָרן אויף קידוש־השם. און פון דאָרטן זיינען זיי אַוועק קיין סטאַראָדוב[2] און האָבן אויסגעשאָכטן אַ פולע יידן, דאָס אייגענע האָבן זיי געטאָן אין טשערניהאָוו און מיט דער קהילה באָצהין[3]. און אין דער קהילה וולאָדאַווה[4], וואו סע האָבן זיך געהאַט פאַרקליבן אַ פולע יידן, זיינען געהרגעט געוואָרן אַן ערך צען טויזנט נפשות מיט כלערליי מיתות משונות, און אין די איבעריקע גרויסע קהילות פון דער ליטע זיינען געהרגעט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן, ה׳ ינקום דמם. און די לייט פון סלוצק, פון פינסק און פון בריסק אין דער ליטע, זיינען אַ טייל אַנטלאָפן קיין פוילן, און אַ טייל קיין דאַנציק, וואָס איז אויפן טייך ווייסל. און פון אָרעמען פאָלק, וואָס איז פאַרבליבן אין די קהילות פון בריסק און פון פינסק, זיינען געהרגעט געוואָרן אויף קידוש־השם פיל הונדערט נפשות. און נאָענט צו פינסק, אויפן פרייען פעלד, האָבן די שונאים נאָכגעיאָגט פיל הונדערטער יידישע וואָגנס, וואָס זיינען געווען אַנטלאָפן, האָבן זיי דערגרייכט און געמאַכט צווישן זיי אַ גרויסע שחיטה. אָבער דערפאַר האָבן די פאָליאַקן נקמה גענומען פון די יוונים אין פינסק. תיכף, ווי דער היכום ראַדזיוויל (רהאָוויל), וואָס איז געווען דער האַר איבערן פוילישן חייל אין רייכן, האָט דערהערט, אַז די לייט פון פינסק האָבן ווידערשפעניקט און אַריינגעלאָזט אין שטאָט די לײדאַקעס, איז ער געגאַנגען אַהין מיט פיל טויזנט פאָליאַקן און האָט באַלעגערט די שטאָט און זי אונטערגעצונדן פון אַלע עקן, די לײדאַקעס האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון שטאָט אין שיפלעך, איבערן טייך, זיינען זיי אַלע דערטרונקען געוואָרן און טייל האָט מען דערהרגעט און פאַרברענט. אָט אַזוי האָט ער פון די יוונים נקמה גענומען פאַר יידיש בלוט.

איך די לייט פון סלוצק האָבן זיך נוקם געווען אין די

1 הומלע.

2 כי מקיוב תצא תורה ודבר ה׳ מסטאראָדוב.

3 .Brachin

4 וולאָדאָווע.

יוונים. זיי האָבן געלאָזט זאָגן די לײַדאַקעס, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער קומען, וואָרעם ס'ע זײַנען פֿאַראַן אין שטאָט אַ פֿולע יידן און פּוילישע שׂרות, וואָס מען וועט זיי אַלעמען איבערענטפֿערן אין זייערע הענט. אין דער אמתן אָבער איז אין כלוצק קיין ייד נישט געווען, וואָרעם אַלע זײַנען אַנטלאָפֿן, מחמת מורא פֿאַר די אָרטיקע לײַט: יידן האָבן געמיינט, אַז די שטאָט־לײַט וועלן קיין מלחמה נישט האַלטן צוליב זיי מיט די יוונים. און כ'איז געווען, בשעת די לײַדאַקעס האָבן געגעענט צו די טויערן פֿון שטאָט, האָבן די לײַט, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפֿן מויער און בײַם טויער, אַראָפּגעשאָסן פֿון האַרמאַטן, און די לײַדאַקעס האָבן געכאַפּט אַ שטאַרקע מפּלה. זיי זײַנען אַנטלאָפֿן און מען האָט זיי נאָכגעיאָגט אין פֿאַרטיליקט אינגאַנצן.

די גזירה פֿון דער קהילה קדושה באַר

און כ'איז געווען, בשעת די פּאָליאַקן זײַנען אַנטלאָפֿן, האָבן די טאָטערן און קאָזאַקן צעראַבירט גאָר די מחנה און צוגענומען דאָס גאָלד און זילבער און די קאַראָטן מיט די טײַערע פֿערד. דערנאָכמאָל האָט חמיל ימ"ש געטראַכט בײַ זיך צו גיין מיט זײַן חיל און מיט די טאָטערן און אײַננעמען די שטאַרקע פֿעסטונגען פֿון דער פּוילישער מדינה. און אַ טייל פֿון זײַנע לײַט האָט ער געשיקט אײַננעמען די פֿעסטע שטאָט באַר, וואָרעם דאָרטן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ פֿולע יידן און פּוילישע שׂרות. און בשעת די קאָזאַקן האָבן געגעענט צו דער שטאָט, האָט מען אויף זיי אַראָפּגעשאָסן פֿון מויער און זיי האָבן ניט געקאָנט צוקומען צו איר נאָענט און זיי האָבן זי באַלעגערט אַ פֿולע טעג. וואָס־זשע האָבן געטאָן די שטאָט־לײַט? זיי האָבן אונטער דער שטאָט איבערגעגראָבן אַ גאַנג און אַרײַנגעפֿירט די לײַדאַקעס בײַנאַכט אין שטאָט אַרײַן און אָנגעהויבן שעכטן. זײַנען יידן און פּאָליאַקן אַנטלאָפֿן און האָבן זיך באַהאַלטן אין פֿעסטונג, און פֿאַרשטאַרקט די פֿעסטונג ביז גאָר. און צווישן זיי זײַנען קיין יוונים נישט געווען. און מען האָט באַלעגערט די פֿעסטונג אַ פֿולע טעג, אָנגעשאָסן הויפֿנס ערד און אָנ־

געשטעלט לייטערס, געשאָסן פון האַרמאַטן, וואָס מען רופט די אין דייטש רעדער־ביקסן, און סוף־כל־סוף האָט מען די פעסטונג איינגענומען, און אויסגעשאָכטן אַלע יידן און אַלע שררות, וואָס זיינען דאָרטן געווען, מיט אַלע מיתות־משונות, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר, און זייער האָב און גוטס האָט מען צעראַבירט. די צאָל פון די געהרגעטע יידן אין באַר האָט דערגרייכט אַן ערך צוויי טויזנט נפשות. און דער צורר חמיל ימח־שמו איז מיט זיין חייל געגאַנגען אויף קאָנסטאַנטינאָוו און פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין זאַסלאַוו און קיין אָסטראָה — אַלע די דאָזיקע קהילות האָבן די יוונים שוין אַפריער חרוב געמאַכט — און פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין דובנע. דאָרטן איז געווען אַ גרויסע פעסטונג, וואָס זי האָט איר גלייכן נישט געהאַט אין גאַנץ פוילן, זי איז געווען אונטער דער ממשלה פון דעם פעלדמאַרשאַל איבערן פוילישן חייל דעם הוכום דאָמיניק, און בשעת די דוכסים און פוילישע שררות זיינען אַנטלאָפן פון דער מלחמה, זיינען דאָרטן פאַרבליבן פיל הונדערט יידן, וואָס האָבן געהאָפט זיך מציל זיין אין דער דאָזיקער פעסטונג.

און תיכף, ווי די לייזאַקעס האָבן גענעענט צו דובנע, איז אַ האַר פון דאָמיניקס חייל צוזאַמען מיט אַכציק מאַן אַריין אין פעסטונג, פאַרשלאָסן און פאַרריגלט די טויערן און נישט אַריינגעלאָזט קיין איין יידן. און אַלע יידן זיינען געהרגעט געוואָרן פאַר דער פעסטונג, טויזנט און הונדערט נפשות. און בשעת דער צורר חמיל ימ״ש איז אַליין געקומען קיין דובנע, איז ער נתפעל געוואָרן פון דער שטאַרקייט פון דער פעסטונג און האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָר נישט מעגלעך איינצונעמען אַזאַ פעסטונג, און אַז די פוילישע שררות זיינען שוטים, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן פון דאָרטן. און אין דער דאָזיקער פעסטונג זיינען געווען אַ פולע אוצרות, יידישע און פוילישע, נאָר דאָך האָט ער נישט געוואָלט באַלעגערן די פעסטונג, פון וועגן איר שטאַרקייט.

און פון דאָרטן איז ער אַוועק מיט זיין חייל קיין בראָד, וואָס איז געווען אונטער דער ממשלה פונם שר האָרונזשי, חמילס שונא, וואָס האָט אים געוואָלט טייטן. און ער האָט חרוב געמאַכט אַלע

שטעט אין זיין ממשלה, בפרט בראָד, וואָס איז געווען זיין הויפּט=
שטאָט: ער האָט זי חרוב געמאַכט און אונטערגעצונדן. יידן און
פּאָליאַקן האָבן זיך באַהאַלטן אין דער פעסטונג, וואָס איז געווען
שטאַרק ביז גאָר, מיט אַ טאָפּלטן מויער, אַרומגערינגלט פון אַלע
זייטן מיט וואַסער. פאַרקליבן האָבן זיך דאָרט אַ פולע טויזנטער־
יידן און שררות. האָבן די ליידאַקעס ניט געקאָנט געוועגן צו ב
מויער, וואָרעם מען האָט אַראָפּגעשאָסן אויף זיי פון ביקסן און
געהרגעט אַ פולע פון זיי. אָט אַזוי האָבן די שונאים ניט געקאָנט
איינעמען די פעסטונג. פונדעסטוועגן האָבן יידן געהאַט גרויסע שרעק
פון אינעווייניק, פון וועגן דער קרענק, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט,
אַזוי ווי אין פסוק שטייט: פון דרויסן וועט די שווערד פאַרטיליקן,
און פון אינעווייניק וועט די שרעק פאַרלענדן. פון דער קרענק זיי=
נען אויסגעשטאָרבן אַן ערך טויזנט יידן, און אַזוי אומעטום אין די
שטאַרקע פעסטונגען, וואָס די שונאים האָבן זיי באַלעגערט, פלעגט
פון אינעווייניק זיך פאַרשפּרייטן אַ קרענק.

די גזירה פון דער קהילה קדושה לוואָוו,
דער גרויסער פעסטונגס=שטאָט

און נאָך די אַלע געשעענישן איז חמיל ימח=שמו מיט גאָר
זיין חייל געגאַנגען באַלעגערן לוואָוו. און לוואָוו איז געווען איינע
פון די פיר גרויסע קהילות אין דער פוילישער מדינה*, אַ שטאָט
פון חכמים און סופרים. און בשעת דער שונא איז געקומען, האָט
ער געמוזט בלייבן שטיין אין פרייען פעלד פאַר דער הויכער פעס=
טונג, וואָס אונטער דער שטאָט לוואָוו, און מען האָט אויף אים
אַראָפּגעשאָסן פון דער פעסטונג און אויסגעהרגעט אַ פולע קריגס=
לייט, אַן ערך צוויי טויזנט יוונים און טאָטערן. נאָר צום סוף
האָבן די פּאָליאַקן געמוזט אַוועקגיין פון פעסטונג, וואָרעם סע האָט
דאָרטן אויסגעפעלט וואַסער. און בשעת די פּאָליאַקן זיינען פון
פעסטונג אַוועק און אין שטאָט אַריין, האָבן די שטאָט=לייט אונ=
טערגעצונדן אַלע הייזער, וואָס אַרום דעם מויער, כדי דער שונא

---

* מיט די פיר גרויסע קהילות מיינט דער מחבר בוודאי: קראָקע,
פּויזן, לוואָוו (לעמבערג) און לובלין.

זאָל זיך דאָרטן ניט קאָנען באַהאַלטן, פונדעסטוועגן האָט דער שונא איינגענומען די פעסטונג און באַלעגערט די שטאָט אַרום־און־אַרום. און אין שטאָט האָט מען מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב, פון וועגן די ביקסן, וואָס מען האָט מיט זיי אַראָפּגעשאָסן פון פעסטונג אין שטאָט אַריין, און הונגער און קרענק האָבן זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט און דערפון זיינען אויסגעשטאָרבן אַן ערך צען טויזנט נפשות.

אַ פולע טעג זיינען פאַרבייגעגאַנגען, און דער שונא האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט איינננעמען די שטאָט. האָט ער זיך מיישב געווען און פאַרשטאָפּט די קוואַלן וואַסער, וואָס אונטערן שטאָט, און די שטאָט־לייט האָבן ניט געהאַט וואָס צו טרינקען. האָט די עדה לוואָוו צו זיך אַזוי געזאָגט: צוליב וואָס זאָלן מיר שטאַרבן פון הונגער און דאָרשט, לאָמיר שיקן צו אונזערע פיינט און ביי זיי לאָזן פרעגן, צי זיי ווילן ניט נעמען אונזער האָב און גוטס ווי אַן אויסלייז פאַר אונזער לעבן?

האָבן די שטאָט־לייט געשיקט שלוחים צו חמילן מיט אַ פּשרה: זאָל ער נעמען גאָלד און זילבער פאַר אַן אויסלייז פון זייער לעבן. די זאַך איז חמילן געפעלן געוואָרן, און ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: וואָס וועלן מיר שוין האָבן דערפון, וואָס מיר וועלן זיי הרגען? לאָמיר בעסער זייער געלט נעמען און זייער לעבן שאַנעווען. האָט ער געשיקט צו זיי דעם הויפּטמאַן גלאָווצקי, איינעם פון די פוילישע שׂרות, וואָס האָבן ווידערשפּעניקט אין דער פוילישער מלוכה און געוואָרן געטריי צו דינען חמילן, און מיט אים האָט ער געשיקט אַ פולע האַרן פון די קאָזאַקן אין שטאָט אַריין, כדי דורכצוקומען וועגן דער פּשרה. און די שטאָט האָט אויך געשיקט אַ פולע חשובע שׂרות, כדי דורכצוקומען מיט חמילן און מיט זיי איז אויך געווען ר׳ שמעון, דער לוואָווער שתדלן, און מען האָט נאָך אַ וויכוח געמאַכט אַ פּשרה, אַז גאָר די שטאָט לוואָוו, סיי יידן, סיי די פוילישע שׂרות, זאָלן אויסצאָלן חמילן צוויי הונדערט טויזנט גילדן, ווי אַן אויסלייז פאַר זייער לעבן. נאָר זיי האָבן אַזויפיל מזומן ניט געהאַט, האָבן זיי אים געגעבן גאָלד און זילבער און פאַרשיידענע סחורות פאַר אַ וואָלוועלן מקח און האָבן אָפּגעוואויגן דאָס גאָלד און

זילבער, אין גרויסע וואָג־שאָלן, אַזוי ווי מען וועגט בליי, בחצי־חינם. און די קאָזאַקן האָבן אויסגעליידיקט לוואָוו, און נישט איבערגעלאָזט אין דער טיפעניש קיין איין פיש. און ווען, חלילה, דער איבערשטער וואָלט ניט רחמנות געהאַט אויף זיין פאָלק ישראל, וואָס זיינען דאָרט געווען אין די צענדליקער טויזנטער מיט אַ פולע לומדים און האָבן אַלע תשובה געטאָן, ביז זייער געשריי האָט דערגרייכט אין הימל אַריין, ווען דער איבערשטער וואָלט די לײַדאַקעס ניט אַריינגעגעבן אַ מחשבה צו מאַכן די פשרה און מען וואָלט לוואָוו באַלעגערט נאָך איין וואָך — וואָלטן אַלע שטאָט־לייט אויסגעשטאָרבן פון הונגער און פון דאָרשט.

און פון דאָרטן זיינען זיי אַוועק און האָבן באַלעגערט די קהילה קדושה זשאָלקיעוו. זיי האָבן געפרוווט נעענטער צוקומען צום מויער פון שטאָט און אַוועקשטעלן לייטערס, האָט מען אויף זיי אויסגעגאָסן קאָכעדיק וואַסער און די לײַדאַקעס זיינען אַנטלאָפן. האָט מען אויף זיי געשאָסן פון ביקסן און אויסגעהרגעט אַ פולע. האָבן די לײַדאַקעס זיך מיישב געווען, צי איז ניט גלייכער צו מאַכן מיט די לייט אַ פשרה, אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן אין לוואָוו. האָבן זיי געשיקט שלוחים צו די שטאָטלייט און זיי געלאָזט זאָגן: איר זייט דאָך ניט בעסער פון דער גרויסער שטאָט לוואָוו, וואָס האָט פונדעסטוועגן ניט געקאָנט באַשטיין אַנטקעגן אונז און איז מרוצה געוואָרן אויף אַ פשרה. בכן אויב איר וועט דורכקומען מיט אונז, איז גוט, אויב ניט, וועלן מיר אַלע קומען און באַלעגערן די שטאָט און אײַך אָנטאָן אַלע מיתות משונות, וואָס מיר האָבן אָנגעטאָן אין אַנדערע ערטער. איז די מעשה געפעלן געוואָרן די שטאָט־לייט, וואָס די לײַדאַקעס ווילן שלום מאַכן מיט זיי, און זיי האָבן זיי אַרויסגעשיקט אַנטקעגן אַ גלח און אַ פריץ און איינעם אַ ייד פון רייכן, פון משערניהאָוו, זיי זאָלן מיט זיי פשרה מאַכן. און זיי זיינען דורכגעקומען, אַז די שטאָטלייט זאָלן זיי אויסצאָלן צוואַנציק טויזנט גילדן, זעקס טויזנט פאַר דעם האַר איבערן טויזנט־חייל, וואָס זיין נאָמען איז גלאָוואַצקי, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. און זיי זיינען פון דאָרטן אַוועק און האָבן איבערגעלאָזט עטלעכע טויזנט קאָזאַקן אויף אָפּצוהיטן די שטאָט פון אַנדערע קאָזאַקן, כדי זיי זאָלן ניט באַלעגערן די שטאָט אַן אַנדער מאָל. און אַזוי האָבן זיי געטאָן מיט

אַלע פעסטונגען פון קליין־פּוילן, רייסן, פּאָדאָליע און ליטע, וואָס זיי האָבן זיי באַלעגערט.

און אין דער פעסטער שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אין די קהילות קדושות יאַזלוויץ, ביטשאַטש (בוטשאַטש), קאַמאַרני, בעלז, סאָקאַל אין קלויסטער, האָבן דאָרטן די פּריצים צוזאַמען מיט די יידן אינם קלויסטער זיך געשטעלט אַנטקעגן, און מען האָט אַראָפּגעשאָסן אויף זיי פון האַרמאַטן און אויסגעהרגעט אַ פולע לייזאַקעס און קיין איינציקער פון די אויסגערעכנטע פעסטונגען האָבן די ליאַדאַקעס ניט געקאָנט איינעמען און זיי זיינען אַוועק פון דאָרטן מיט חרפה און מיט בושה, מען האָט אַפילו מיט קיין געלט ניט געוואָלט דורכקומען מיט זיי און מ׳האָט זיי גאָרנישט ניט געגעבן. אָבער אַ מגפה און אַ הונגער זיינען געהען אין אַלע דאָזיקע שטעט און אַ פולע טויזנטער יידן זיינען אויסגעשטאָרבן.

און די גרויסע גאָטפאָרכטיקע שטאָט פּערעמישל, וואָס איז באַוואוסט מיט אירע חכמים און סופרים, איז אויך געוואָרן באַלעגערט און ס׳האָט קיין סך ניט געפעלט, מען זאָל זי איינעמען. נאָר גאָט האָט אויף דער שטאָט רחמנות געהאַט און ס׳איז געקומען דער האַר קראָנקי און מיט אים זעקס הונדערט מוטיקע שרייטערס און מיט זיין חכמה האָט ער געראַטעוועט די שטאָט. אָבער ביז צום טייך סאַן זיינען אַלע שטעט און דערפער חרוב געוואָרן.

די גזירה אויף דער קהילה קדושה נאַראָל

און פון דאָרטן זיינען זיי אַוועק צו ק״ק נאַראָל און האָבן די שטאָט באַלעגערט. אַהינצו האָבן זיך געהאַט פאַרקליבן צוועלף טויזנטער יידן און טויזנטער פּריצים און קיין איינער פון די יוונים איז דאָרטן ניט געווען. און סע זיינען געווען דאָרטן דריי שטעט, איינע לעבן דער אַנדערער, האָבן יידן געוואָלט אַנטלויפן פון דאָרטן, האָט זיי דער האַר פון דער שטאָט ניט געלאָזט און האָט זיי געזאָגט: לאָמיר זיך שטעלן אַנטקעגן, מלחמה האַלטן מיט זיי, אַזוי ווי מען האָט געטאָן אין אַנדערע פעסטע שטעט. און דערנאָך בעת די שונאים האָבן באַלעגערט די שטאָט, האָבן זיי

געוואָלט אַ פּשרה מאַכן מיט די שטאָטלײט, אָן ייִדן האָבן אויך געוואָלט; האָט אָבער דער האַר פֿון דער שטאָט ניט דערלאָזט, און מען האָט מלחמה געהאַלטן דרײַ טעג נאָכאַנאַנד און אויסגעהרגעט פֿון די קאָזאַקן אַ פֿולע. דערנאָך אָבער האָט דער צורר חמיל ימח שמו צוגעשיקט אַ גרויסן חיל, ווי דער זאַמד בײַם ברעג ים, און אין י״ז חשוון ת״ט לפ״ק האָט מען די שטאָט אײַנגענומען און קודם־כל געהרגעט דעם האַר פֿון דער שטאָט, וואָס האָט געהייסן לאַשטש און מען האָט בײַ אים לעבעדיקערהייט די הויט פֿון לײַב אַראָפּגעצויגן און אָנגעטאָן אים אַלע מיתות, וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט נאָר; דערנאָך האָט מען אויסגעהרגעט ייִדן מער פֿון צוועלף טויזנט נפֿשות מיט כּלערליי מיתות משונות. אַ פֿולע זײַנען אין וואַסער דערטרונקען געוואָרן, עטלעכע הונדערט ייִדן האָבן זיך געהאַט פֿאַרשלאָסן אין דער שול, האָבן זיי צעבראָכן די טירן פֿון דער שול און אַפֿריער אויסגעהרגעט אַלע ייִדן און דערנאָך די שול אונטערגעצונדן מיט אַלע הרוגים. אַזאַ מין שחיטה, ווי אין נאַראָל, איז אין דער גאָרער מדינה פּוילן ניט געווען, אַ פֿולע האָבן די טאָטערן פֿאַרשלעפּט אין געפֿענגעניש. די דרײַ שטעט האָבן זיי פֿאַרבּרענט, געמאַכט פֿון זיי אַ תּל, אַ צוגלײַכעניש צו סדום ועמורה. ס׳האָט מיר דערציילט אַ פּרוי, וואָס איז פֿאַרבליבן אַ לעבעדיקע צווישן די הרוגים, אַז דאָרטן זײַנען פֿאַרבליבן לעבן עטלעכע הונדערט פֿרויען און קינדער און אַ קליין ביסל מאַנסבילן. פֿינף טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי ניט געהאַט קיין שום שפּייז, האָבן זיי געגעסן מענטשן־פֿלייש: פֿון די הרוגים פֿלעגן זיי שניידן אברים און בראָטן זיי אויפֿן פֿייער און עסן. אַ פֿולע טויזנטער הרוגים האָבן אויפֿגעגעסן הינט און חזירים. דערנאָך האָבן די פֿאַרבליבענע פֿון נאַראָל געשיקט לויט קיין פּערעמישל מיט עטלעכע הונדערט גילדן אויף ברענגען לײַוונט צו תּכריכים און האָבן די הרוגים צו קבֿורה געבראַכט. גאָט זאָל זיי באַצאָלן פֿאַר זייער אויפֿטו.

די גזירה אויף דער קהילה קדושה זאַמאָשטש

און זיי זײַנען אַוועק פֿון דאָרטן, דער צורר חמיל ימח שמו מיט גאָר זײַן חיל, די טאָטערן און די יוונים, אַ גרויסער חיל, ווי דער

זאַמד אויפֿן ברעג ים, און זיי האָבן באַלעגערט די ק"ק זאַמאָשטש. אין די שטאָט איז אַ פֿעסטונג, וואָס ס'איז ניט געווען איר גלייכן, מיט אַ טאָפּלטן מויער און אַ גראָבן מיט וואַסער אַרום און אַרום. און ווײַבאַלד דער שונא האָט גענעענט צו דער שטאָט, האָבן די שטאָט־לייט פֿאַרברענט אַלע הײַזער, וואָס זײַנען געווען לעבן מויער, כּדי די שונאים זאָלן זיך דאָרטן ניט קאָנען באַהאַלטן, און זיי האָבן ניט געלאָזט די שונאים גענעענען צו דער שטאָט אויף אַ מהלך פֿון אַ האַלבער מײַל, און אַזוי איז געווען אַ פֿולע טעג. און אין דער דאָזיקער צײַט האָבן זיי זיך פֿאַרשפּרייט אין אַלע קהילות פֿון אַרום און גע־מאַכט אויך זיי גרויסע שחיטות, אין טאָמאַשאָוו, שעברעשין, טורבין, הרובעשויוו, טאָרניגראָד, בעלגאָריע, גאָרי, קראַשניק האָבן זיי אויסגע־קוילעט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן. אויך אין דער מדינה וואָלין, אין די קהילות לודמער, לובאָמלע, לויצק, קרעמענעץ און זייערע בײַ־קהילות האָבן זיי געמאַכט גרויסע שחיטות און געהרגעט טויזנטער יידן, און אין קרעמענעץ האָט אַ צורר גענומען דעם חלף פֿון אַ שוחט און האָט אויסגעקוילעט עטלעכע הונדערט יידישע קינדער און האָט געפֿרעגט בײַ זײַן חבר, צי ס'איז כּשר צי טריף. האָט דער חבר געענטפֿערט: טריף, האָט ער איינס געוואָרפֿן פֿאַר די הינט און זענדיק דאָס האָט ער גענומען אַן אַנדער געקוילעט קינד, פֿאַר־פּירט עס אין שעכטהויז, געעפֿנט דאָס פֿלייש און די אייגענע שאלה געפֿרעגט. האָט אים דער חבר געענטפֿערט: יאָ, דאָס איז כּשר. האָט ער דאָס געבדקעט, ווי מען טוט מיט ציקעלעך און שעפּסעלעך, און געטראָגן דאָס אויף אַ שטאַנג איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט און געשריען אויפֿן קול: ווער וויל האַנדלען ציקעלעך און שעפּעלעך? גאָט זאָל נקמה נעמען פֿאַר זייער פֿאַרגאָסן בלוט.

אין דער ענגשאַפֿט לעבן ביכאָוו האָבן די ליידאַקעס נאָכגעיאָגט עטלעכע וואָגנס מיט יידן און האָבן אַלעמען אויסגעשאָכטן. דאָס אייגענע האָבן זיי געטאָן אויך מיט אַנדערע קהילות, אַז ס'איז גאָר ניט מעגלעך אַלצדינג אויסצושרייבן, זיי האָבן חרוב געמאַכט מער פֿון זיבן הונדערט קהילות, אַלע שטעט און שטעטלעך ביז צום טייך ווייסל. און זיי האָבן באַלעגערט די שטאָט זאַמאָשטש אַ פֿולע טעג און האָבן זי ניט געקאָנט אײַננעמען, וואָרעם דאָרטן איז געווען

אַ האַר אַ דייטש, געהייסן האָט ער וויאַזוי מיט זעקס טויזנט מאַן חייל, אויך דייטשן, און זיי האָבן אַראָפּגעשאָסן פֿון דעם מויער פֿון האַרמאַטן און האָבן אויסגעהרגעט אַ פֿולע שונאים. אָבער אין דער שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ קרענק און ס׳איז געווען אַ גרויסער הונ־גער און אַ פֿולע טויזנטער יידן זיינען אויסגעשטאָרבן.

אַזוי ווי די צייט איז זיי שוין צו לאַנג געוואָרן, זיינען די שונאים געפֿאַלן אויף אַ המצאה: מיט כּישוף באַשאַפֿן אַ פֿייער־שלאַנג און אים אַרויסלאָזן אין דער לופֿטן, און דאָס וועט זיין פֿאַר זיי אַ סימן: וועט דער שלאַנג זיין פּנים קערן צו דער שטאָט, וועלן זיי דערנאָכמאָל די שטאָט איינעמען; וועט אָבער דער שלאַנג אַ קער טאָן זיך מיטן פּנים צו זיי, וועלן זיי מוזן אַנטלויפֿן. און ס׳איז געווען אינמיטן נאַכט, האָבן זיי דערזען דעם שלאַנג אין דער לופֿטן, ווי ער שטייט אַן ערך אַ האַלבע שעה מיטן פּנים צו דער שטאָט און דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די קאָזאַקן און די טאָטערן, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימן, און עס וואַרט אויף זיי אַן אומגליק. האָבן זיי תּיכּף־ומיד געשיקט צו די שטאָטלייט און האָבן זיי גע־לאָזט זאָגן: צי איז ניט בעסער פֿאַר אייך צו מאַכן מיט אונז אַ פּשרה, אַזוי ווי די גרויסע שטאָט לוואָוו האָט געטאָן, איידער אויסצושטאַרבן פֿון הונגער.

און וויבאַלד די שטאָט־לייט האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי געפֿעדערט נעשה צו נשמע און זיינען מיט די שונאים דורכגעקומען פֿאַר אַ סכום פֿון צוואַנציק טויזנט גילדן. דערנאָך האָבן די טאָטערן און די יוונים געגעגנט צו דעם טויער און האָבן מיטגעבראַכט אַ פֿולע געפֿאַנגענע אויף אויסצולייזן. האָבן די יידן פֿון דער שטאָט עטלעכע הונדערט שבויים אויסגעלייזט. גאָט זאָל זיי אָפּגעבן זייער געצאָלט.

און פֿון דאָרטן איז אַוועק דער צורר חמיל ימח שמו מיט זיין מחנה, מיט זיינע יוונים און טאָטערן, און האָט פֿאַרקערעוועט קיין לובלין, איינער פֿון די פֿיר גרויסע קהילות אין פּוילן, וואָס איר גלייכן איז ניט געווען אין דער גאָרער מדינה אין תּורה, גדולה און גמילות חסדים. און די שטאָטלייט זיינען פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן הינטערן ווייסל און האָבן איבערגעלאָזט אין דער שטאָט עטלעכע הונדערט

באַלעבאַטים פון אָרעמען פאָלק. מיט אַ פולע געלט אויף צו העלפן די אָרטיקע אָרעמעלייט, און בפרט די אַנטלאָפענע פון אַנדערע שטעט.

אַט אין דער צייט זיינען זיך די פוילישע האַרן און דוכסים צונויפגעקומען אין קראָקע, דער הויפטשטאָט פון דער פוילישער מדינה, אויף אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ מלך, כדי די מדינה זאָל ניט פאַרבלייבן כצאן בלי רועה. און די האַרן און דוכסים האָבן זיך געאַמפּערט און נישט געקענט מושווה ווערן, וועמען צו מאַכן פאַר אַ מלך. זיי האָבן געוואָלט דעם קאַרדינאַל פון גנעזין, קאַזימיר ירום הודו, און טייל האָבן געוואָלט זיין ברודער קאַראָלוס. אַנדערע ווידער האָבן געוואָלט מאַכן קיניגן דעם האַר פון זיבנבירגן אין דער אונגאַרישער מדינה, וואָס האָט געהייסן ראַקאָצי.

און אַז דער צורר חמיל ימח שמו האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט זיינע שלוחים קיין קראָקע און האָט געלאָזט זאָגן צו די פוילישע האַרן און דוכסים, אויב זיי וועלן אויסקלייבן פאַר אַ מלך דעם קאַרדינאַל פון גנעזין, קאַזימיר ירום הודו, וועט ער מער נישט מלחמה האַלטן אַנטקעגן זיי און זיך אומקערן אַהיים. איז די זאַך געפעלן די פוילישע האַרן און זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר אַ מלך קאַזימיר ירום הודו, דעם צווייטן זון פון מלך זיגמונד הנ״ל.

און ס'איז געווען אין יאָר ה' אַלפים ת״ט אין חודש חשוון איז געקרוינט געוואָרן אונזער האַר און מלך קאַזימיר ירום הודו, זאָל זיין מלוכה זיך שטאַרקן און אַלע זיינע שונאים זאָלן זיך אים אונטערגעבן, זאָל ער האָבן קינדער און מאריך ימים זיין, וואָרעם ער איז אַן ערלעכער און גאָטספאָרכטיקער מלך, און אַן אוהב ישראל. פאַר אַ ווייב האָט ער זיך גענומען דאָס ווייב פון זיין געשטאָרבענעם ברודער, מלך וולאַדיסלאַוו.

און ס'איז געווען, וויבאַלד נאָר דער מלך האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין טרוין, האָט ער געשיקט בריוו צו דעם צורר חמיל ימח שמו און האָט אים געהייסן אומקערן זיך אַהיים מיט זיין גאַנצער מחנה, און וועגן זיינע טענות צו דער מלוכה פוילן וועט ער מיט אים מאַכן אַ פשרה, אַז סע זאָל אויסקומען גלייך פאַר ביידע צדדים.

און ס'איז געווען בעת דער צורר המיל ימח שמו איז מיט גאָר זיין מחנה געשטאַנען ניט ווייטער פון פיר מייל אַרום לובלין,

דער גרויסער פעסטונג=שטאָט, איז צו אים אָנגעקומען דער כתב פון דעם מלך קאַזימיר מיט דער עצה אומצוקערן זיך אַהיים. חמיל האָט דעם כתב פון דעם מלך קאַזימיר מקבל געווען אין ברייזן, האָט זיך אומגעקערט צו זיין לאַנד צוריק, און פאַרן גאַנצן ווינטער איז געוואָרן שטיל, אויס מלחמה. געוויס איז דער ק"ק לובלין בייגעשטאַנען איר זכות, וואָס זי האָט גוט און רעכט געטאָן מיט די אַנטלאָפענע ברידער, מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע, און דאָס האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון דעם שונאס שווערד. אָבער כל=זמן דער שונא איז געווען אַרום לובלין, איז די שטאָט געווען פאַרשלאָסן, קיינער איז ניט אַרויס און ניט אַריין, און ס'איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט אַ קרענק, וואָס פון איר זיינען אויסגעשטאָרבן מער פון צען טויזנט יידישע נפשות.

און צווישן די יידן, וואָס זיינען געווען אַנטלאָפן אויף יענער זייט ווייסל, איז אַרומגעגאַנגען, אַ קרענק אין אַלע ערטער, וואו זיי האָבן געוואוינט, און זיי פלעגן וואַרפן זייערע מתים אינמיטן נאַכט אויפן בית=עלמין, כדי די גויים זאָלן ניט דערשפירן און זאָלן זיך ניט פרייען, בעת זיי וועלן דערזען אַ קבר. און די מתים זיינען געווען משונהדיקע, פון אַ קרענק, וואָס מען רופט זי חר"ם, וואָס שטאַמט פון מאַטערנישן אין וועג און פון דער בהלה. און אַ פולע אָרעמעלייט, וואָס די גויים האָבן ניט אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב, זיינען געשלאָפן אין די גאַסן און געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. איינער דעם אַנדערן האָט ניט געהאָלפן, אַ פאָטער האָט קיין רחמנות ניט געהאַט אויפן זון, און פון דער קרענק זיינען אויסגעשטאָרבן מער ווי הונדערט טויזנט נפשות. זאָל אונז גאָט באַהיטן און באַשיצן.

און יידן זיינען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. דאָס רעשטל גילדענע חפצים און קליידער, וואָס האָבן זיך ביי זיי אָפּגעשטעלט, האָבן זיי פאַרקויפט פאַרן האַלבן מקח און זיידנס און אַנדערע בגדים פאַר אַ דריטל מקח. און כפרים האָבן גאָר קיין ווערט ניט געהאַט. אויף דעם איז קיין קונה ניט געווען. די תורה איז געווען פאַרדרוקט אין אַ ווינקעלע: נאָר זילבער און גאָלד און קליידער האָבן די אומות=העולם געקויפט.

און ווייבאַלד יידן האָבן דערהערט, אַז די שונאים האָבן זיך

אומגעקערט צוריק אַהיים און אַז די פּוילישע האַרן טוען זיי נאָך און קערן זיך אום צוריק אין זייערע הייזער, האָבן די יידן דאָס אייגענע געטאָן און די זיינען צוריקגעקומען אין אַלע יענע ערטער, וואו ס׳זיינען געווען אויך פּוילישע האַרן, אַזש ביז צו דער ק״ק זאַסלאַוו. נאָר פון דאָרטן און ווייטער איז אין יענע צייטן ניט געווען ניט קיין פּוילישער האַר און ניט קיין ייד, ווייל ס׳פלעגן אַרומגיין דאָרט אַ פולע ליידאַקעס און די האַרן האָבן מורא געהאַט זיך פאַרקלייבן אַהינצו. און אויך אין די קהילות: אָסטראָה, זאַסלאַוו און קאָרעץ זיינען געשטאַנען פון די דוכסים דאָמיניק און קאָרעצקי אַן ערך צוויי טויזנט מאַן חייל. יידן האָבן זיך פאַרלאָזט פריער אויפן אייבערשטן און דערנאָך אויפן חייל און זיינען דאָרטן געקומען, כדי מפרנס זיין זיך און דעם אייגענעם הויזגעזינד. אויך האָבן זיי געקלערט צו באַקומען פון די שטאָט־לייט דאָס, וואָס מען מען איז זיי געבליבן שולדיק.

די צווייטע גזירה אויף אָסטראָה

די לייט פון דער שטאָט אָסטראָה האָבן אַפריער געטאָן מיט באַלשקייט און זיינען געווען גוט מיט יידן. זיי האָבן געשריבן בריוו אַרום־און־אַרום צו אַלע אַנטלאָפענע יידן פון אָסטראָה, אַז זיי מעגן זיך אומקערן צוריק אַהיים און באַדאַרפן ניט מורא האָבן פון די קאָזאַקן, וואָרעם דער מלך האָט מיט זיי שלום געמאַכט. און די אָרעמע יידן האָבן זיך שטאַרק געפרייט, וואָרעם זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַלצדינג אמת, און סע זיינען געקומען קיין אָסטראָה אַן ערך דריי הונדערט נפשות. און וויבאַלד זיי זיינען דאָרטן אָפּגעווען דריי וואָכן, פון ראש־חודש אדר ביז דינסטאָג ח״י אדר ת״ט לפ״ק, האָבן די לייט פון אָסטראָה געשיקט צו די קאָזאַקן און זיי געלאָזט זאָגן, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער קומען, וואָרעם אין שטאָט זיינען פאַראַן אַלע יידן און פּוילישע פּריצים, און זיי, די שטאָט־לייט, וועלן זיי העלפן.

און ס׳איז געווען אינמיטן נאַכט י״ט אדר הנ״ל זיינען עטלעכע טויזנט קאָזאַקן געקומען קיין אָסטראָה און האָבן אויסגע-

דערגעט אַלע יידן און אַלע פּוילישע פּריצים אויף זייערע בעטן, ס'האָבן זיך געראַטעוועט נאָר דריי יידן און אַ פּריצישער פּירער מיט אַכציק מאַן חיל. און די קאָזאַקן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. זיינען די פּוילישע האַרן געלאָפן, ביז וואַנען עס זיינען אַרויס פון דער שטאָט עטלעכע טויזנט קאָזאַקן, דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו די קאָזאַקן און אויסגעהרגעט פון זיי אַ פולע: נאָר ווייניק פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען צוריק אין שטאָט אַריין.

און וויבאַלד עס האָבן דאָס דערהערט די פּוילישע האַרן און יידן פון זאַסלאַוו און פון אַנדערע קהילות אַרום אָסטראָה, זיינען זיי אַלע אַנטלאָפן, טייל אין דער גרויסער קהילה דובנע, טייל קיין אָליק און טייל קיין קרעמענעץ.

און וויבאַלד דער מלך קאַזימיר ירום הודו האָט דערהערט, אַז די יוונים ווידערשפּעניקן נאָך אַלץ, האָט ער געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דעם חיל דעם פּריץ פּירלי און געשיקט מיט אים אַן ערך דרייסיק טויזנט מאַן אויף צו האַלטן מלחמה מיט די יוונים. איז געגאַנגען דער פעלדמאַרשאַל פּירלי מיט גאָר זיין מחנה קיין אָסטראָה און האָט נקמה גענומען פון די שטאָט־לייט און אויף זיי אַרויפגעלייגט גרויסע שטראָפן. און פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין זאַסלאַוו און האָט אויסגעשטעלט זיין מחנה אויף אַ נייעם פּלאַץ, לעבן זאַסלאַוו, נאָענט צו דער פעסטונג, אַנטקעגן די יוונים און האָט שטאַרק נקמה גענומען פון די זאַסלאַווער שטאָט־לייט און צו אים האָבן זיך באַהעפט עטלעכע הונדערט יידן פון אָרעמען פאָלק, מוטיקע שטרייטער, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען נקמה נעמען פון זייערע שונאים. און דער האַר פּירלי האָט געשיקט פּאָליאַקן און עטלעכע הונדערט יידן אין די שטעטלעך פון אַרום־און־אַרום, וואו עס זיינען נאָר געווען יוונים־ווידערשפּעניקערס און זיי האָבן פאַרפירט מיט זיי אַ מלחמה און אויסגעהרגעט אַ פילע יוונים און איינגענומען אַלע שטעט; וואוהין זיי האָבן זיך נאָר געקערט, האָבן זיי געהאַט הצלחה. און אויך דער וואָיעוואָדע פון קאַמענעץ, וואָס זיין נאָמען איז געווען לאַנצקאָראָנסקי, אַ העלדישער שטרייטער, האָט ער ביי זיך געהאַט עטלעכע טויזנט מאַן חיל, און ק"ק אזהאָ־

ווייט, ניין מייל פֿון זאַסלאַוו, האָט ער פֿון דער אַנדערער זייט געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ די יוונים. אָט אַזוי האָבן זיי געהאַט גרויס הצלחה די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געשטאַנען מיט דער מחנה אין זאַסלאַוו. צוועלף וואָכן זיינען זיי דאָרטן אָפּגעשטאַנען און האָבן שטאַרק נקמה גענומען פֿון די יוונים: אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן, פּונקט אַזוי האָט מען זיי אָפּגעצאָלט. איז אַוועקגעגאַנגען דער האַר פּירלי מיט גאָר זיין מחנה פֿון זאַסלאַוו, נענטער צו דעם וואָיעוואָדעם לאַנצקראָנסקי מיט זיין מחנה, און ער איז צוגעקומען ביז צו דער שטאָט דאָהינסקי קאַמין. און דאָרטן האָט זיך מיט אים דער וואָיעוואָדע לאַנצקראָנסקי פֿאַראייניקט, און זיי האָבן דאָרטן אויפֿגעשטעלט אַ גרויסע מחנה. און ס'איז געווען, וויבאַלד דער צורר חמיל ימח־שמ׳ האָט דערהערט, אַז די פּאָליאַקן זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט אים מלחמה האַלטן און האָבן שוין חרוב געמאַכט עטלעכע שטעט און אויסגעקוילעט אַ פֿולע יוונים, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל פֿון אַ שווייגנדיקן, אַן ערך דריי חדשים, און אין דער דאָזיקער צייט האָט ער צונויפֿגעקליבן גאָר זיין חיל און האָט געלאָזט זאָגן דעם מלך פֿון די טאָטערן, אַז ער זאָל קומען מיט זיין חיל אים העלפֿן.

און וויבאַלד דער האַר פּירלי האָט דערהערט, אַז די יוונים און די טאָטערן קלייבן זיך צונויף אַ דריטן מאָל, האָט ער געשיקט בריוו און מודיע געווען דעם מלך קאַזימיר ירום־הודו, אַז ער זאָל גוזר־זיין אויף דער גאָרער מדינה פּוילן, אַז אַלע האַרן זאָלן קומען העלפֿן זייערע ברידער אין דער מלחמה. און אַזוי האָט דער מלך געטאָן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל איבער אַלע מדינות פֿון זיין מלוכה, אַז ווער ס'איז נאָר אַ האַר און איז פֿאַרשריבן אין דעם מלכס רשימה, באַדאַרף צו גיין אין דער מלחמה, אָדער מעג שיקן זיינע קנעכט אויף זיין אָרט. און אויב עמעצער וועט ניט פֿאָלגן און וועט ניט גיין אין דער מלחמה, ווערט ער אָן זיין שררהשאַפֿט.

און די האַרן האָבן זיך געזאַמט צו זעצן זיך אויף זייער רייטוואָגן, ווי זייער שטייגער איז, בעת די טאָטערן און די יוונים וואָס זיינען געווען אַזויפֿיל, ווי דער זאַמד אויף דעם באָרט פֿון ים, האָבן זיך זייער געאיילט. און ווי נאָר די יוונים האָבן גענעענט

צו דער פוילישער מחנה, זיינען די פאליאקן אוועק ווייטער אויף נאך זעקס מייל, ביז זיי זיינען געקומען צו דער שטאט בורמישט און זבראש (זבאראזש). און אהין איז געקומען פון לוואוו דער דוכּוס ווישנעוועצקי און דער האר כּארונזשי, זיין שוואגער, און מיט זיי עטלעכע טויזנט מאן חייל, און די פאליאקן האבן אויפגעשטעלט זייער מחנה אין דער שטאט זבאראזש און האבן זי שטארק פארפעסטיקט, אויפגעשאטן הויכע ערד־וואלן און אויפגעריכט בורעמס, ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט וואסער. און ס'איז געווען ראש־חודש אב ת"ט לפק, איז געקומען דער צאר־כאן מיט זיינע טאטערן אזויפיל, ווי זאמד אויפן ברעג ים, און דער צורר חמיל ימח שמו מיט זיינע יוונים און זיי האבן באלעגערט די פוילישע מחנה ארום־און־ארום פונדערווייטנס, ווארעם נאענט צוגיין האבן זיי ניט געקאנט: מען האט אויף זיי אראפגעשאסן פון דעם מויער פון גרויסע האר־מאטן און אויסגעהרגעט פון זיי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. און אט אזוי האבן זיי באלעגערט די פוילישע מחנה זיבן וואכן, ביז עס זיינען אויסגעשטארבן פון הונגער א פולע הארן, און אויך דער האר פירלי איז געשטארבן אין לאגער. האט דער דוכּוס ווישנעוועצקי געשטארקט דאס הארץ פון דעם פאלק און האט געפעלשט בריוו, כּלומרשט פון דעם מלך, אז ער וועט קומען זיי העלפן מיט א גרויסן פוילישן חייל: נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, ווארעם ס'איז קיינער ניט אריין און ניט ארויס פון שטאט, און ער האט דאס געטאן אומישנע, כּדי צו געבן מוט דעם פאלק, אויב ניט וואלטן זיי זיך איבערגעענטפערט דעם שונא אין די הענט אריין, מחמת דעם גרויסן הונגער, וואס האט געוועלטיקט אין דער פוילישער מחנה: מען האט פון הונגער געגעסן פערדיש און הינטיש פלייש. צייטנווייז פלעגט דער דוכּוס ווישנעוועצקי אויסגראבן א גאנג אונטער דער ערד און אנפאלן מיט זיין חייל און מיט זיין שוואגערס כּארונזשיס חייל אויף די טאטערן און די יוונים, און אויסהרגען פון זיי א פולע טאטערן, און ער פלעגט גיין אין שפיץ פון זיין חייל, כּדי עס זאל זיך ניט פארקלייבן א שוואכקייט צו זיי אין הארצן.

און וויבאלד דער מלך קאזימיר ירום־הודו האט דערהערט, אז

די פּוילישע מחנה איז אַריין אין ענגשאַפט און ווערט באַלעגערט פון טאַטערן און יוונים, האָט ער געלאָזט שפּאַנען זיין רייטוואָגן און דער מלך בכבודו ובעצמו איז אַוועק אין דער מלחמה און מיט אים אַן ערך צוואַנציק טויזנט מאַן אויף צו העלפן זיין באַלעגערט פאָלק. נאָך אים האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן און גרייטן צו דער מלחמה די פּוילישע שררות. אָבער ער האָט אויף זיי ניט געוואַרט. און וויבאַלד ער האָט גענענט צו דער באַלעגערטער מחנה, האָבן אים אַרומגערינגלט עטלעכע הונדערט טויזנט טאַטערן און יוונים, די גאַנצע מחנה פון דעם מלך איז פאַרציטערט געוואָרן און האָט מורא געהאַט דעם שווערד פון שייד אַרויסצונעמען. האָט דער מלך זיך געקערט אַהין און אַהער און ער האָט דערזען, אַז קיינער פון זיינע לייט וויל ניט מלחמה האַלטן, האָט זיין כעס זיך צעברענט אויף זיין פאָלק און ס׳האָט אַ פּולע ניט געפעלט, וואָלטן די טאַטערן געכאַפּט דעם מלך לעבעדיקערהייט. האָט דער מלך זיין פּנים געווענדט צו דער שטאָט זבאַראַזש, כּדי אַהינצו גיין מיט גאָר זיין מחנה, וואָרעם די שטאָט איז געווען קליין און גאָר נאָענט, מען האָט געקאָנט אַהינצו לויפן. האָט דער מלך געזאָגט צו זיין פאָלק: לאָמיר זיך ראַטעווען, לויפן אַהינצו, זי איז קליין און מיר וועלן בלייבן לעבן. און דער מלך איז אַנטרונען מיט גאָר זיין מחנה און האָט מלחמה געהאַלטן מיט די טאַטערן און מיט די יוונים זיצנדיק אין דער שטאָט זבאַראַזש אַן ערך צוויי טעג. און אין דער דאָזיקער צייט האָט דער מלך געשיקט זיין שני־למלך, דעם האַר אָסאָלינסקי צו דעם מלך פון די טאַטערן און האָט אים פאָרגעלייגט דורכצוקומען און מאַכן מיט אים שלום: דעמאָלט וועט דער צורר חמיל ימח שמו ניט ווילנדיק ענטפערן אָמן. און די טאַטערן האָבן תיכף אָפּגעשטעלט די מלחמה קעגן מלך. און דער צאַר־כאַן איז אַוועק מיט עטלעכע הונדערט טאַטערן קיין זבאַראַזש, כּדי אַליין צו ריידן מיטן מלך און זיך מתווכח זיין מיט אים וועגן דער פּשרה. זיינען זיי דורכגעקומען, אַז דער מלך ירום־הודו זאָל געבן צוויי הונדערט טויזנט גילדן דעם כאַן, אָפּצאָלנדיק דערמיט אַ חוב, וואָס ער איז אים שולדיק פון לאַנג, ווייל דער פּוילישער מלך האָט באַדאַרפט אים צושיקן איטלעכס יאָר אַ באַשטימטן אָפּצאָל און

האָט דאָס ניט געטאָן. אַ תנאַי איז געווען, אַז ביי דעם כאַן זאָל מען אויסלייזן די צוויי האַרן פון פוילישן חייל פאַר הונדערט טויזנט גילדן. און דער מלך האָט אים געלאָזט אין משכון גרויסע פוילישע פריצים, ביז וואַנען ער וועט ניט אָפשיקן דאָס געלט.

און וויבאַלד דער צורר חמיל ימח־שמו האָט דערהערט, אַז די טאָטערן זיינען דורכגעקומען מיטן מלך, האָט ער מורא געקראָגן און איז אַליין אויך אַוועק קיין זבאָראָוו צו דעם מלך, איז געפאַלן פאַר זיינע פיס און האָט געוויינט און תחנונים געבעטן ביי אים, זאָגנדיק, אַז אין דעם, וואָס ער, חמיל, האָט אָפגעטאָן, זיינען די פוילישע האַרן אַליין שולדיק. און ער האָט גערעדט מיטן מלך וועגן פאַרשיידענע ענינים, וואָס זיינען ניט באַוואוסט געוואָרן צו קיין שום מענטש. נאָר דער מלך איז געווען צו־גרויס ביי זיך, אַז ער זאָל אַליין ריידן מיט חמילן, האָט ער גערעדט מיט אים דורך אַ טאָלמאַטש. און זיי זיינען דורכגעקומען, אַז חמיל זאָל אַוועק מיט זיין גאַנצער מחנה צו זיך אַהיים און דער מלך וועט צו אים שיקן זיינע פינף גרויסע האַרן, בלשון פוילן קאָמיסאַרן, אויף אָפריידן מיט אים וועגן דער פשרה צווישן די פאָליאַקן און די יוונים. די בקשה פון חמיל ימח שמו איז געווען, אַז דרייסיק טויזנט קאָזאַקן זאָלן באַפרייט ווערן פון אָפצאָלונגען פאַרן מלך און פאַר די פוילישע פריצים, אַזוי ווי ס'איז געווען אין אַמאָליקע צייטן. און די דאָזיקע דרייסיק טויזנט זאָל ער האָבן רשות אויסצוקלייבן פון וואָסער אָרט ער וויל, סיי פון די ערטער, וואָס זיינען אונטער דער ממשלה פון דעם מלך, סיי אונטער דער ממשלה פון די פריצים. און די שטאָט טשיהירין מיט דעם אַרומיקן קאַנט זאָל מען אים און זיינע קינדער אָפגעבן אויף אייביק. אויך זאָל ער, אָדער עמעצער פון די קאָזאַקן ווערן איינער פון די זיבן וואָיעוואָדעס און זאָל האָבן רעכט צו זיצן אין סיים, זיך אַן עצה האַלטן מיטן מלך. אויך זאָל דער מלך גוזר זיין אויף יידן, זיי זאָלן ניט וואוינען דאָרטן, וווּ עס וועלן זיך געפינען די דאָזיקע דרייסיק טויזנט קאָזאַקן, און אויך אַ סך אַנדערע תנאים, וואָס ס'איז גאָרנישט מעגלעך געווען אָנצונעמען. און דאָס מאָל האָט דער מלך אָפגעלייגט צו ריידן מיט אים, האָט אים געהייסן אומקערן זיך צוריק אַהיים, און ער וועט

שיקן צו אים פינף קאָמיסאַרן, וואָס וועלן מאַכן מיט אים די פשרה.

און נאָך אַלע די געשעענישן זיינען די טאָטערן און די יוונים אַוועק צו זיך אַהיים און אויפן וועג האָבן די טאָטערן שטאַרק נקמה גענומען פון די יוונים אין די שטעטלעך און דערפער, וואָס האָבן ווידערשפעניקט קעגן מלך. און אַ טייל זאָגן, אַז דער מלך האָט זיי געגעבן רשות הרוב צו מאַכן יענע ערטער, וואו סע זיינען געווען ווידערשפעניקער. און זיי האָבן פאַרברענט אָסטראָה מיט דעם אַרומיקן קאַנט, זאַסלאַוו און איר סביבה, קרעמענעץ מיט איר סביבה, בזליה (בעלז?) מיט איר סביבה, סטינאָוו מיט דער סביבה, אַזש ביז קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, אויף צוואַנציק מייל אין דער לענג און אין דער ברייט האָבן זיי אַלצדינג חרוב געמאַכט און פאַרברענט אַלע מקומות.

אַ טייל פון די יוונים האָבן זיי געהרגעט מיט דער שווערד, און צענדליקער טויזנטער יוונים האָבן זיי גענומען אין געפענגעניש, און סע זיינען פאַרבליבן נאָר יענע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און אין די זומפן, אָט אַזוי האָט דער אייבערשטער זיך נוקם געווען אין זיי פון יידנס וועגן, און זיי האָבן אַליין געמוזט איינגעפינען, אַז דער פסק-דין קומט זיי על-פי יושר. און די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט און אין לאַנד איז שטיל געוואָרן אויפן גאַנצן יאָר ת"י לפ"ק און אויפן יאָר תי"א לפ"ק ביז פסח-צייט.

און ס'איז געווען נאָך סוכות ת"י לפ"ק האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים די פּוילישע הערן און אויך אַ רעשטל יידן — יתומים פון יתומים. און זיי זיינען געווען אָרעם ביז גאָר, אַלצדינג האָט אויסגעפעלט. און אויך דאָרטן האָבן זיי פאַר זיך קיין רו נישט געפונען: ס'איז געווען אַ גרויסער יקרות, מען האָט ניט געהאַט, מיט וואָס זיך צו שפּייזן און מפרנס זיין. וואָרעם די יוונים פון די אָרעמע קלאַסן זיינען אויסגעשטאָרבן אין טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פון הונגער, און ס'איז נישט אַזוי געווען אַ הונגער אין ברויט, נאָר מחמת די קאָזאַקן און די טאָטערן האָבן ביי זיי געגזלט זייער האָב און גוטס. און פון די רייכע יוונים

זיינען אַ טייל אַנטלאָפֿן הינטערן דניעפּער צו די קאָזאַקן, וואָרעם זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר דער נקמה פֿון די פּוילישע פּריצים. און אַ טייל האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אָרעמע לייט, הגם זיי האָבן זייער געלט פֿאַרגראָבן אין דער ערד, בכדי די פּוילישע פּריצים זאָלן דאָס בײַ זיי ניט אָפּנעמען. און יידן אָרעמע לייט האָבן פֿונדעסט־וועגן אויסגעזען אין די אויגן פֿון דעם המון און פֿון די פּוילישע פּריצים ווי עשירים, און יעדער איינער פֿלעגט בײַ יידן מאָנען: גיב, גיב. דער מלך און די פּוילישע פּריצים האָבן געפֿאָדערט אַן אָפּצאָל: נאָר בײַ יידן האָט זיך קיין איין פּרוטה ניט אָפּגעשטעלט, האָבן זיי געגעבן מעשר פֿון אַלצדינג, וואָס איז בײַ זיי איבערגע־בליבן, פֿון זילבערנע און גילדערנע חפֿצים און פֿון קליידער, און פֿלעגן דאָס אַלץ אָפּגעבן פֿאַר אַ האַלבן מקח. און דערנאָך זיינען צוגעקומען אַנדערע הוצאות, אויף אויסהאַלטן מלחמה־לייט און דאָס גלייכן. און זיי פֿלעגן אָפּגעבן דעם מעשר אַזוי ווי רבי האָט געטאָן, ביז ס׳איז שוין ניט איבערגעבליבן פֿון וואָס צו געבן און דער דלות איז וואָס ווייטער אַלץ מער געוואַקסן, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי געגעבן אַ שבח און אַ דאַנק הקב״ה פֿאַרן שלום. און אין די מקומות, וואו די קאָזאַקן האָבן געוואוינט, זיינען געווען גוטע גע־שעפֿטן, וואָרעם זיי זיינען אַלע געווען עשירים פֿון דעם רויב, וואָס זיי האָבן אָנגעגזלט בײַ יידן און בײַ די פּוילישע פּריצים. נאָר קיין האַר און קיין ייד האָט אַהין ניט געטאָרט קומען, איידער ס׳איז ניט געמאַכט געוואָרן די פּשרה מיט זיי. און יידן און פּריצים האָבן נאָר געוואוינט ביז ק״ק פּיילוויש (ביז אין כלל אַריינגערעכנט), אָבער נישט ווייטער. און די קאָזאַקן האָבן פֿאַרנומען די גאַנצע מדינה רייסן אויף הונדערט מייל אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי אַ משפּון, אַז די פּוילישע האַרן וועלן מיט זיי אַ פּשרה מאַכן.

אין יענע טעג האָט דער מלך ירום־הודו געפּסקנט, אַז ווער ס׳ע האָט אין זיין מדינה געביטן זיין אמונה מחמת אונס, מעג זיך אומקערן צוריק צו זיין פֿריערדיקן גלויבן. און אַלע אנוסים זיינען צוריק געוואָרן יידן און האָבן ווייטער געוואוינט אין יענע ערטער, וואו זיי האָבן געביטן זייער גלויבן און זיינען געוואָרן יידן בפּרהסיא אין אַלע ערטער, וואו יידן האָבן געוואוינט. און פֿון אַלע

קאָזאַצקע ערטער, וואו יידן האָבן דעמאָלט ניט געוואוינט, אַזוי ווי
דער מלך האָט געבאָטן, זיינען די אַנוסים אַנטלאָפן, און די ווײַ=
בער, וואָס די קאָזאַקן האָבן זיך געהאַט גענומען, זיינען פון דאָרטן
אַנטלאָפן אין יענע מקומות, וואו יידן האָבן געוואוינט. אָט אַזוי
זיינען עטלעכע הונדערט אַנוסים צוריק געוואָרן יידן. און אין אַלע
ערטער, וואו סע זיינען פאָרגעקומען גרויסע שחיטות, זיינען פאַר=
בליבן אַ סך הונדערטער יינגלעך און מיידלעך און גאָר קליינע
קינדער, וואָס האָבן זייער גליבן געביטן, האָבן יידן זיי פון די
גויישע הענט מיט געוואַלד אַרויסגענומען און געשריבן פאַר איט=
לעכן אַ קמיע, פון וואָסער משפחה ער איז, נאָך אַ דרישה=וחקירה,
און האָבן די קמיע אויף זיין האַלז אָנגעהאַנגען. און אַ סך ווײַ=
בער זיינען געוואָרן עגונות, און אַ סך אַלמנות זיינען געוואָרן
עגונות, ווייל זייערע מאַנען זיינען געפאַלן בעת דער יבם (חליצה=
ברודער) איז אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד. האָבן די גאונים פון דור,
פון די ארבע ארצות יצ"ו, אַ סך רעכטע תקנות וועגן דעם מתקן געווען.

און מען האָט מתקן געווען אַ תענית ציבור פאַר דער גאָרער
מדינה פוילן דעם צוואַנציקסטן טאָג אין חודש סיון אויף אייביקע
צייטן, דעם איינענעם טאָג, ווען ס'איז געווען די שחיטה פון נע=
מיראָוו, ווי ס'איז באַוואוסט, אַז זי איז געווען די ערשטע קהילה,
וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש=השם, איר זכות זאָל
אונז ביישטיין און דער אייבערשטער זאָל נקמה נעמען פאַר זייער
בלוט.

און ס'איז געווען נאָך אַלע יענע געשעענישן האָט דער מלך
דערהויבן דעם דוכוס וּוישנעוועצקי העכער פון אַלע האַרן, און האָט
אים געמאַכט פאַר אַ פעלדמאַרשאַל איבער דעם פוילישן חייל. נאָר
וּוישנעוועצקי האָט אַרויסגעשטעלט אַ תנאַי, אַז ער זאָל אים געבן
די דאָזיקע גדולה אויפן גאַנצן לעבן, אַפילו בעת די ביידע פרי=
ערדיקע פעלדמאַרשאַלס פון פוילישן חייל וועלן זיך אומקערן צו=
ריק פון דער טאַטערישער געפענגעניש, זאָל מען די גדולה ביי אים ניט
אָפנעמען. דענסטמאָל וועט ער זיך לאָזן גיין מיט דער פוילישער
מחנה הינטערן טייך דנעפּער און וועט איינעמען די קאָזאַקן מיטן

אײבערשטנס הילף, און איטלעכער װעט זיך קאָנען אומקערן צוריק אין זײן מאַיאָנטעק.

און װײַבאַלד דער צורר חמיל ימח שמו האָט װעגן דער זאַך דערהערט, האָט ער מורא געהאַט, אַז דער מלך װעט מרוצה װערן מיט װישנעװעצקין, װאָרעם דאָס האַרץ פֿון דעם פֿאָלק איז נוטה געװען צו אים. האָט ער תיכּף געלאָזט זאָגן דעם מלך פֿון די טאָטערן, אַז ער זאָל אַרױסלאָזן אױף דער פֿרײ די בײדע פֿעלדמאַרשאַלס פֿון פּױלישן חיל, און ער, חמיל, װעט אים דערפֿאַר באַצאָלן דעם רעשט אױסלײז־געלט, װאָס קומט פֿאַר זײ. און דאָס האָט חמיל געטאָן ניט מחמת ליבשאַפֿט צו זײ, נאָר פֿון װעגן זײן שנאה צו דעם דוכּס װישנעװעצקי, אַבי ער זאָל נישט װערן אַ האַר איבער דעם חיל. און אַזױ האָט דער טאָטערשער מלך געטאָן און האָט אַרױסגעלאָזט אױף דער פֿרײ די בײדע פּױלישע האַרן, װאָס אײנער פֿון זײ האָט געהײסן פּאָטאָצקי און דער צװײטער קאַלינאָװסקי. און דער מלך מיט זײנע האַרן האָבן זיך געחידושט אױף דעם, װאָס דער טאָטער האָט זײ אַרױסגעלאָזט אױף דער פֿרײ, און האָבן װעגן דער סיבּה ניט געװאוסט. האָט זײ דער מלך באַשטימט אױפֿן פֿריערדיקן אָרט.

אין יענע טעג איז דער צורר חמיל ימח שמו מיט גאָר זײן מחנה אָנגעפֿאַלן אױף דער מדינה װאַלאַכיע און האָט זי חרוב געמאַכט, װאָרעם דאָרטן זײנען געװען באַהאַלטן אַ פֿולע פּױלישע האַרן און ייִדן און די לײט פֿון װאַלאַכיע האָבן בײ די טאָטערן געהאַט אָפּגענומען מיט געװאַלד עטלעכע הונדערט געפֿאַנגענע און האָבן זײ אַרױסגעלאָזט אױף דער פֿרײ. און זיך אומגעקערט פֿון װאַלאַכיע, האָבן די קאָזאַקן מיטגעבראַכט אַ פֿולע זאַק־רױב און האָבן דאָס פֿאַרקױפֿט ייִדן. און קײן שום ייִד איז ניט געניזיקט געװאָרן, װאָרעם דאָס מאָל איז בײ זײ געװען שלום מיט ייִדן.

אין יענע טעג האָבן אױך די יונים פֿון דער מדינה מאָסקװע װידערגעשפּעניקט קעגן דעם פּױלישן מלך און סע האָבן זיך מיט זײ באַהעפֿט אַ פֿולע לײדאַקעס צװישן די קאָזאַקן. און דער צורר חמיל ימח שמו האָט געשיקט בריװ צו דעם מלך און אים געלאָזט זאָגן, אַז ער זאָל ניט מורא האָבן פֿון די מאָסקעװיטער, װאָרעם ער

מיט זיינע קאָזאַקן וועלן אַרויסגיין קעגן זיי מלחמה האַלטן און וועט זיי איינגעמען. נאָר דער מלך האָט מיט זיין קלוגשאַפט פאַרשטאַנען, אַז חמיל זוכט דאָ עפעס אַ צוטשעפעניש, און ער האָט שלום געמאַכט בעל־כרחו מיט דעם מאָסקעוויטער.

אין יענע טעג האָט דער פוילישער מלך געשיקט אַ פולע נעהויבענע האַרן, וואָס מען רופט זיי אויף פויליש קאָמיסאַרן, כדי צו מאַכן די פשרה מיט די קאָזאַקן. נאָר ער האָט ניט געקאָנט דורכקומען מיט זיי, וואָרעם די קאָזאַקן האָבן געפאָדערט אַ פולע זאַכן, וואָס זיינען געווען קעגן דעם מלך און די פריצים. אָט אַזוי האָבן זיך די דאָזיקע זאַכן פאַרצויגן ביז פסח־צייט, תי״א לפ״ק.

און ס׳איז געווען פאַר פסח הנ״ל האָבן זיך די טאָטערן און די יוונים צונויפגעקליבן אַ פערטן מאָל, און יידן האָבן דעם דאָזיקן פסח אויסגעטרונקען אַלע פיר כוסות גיפט. אַ פולע הונדערטער יידן האָט מען געשאָכטן, און אַ פולע הונדערטער פאַרשלעפט אין געפענגעניש צו די טאָטערן, און די לעצטע צרות האָבן געמאַכט פאַרגעסן די ערשטע. ויברח יעקב אַ פערטן מאָל, און יידן זיינען אַנטלאָפן ביז דער פּאַלאַץ־שטאָט לוואָוו (לעמבערג). דעמאָלט איז דער מלך ירום הודו בכבודו ובעצמו אַרויס אַנטקעגן זיי מלחמה האַלטן און מיט אים זיינען געווען אַ דריי הונדערט טויזנט מטיקע שטרייטער פון פוילישן פאָלק, און אַכציק טויזנט דייטש, פראַנצויזן און שפּאַניאָלן, אויך אַ טויזנט מאַן חיל פון יידן. און אַ דריי טויזנט מאַן פּאָליאַקן זיינען אַחוץ דעם געשטאַנען אַרום לובלין, כדי דער גאַנצער פוילישער חיל זאָל זיך ניט צונויפקלייבן אין איין אָרט און זאָל ניט אויסגיין פון הונגער. און זינט פוילן איז געוואָרן, זיינען אַזוי פיל פּאָליאַקן זאַלבענאַנד נישט צונויפגעקומען, אַזוי ווי אין יענע טעג. און די טאָטערן מיט די יוונים זיינען געווען אַזוי פיל, ווי דער זאַמד אויף דעם באָרטן פון ים, און מען האָט זיי ניט געקאָנט איבערדערציילן.

האָט דער מלך זיין חיל אויסגעשטעלט אין אַ גרויסער מחנה און זיך באַזעצט אַליין אין קלויסטער פון דער שטאָט סאָקאַל. און דער איבעריקער טייל פון מלכס חיל האָט זיין מחנה אויפגעשטעלט צווישן סאָקאַל און בערעסטעטשקע, און מיט זיי זיינען געווען די

ביידע דערמאָנטע האַרן איבער דעם חיל און אויך דער הכּוח וויש־
נעוועצקי. זיינען די טאָטערן מיט די יוונים אָנגעפאַלן אויף זיי פּלו־
צים מיט געשרייען און ווילדע קולות, אַזוי ווי דער שטייגער איז, און
זיי האָבן ביי זיך געזאָגט: מיר וועלן אָנפאַלן פּלוצים אויף די
פּאָליאַקן און וועלן זיי שלאָגן דאָס מאָל, פּונקט אַזוי ווי פריער.
נאָר זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז גאָט איז מיט אונז און מיטן מלך
ירום הודו. האָבן זיי טאַקע תּחילת געשלאָגן די פּאָליאַקן, אָבער
דערנאָך האָבן די פּאָליאַקן גובר געווען, כּמעט האָבן זיי גענשט צו
די דייטשן. און די טאָטערן מיט די יוונים האָבן געכאַפּט אַ שטאַרקע
מפּלה און מען האָט זיי געיאָגט ביז פאַרלענדן. און דער מלך
פון די טאָטערן איז אַנטלאָפן צו זיך אין לאַנד מיט גרויס חרפּה
און מיט אַ קליינער צאָל חיל און האָט מיט זיך אין געפענגעניש
גענומען דעם צורר חמיל ימח שמו, מחמת ער האָט אים ניט מודיע
געווען, אַז דער פּוילישער מלך פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן חיל, און
ס'איז פאַר אים אַזאַ חרפּה, וואָס ער האָט געמוזט אַנטלויפן מיט
אַזאַ קליינער צאָל מענטשן און אָנגעווירן כּמעט זיין גאַנצן חיל. און
אַלע טאָטערשע האַרן האָט דער פּוילישער מלך פאַרשלעפּט אין
געפענגעניש און צווישן זיי איז געווען אַ פּלימעניק פון טאָטערשן
מלך. און די איבעריקע קאָזאַקן זיינען אַ פולע טעג באַלעגערט
געוואָרן פון די פּאָליאַקן. און מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אַ הייב גע־
טאָן אָוונט־צייט און זיינען אַנטלאָפן, איבערגעלאָזט די געצעלטן מיט
די פערד און וועגן, אָנגעפּאַקעוועט מיט כּל־טוב און די גאַנצע מחנה,
ווי זי גייט און שטייט.

און דער מלך ירום הודו האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט זיינע
האַרן און זיינע קנעכט, מיט גרויס שמחה און מיט אַ גוט האַרץ אין 17טן
טאָג פון חודש מנחם (אָב) תי"א לפּ"ק. האָט דער מלך פון די
טאָטערן געשיקט בריוו צום פּוילישן מלך מיט אַ בקשה, ער זאָל
אַרויסלאָזן אויף דער פריי זיין פּלימעניק, וועט ער אים דערפאַר
אַרויסגעבן אין די הענט אַריין זיין שונא, דעם צורר חמיל ימח שמו,
וואָס איז אין יענער צייט געווען אין געפענגעניש ביי די טאָטערן, און
אַחוץ דעם וועט ער אַרויסלאָזן אויף דער פריי פיר טויזנט פּוי־
לישע פּריצים, וואָס זיינען געווען ביי אים אין געפענגעניש. און

דער פּוילישער מלך איז ניט מרוצה געוואָרן און האָט אָפּגעענטפֿערט דעם טאָטערשן מלך, אַז ער מעג אים זייער פעסט האַלטן, דעם צורר חמיל ימח שמו, און ער וועט אים שוין אָפּנעמען ביי אים אין דער היים גופא. דערמיט האָט דער מלך געוואָלט זאָגן, אַז ער גרייט זיך צו אַ מלחמה מיט די טאָטערן. האָט דער מלך געשיקט זיינע ביידע חייל-פירער און אויך דעם דוכּוס ווישנעוועצקי און מיט זיי הונדערט פופציק טויזנט מאַן חייל אויף אַיינצונעמען די שטעט פון דער רייכישער מדינה, און דערנאָך האָבן זיי באַדאַרפט גיין מלחמה האַלטן מיט די טאָטערן. און אַזוי האָבן זיי געטאָן, און זיי האָבן פּאַמעלעך אַיינגענומען די שטעט פון דער רייכישער מדינה.

אָט אין יענער צייט האָבן די האַרן מקנא געווען דעם דוכּוס ווישנעוועצקי, וואָס ער גייט אַלץ ווייטער און ווערט פון טאָג שטאַרקער און העכער, און זיי האָבן אים פאַרסמט, און דער דוכּוס ווישנעוועצקי זכר-לברכה איז געשטאָרבן. איבערגעלאָזט האָט ער אַ זון פון פופצן יאָר, אויך אַ גיבור אין מלחמה, וואָס האָט באַרנומען דעם פאָטערס אָרט.

און וויבאַלד דער מלך פון די טאָטערן האט דערהערט, אַז ס׳איז געשטאָרבן דער העלדישער שטרייטער ווישנעוועצקי, און אַז סע קלייבן זיך מיט אים מלחמה האַלטן די ביידע פּוילישע חייל-פירער, איז ער דורכגעקומען מיטן צורר חמיל ימח שמו פאַר אַ איבליין-געלט פון אַכצן הונדערט טויזנט גילדן, און ער האָט אים צוגעגעבן מוט. האָבן זיך די טאָטערן מיט די יוונים אַ פינפטן מאָל צונויפגעקליבן, אַזוי פיל ווי דער זאַמד אויפן באָרטן פון ים, בכדי מלחמה צו האַלטן מיטן פּוילישן מלך. און די מלחמה מיט פּוילן האָט זיך באַנייט נאָך די ימים-טובים ת״ב לפ״ק און די מלחמה האָט זיך געצויגן ביז צום היינטיקן טאָג: אַמאָל איז דער שונא גובר געווען, און אַמאָל ווידער איז גובר דער מלך.

און יידן ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַראָרעמט, און צוגעקומען איז נאָך אַ קרענק אין דער גאַנצער מדינה פּוילן: סע זיינען איסגעשטאָרבן אין זומער ת״ב לפ״ק אין קראָקע און אַלע אַנדערע פּוילישע שטעט מער פון צוואַנציק טויזנט נפשות, זאָל דער אייבערשטער זיך אויף זיי מרחם זיין.

און ביז היינטיקן טאָג גייען אַרום אין פּוילן שווערד, הונגער און קרענק, און די לעצטע צרות מאַכן פאַרגעסן די ערשטע, פון טאָג צו טאָג איז איין צרה גרעסער פון דער אַנדערער: אין אָוונט זאָגט מען, הלוואי קומט אָן דער מאָרגן, און אין דער פרי זאָגט מען, הלוואַי זאָל שוין ווערן אָוונט. און ס'איז אויף זיי מקוים געוואָרן אַלצדינג, וואָס אין פסוק שטייט, און אַפילו אַזעלכע קרענק, און וויטאָגן, וואָס סע שטייט גאָרנישט אין דער דאָזיקער תורה און אַזוי ווייטער — און גאָט וועט דיך צעזייען און צעשפּרייטן צווישן די אומות העולם פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדער עק וועלט.

וואָס זאָלן מיר זאָגן און מיט וואָס קאָנען מיר זיך פאַרענטפערן? וועלן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געזינדיקט, קאָנען דאָך אונזערע חטאים עדות זאָגן, אַז מיר האָבן יאָ געזינדיקט, און גאָט האָט איבערגעפונען די זינד פון זיינע קנעכט, וואָרעם צי קאָן גאָר געמאָלט זיין, אַז גאָט וועט זיין אומגערעכט מיט זיין משפט? נייערט מיר קאָנען זאָגן, אַז דער איבערשטער שטראָפט יענעם, וועמען ער האָט ליב. אויך קאָנען מיר אויף דעם דרשהנען דעם פסוק: ממקדשי תחלו: לייען ניט מקדשי, נאָר ממקודשי, וואָס איז טייטש „אָנהייבן זאָלט איר פון מיינע הייליקע", וואָרעם זינט ס'איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש, ווערן די צדיקים געשטראָפט פאַר די זינד פון דעם דור.

און אַצינד וועל איך אָנהייבן שרייבן
וועגן לעבנשטייגער פון דער פּויליש-
ער מדינה, ווי זי איז זיך נוהג און
גייט זיך מיטן אמתן און גלייכן וועג

אין מסכתא אָבות לייענען מיר: שמעון הצדיק איז געווען פון די פאַרבליבענע פון דער כנסת־הגדולה. פלעגט ער זאָגן: אויף דריי זאַכן האַלט זיך די וועלט: אויף תורה, עבודה און גמילת־חסדים. רבן שמעון בן גמליאל ווידער זאָגט: אויף דריי זאַכן האַלט זיך די וועלט: אויף דין, אמת און שלום. אָט־די דאָזיקע זעקס

זיילן, וואָס אויף זיי האַלט זיך די וועלט, זיינען אַלע מקוים געוואָרן אין דער מדינה פּוילן.

דער ערשטער זייל, די תורה, איז גענוג באַוואוסט. מען באַדאַרף נישט ברענגען קיין ראַיות, אַז אין ערגעץ ניט, בכל תפוצות ישראל איז ניט געווען אַזוי פיל תורה ווי אין פּוילן. אין אַלע קהילות פלעגט מען אויסהאַלטן ישיבות און געבן אַ פולע שכירות דעם ראש ישיבה, בכדי ער זאָל קאָנען זיך אָפּגעבן צו זיין ישיבה אָן דאגות און פאַרנעמען זיך נאָר מיט דער תורה. און דער ראש ישיבה פלעגט ניט אַרויסגיין אַ גאַנץ יאָר מפתח ביתו, נייערט פון בית־מדרש אין שול אַריין, און איז געזעסן ימים ולילה און עוסק געווען אין לערנען. און איטלעכע קהילה פלעגט אויסהאַלטן בחורים אין זייער קצבה, וואָכן־געלט, כדי זיי זאָלן לערנען ביי דעם ראש ישיבה און פאַר יעדן בחור פלעגט מען אויסהאַלטן צווי יינגלעך אויף אויסלערנען ביי אים אויף אויסווייניק גמרא, פירוש רש״י און תוספות פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט, כדי דער בחור זאָל זיך צוגעוויינען צו פּילפּול, און מען פלעגט די יינגלעך געבן עסן פון דער צדקה־פּושקע, אָדער פון דער קהלשער קיך. און אויב די קהילה האָט פאַרמאָגט ניט ווייניקער פון פופציק באַלעבאַטים, פלעגן זיי אויסהאַלטן ניט ווייניקער פון דרייסיק בחורים און יינגלעך, איטלעכער באַלעבאָס פלעגט האַלטן ביי זיך איין בחור מיט צווי יינגלעך: און הגם דער בחור פלעגט קריגן זיין באַדערפעניש פון דער קהילה, פונדעסטוועגן פלעגט אים דער באַלעבאָס זעצן צו זיין טיש, פונקט ווי זיין זון, און אים געבן עסן און טרינקען, וויפל ער האָט באַדאַרפט. און טייל באַלעבאַטים, פון די נדיבים, פלעגן זעצן אויך די יינגלעך צום טיש, און אַזוי פלעגן דריי נפשות זיין ביי אים אויף קעסט אַ גאַנץ יאָר. און אין דער גאָרער מדינה פוילן איז ניט געווען קיין איין שטוב, וואו מען זאָל ניט לערנען תורה: אָדער דער באַלעבאָס אַליין איז געווען אַ למדן, אָדער זיין זון, אָדער זיין איידעם זיינען געווען לומדים, אָדער אַ בחור איז געווען ביי אים אויף קעסט, און צייטנווייז איז דאָס אַלץ אין איינעם געווען אין איין שטוב. זיי פלעגן מקיים זיין אַלע דריי זאַכן, וואָס רבא האָט געזאָגט אין מסכתא שבת פ״א: ווער ס׳האָט ליב תלמידי חכמים, וועלן זיינע זין זיין געלערנט; ווער ס׳גיט אָפּ

כבוד צו תלמידי חכמים, וועלן זיינע איידעמס זיין לומדים; און ווער סע האָט מורא פאַר תלמידי חכמים, וועט ער אַליין זיין אַ געלערנטער, אַ צורבא מרבנן.

און מחמת דעם זיינען טאַקע אין איטלעכער קהילה געווען אַ פולע תלמידי חכמים. האָט אַ קהילה פאַרמאָגט פופציק באַלעבאַטים, זיינען דאָרטן געווען אַ צוואַנציק תלמידי־חכמים מיטן טיטל: מורנו אָדער חבר, און דער ראש־ישיבה איז געווען איבער זיי אַלעמען, און די דאָזיקע תלמידי חכמים פלעגן זיך אונטערגעבן און גיין מיט הכנעה צו אים לערנען אין דער ישיבה.

און דאָס איז געווען דער לערנשטייגער אין דער מדינה פוילן. דער זמן איז געווען אין זומער פון ראש־חדש אייר ביז ט"ו אין אב, און אין ווינטער — פון ראש־חודש חשוון ביז חמשה־עשר בשבט: דענסטמאָל זיינען די בחורים מיט די יינגלעך מחויב געווען צו לערנען ביי דעם ראש־ישיבה אויפן אָרט. נאָך פון ט"ו בשבט אָדער ט"ו באב האָבן די בחורים מיט די יינגלעך געהאַט רשות צו לערנען אין אַנדערע מקומות, וואו עס האָט זיך זיי פאַרוואָלט. פון ראש חודש אייר ביז שבועות און פון ראש חודש חשוון ביז חנוכה פלעגן די ישיבה־בחורים לערנען גמרא מיט פירוש רש"י און תוספות מיט גרויס התמדה, און פלעגן יעדער טאָג לערנען הלכה, דהיינו: איין עמוד גמרא מיט פירוש רש"י מיט תוספות, וואָס דאָס רופט זיך אַן הלכה. און אַלע תלמידים חכמים און בחורים פון דער קהילה, ווער סהאָט נאָר געהאַט אין זיך אַ ריח תורה, פלעגן גיין לערנען ביי דעם ראש ישיבה. נאָר דער ראש־ישיבה פלעגט זיצן אויף אַ שטול און די תלמידי חכמים און ישיבה־בחורים פלעגן שטיין אַרום אים. זיי פלעגן זיך מפלפל זיין אין הלכה, ביז ס'איז ניט אָנגעקומען דער ראש־ישיבה אַליין. דענסטמאָל פלעגן זיי פרעגן זייערע קשיות וועגן אַלצדינג, וואָס ס'איז זיי האַרב געווען אין לערנען, און דער ראש־ישיבה פלעגט איטלעכן פאַרענטפערן זיין קשיא. דערנאָך פלעגן אַלע אַנטשווייגן ווערן און דער ראש־ישיבה פלעגט אָנהייבן זאָגן, וואָס ער האָט דאָס מאָל אויפגעטאָן אין דער הלכה. און אָפּגעזאָגט זיינע חידושים, פלעגט דער ראש־ישיבה זאָגן אַ חילוק, דהיינו: ער פלעגט פרעגן קשיות אין גמרא, רש"י און תוספות, וואו זייערע ווערטער זיינען סותר איי־

נער דעם צווייטן, און אויף די דאָזיקע קשיות און סתירות אין גפ"ת פלעגט ער געבן תירוצים. נאָר אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך די תירוצים זיינען סותר איינער דעם אַנדערן, און סע בלייבט נאָך אַלץ די אַלטע קשיא. פלעגט ער אויף איר געבן אַ צווייטן תירוץ, ביז די הלכה איז ניט געוואָרן קלאָר און לויטער. לכל הפּחות פלעגט מען ניט אַרויסגיין פון דער ישיבה, ביז נאָך מיטאָג זומער-צייט.

און פון שבועות אָדער פון חנוכה און ווייטער ביז פּסח אָדער ביז ראש-השנה פלעגט דער ראש-ישיבה ניט זאָגן קיין פולע חילוקים און פלעגט לערנען מיט די תלמידי חכמים פּוסקים, ארבע טורים מיט דערקלערונגען, און מיט די בחורים פלעגט ער דענסטמאָל לערנען אלפס און אַנדערע ספרים. און אויף יעדן פאַל פלעגט מען אויך לערנען גמרא, פּירוש רש"י און תוספות ביז ט"ו אין אב אָדער ט"ו אין שבט, און פון דענסטמאָל און ווייטער ביז פּסח אדער ביז ראש-השנה פלעגט מען זיך פאַרנעמען נאָר מיט פּוסקים אָדער אַנדערע ספרים.

עטלעכע וואָכן פאַר ט"ו אין אב אָדער ט"ו אין שבט פלעגט דער ראש-ישיבה מכבד זיין די ישיבה-בחורים מיט זאָגן חילוקים אויף זיין אָרט, סיי פאַר די תלמידי חכמים פון דער קהילה, סיי פאַר די בחורים. און זיי פלעגן זאָגן די חילוקים און דער ראש-ישיבה פלעגט זיך צוהערן און זיך מפלפל זיין מיט זיי, כדי די ישיבה-בחורים זאָלן זיך „שאַרפן" אין דער הלכה. און מען פלעגט לערנען אין דער גאָרער מדינה פוילן צו איין מסכתא לויט דעם סדר פון די זעקס סדרים.

און איטלעכער ראש-ישיבה האָט בײַ זיך געהאַט אַ שמש, וואָס פלעגט אַרומגיין טאָג-אַיין, טאָג-אויס פון איין חדר אין דעם אַנדערן, בכדי אַכטונג צו געבן, אַז די יינגלעך, סיי אָרעמע, סיי רייכע, זאָלן ניט גייסען אין לערנען. און ער פלעגט זיי מתרה זיין אַלע טאָג פון דער וואָך, אַז זיי זאָלן לערנען און ניט אַרומלויפן אין די גאַסן. און יעדן דאָנערשטאָג פלעגן די יינגלעך מחייב זיין זיך צונויפצוקומען און גיין אינאיינעם צו דעם גבאי, וואָס איז געווען דער ממונה אויף דער תלמוד-תורה. און דער דאָזיקער גבאי פלעגט זיי אויספרעגן, וואָס זיי האָבן געלערנט פאַר דער וואָך. און טאָמער פלעגט עמעצער ניט וויסן, וואָס ער האָט געלערנט,

אָדער ער פּלעגט זיך טועה זיין אין עפּעס, האָט אים דער שמש געגעבן שמיץ, לויט ווי דער גבאי האָט געהייסן. און מען פּלעגט אים אַחוץ דעם שטאַרק מבייש זיין פֿאַר אַנדערע יינגלעך, בכדי עס זאָל אים פֿאַרבלייבן אין זכּרון און ער זאָל שוין די אַנדערע וואָך לערנען בעסער.

און יעדן פֿרייטאָג פּלעגן זיך די יינגלעך צונויפֿקומען בײַ דעם ראש־ישיבה און ער פּלעגט זיי אויספֿרעגן, וואָס זיי האָבן געלערנט פֿאַר דער וואָך. מחמת דעם פּלעגט אויף די יינגלעך אָנפֿאַלן אַ גרויסער פּחד, זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט און פּלעגן לערנען מיט התמדה. אויך אין די שלשת ימי הגבלה אָדער אום חנוכּה פּלעגן די יינגלעך מוזן איבערחזרן אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געלערנט פֿאַרן זמן, און דערפֿאַר פּלעגן די פּרנסים פֿון דער קהילה געבן די יינגלעך מתּנות, אַ געוויסן סכום קצבה־געלט.

אַט אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען פֿון ט״ו אין אב ביז ט״ו אין שבט. דערנאָך פּלעגט דער ראש־ישיבה מיט אַלע זיינע בחורים און יינגלעך פֿאָרן אויפֿן יאַריד, צום מאַרק־טאָג, זומער פּלעגט מען פֿאָרן אויף זאַסלאַווער יאַריד, אויף יאַרעסלאַווער יאַריד, און ווינטער אויף לוואָווער און לובלינער יאַריד. און דאָרטן האָבן די בחורים און יינגלעך געהאַט רשות צו לערנען אין וואָסער ישיבה זיי האָט זיך נאָר פֿאַרוואָלט. און אויף יעדן יאַריד פּלעגן זיך צונויפֿקומען עטלעכע הונדערט ראשי־ישיבות און עטלעכע טויזנט בחורים און צענדליקער טויזנטער יינגלעך, און יידישע סוחרים און גויים, להבדיל, ווי זאַמד אויפֿן ברעג ים, וואָרעם פֿון אַלע עקן וועלט פּלעגט מען זיך צונויפֿקומען אויפֿן יאַריד. און ווער ס'האָט געהאַט אַ זון אָדער אַ טאָכטער אויף חתונה מאַכן, פּלעגט פֿאָרן אויפֿן יאַריד און זיך משדך זיין, וואָרעם איטלעכער האָט דאָרטן געפֿונען זיין גלייכן און זיין פּאָר. אַט אַזוי פּלעגן זיך מאַכן עטלעכע הונדערט חתונות אויף יעדן יאַריד און אַמאָל אין די טויזנטער אַריין. און יידן, סיי מאַנסבילן, סיי פֿרויען, פּלעגן קומען אויפֿן יאַריד אָנגעטאָן אין בגדי מלכות, וואָרעם זיי זיינען געווען חשוב אָנגעזען בײַ דער רעגירונג און בכלל בײַ די גויים. אַ פֿולע יידן זיינען דענסטמאָל געווען אין פּוילן, ווי דער זאַמד אויפֿן ברעג ים. און היינט בעוונותינו הרבים זיינען זיי ווייניקער געוואָרן, זאָל דער אייבערשטער אויף זיי רחמנות האָבן.

און דעם ראש־ישיבה פלעגט די קהילה אָפּגעבן גרויס כּבוד, און צו זיינע ווערטער פלעגן זיך אַלע צוהערן, סיי אָרעם סיי רייך, קיינער האָט זיך ניט דערוועקט צו ווידערשפּעניקן, און אָן אים פלעגט קיין זאַך ניט אָפּגעטאָן ווערן; ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי האָט געמוזט בלייבן. און אין זיינע הענט האָט ער געהאַט אַ שטעקן און אַ רצועה אויף שלאָגן, שמייסן און שטראָפן און מבייש זיין אַלע זינדיקע, ער האָט געהאַט רשות צו מאַכן תקנות, פאַרצוימען און פאַרווע־ן און פאַרקערט מתיר זיין אַן איסור. און פונדעסטוועגן האָט מען ליב געהאַט דעם ראש־ישיבה. ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אין זיין פאַרמעגנס געשטאָפּטע עופות צי גוטע פיש, פלעגט ער מכבד זיין דעם ראש־ישיבה מיט אַ העלפט דערפון אָדער גאָר אינגאַנצן, און מיט אַנדערע מתנות, געלט, צי זילבערנע און גילדערנע חפצים אָן אַ שיעור. אויך אין שול ווער ס׳פלעגט קויפן מצוות, האָט מכבד געווען דערפון דעם ראש־ישיבה. און ס׳איז געווען אַ חוב, אַז דער ראש־ישיבה האָט געמוזט קריגן שלישי אום שבת און דעם ערשטן טאָג יום־טוב אויף יעדן פאַל. און טאָמער איז דער ראש־ישיבה געווען אַ כּהן אָדער אַ לוי, פלעגט ער מוזן זיין כּהן, צי לוי, אָדער ער האָט געקראָגן אחרון, הגם סע זיינען געווען אין שול אַ פולע כּהנים און לווים, געלויבט דער אייבערשטער. און קיינער פלעגט ניט שבת און יום־טוב אַרויסגיין פון שול, איידער עס איז ניט אַפריער אַרויסגעגאַנגען דער ראש־ישיבה, דערנאָך די ישיבה־בחורים און דערנאָך שוין גאָר דער קהל, וואָס פלעגט אים באַגלייטן ביז אין שטוב אַריין. און אום יום־טוב פלעגט דער קהל אַריין אין שטוב, אים מקבל פּנים זיין. אָט דערפאַר פלעגט צווישן די תלמידי־חכמים געוועלטיקן אַ קנאת סופרים און זיי האָבן געלערנט מיט גרויס התמדה, בכדי צו דערגרייכן די מדרגה פון אַ ראש־ישיבה אין וואָסער עס איז קהילה. און תחילת לערנענדיק שלא לשמה, פלעגט מען דערנאָך שוין לערנען לשמה, און אָט אַזוי איז דאָס גאַנצע לאַנד פאַרפולט געוואָרן מיט קענטעניש.

דער צווייטער זייל איז די עבודה: דאָס איז אין אונזערע צייטן תפילה, ווי אין פּסוק שטייט: ונשלמה פרים שפתינו, — מיט אונזערע ליפּן וועלן מיר באַצאָלן פאַר די קרבנות, וואָס מיר האָבן געבראַכט, בעת דער בית־המקדש איז געשטאַנען אויף זיין

אָרט. און די תּפילה אין פּוילן איז געווען געגרונטפעסטיקט אויף גילדערנע פּלופעס. אין שפּיץ איז געווען אַ חברה „שומרים לבוקר", וואָס פלעגן אויפשטיין פאַרטאָג, איידער דער מאָרגנשטערן האָט זיך באַוויזן, און פלעגן מתפּלל זיין און קלאָגן אויפן חורבן בית־המקדש. און אַז דער מאָרגנשטערן האָט זיך באַוויזן, פלעגט אויפשטיין אַ חברה תּהילים־זאָגער און פלעגט זאָגן תּהילים אַ שעה אַן ערך פאַרן דאַוונען, און איטלעכע וואָך פלעגט מען אָפּזאָגן דעם גאַנצן תּהילים.

שוין אָפּגערעדט, אַז מען האָט ניט געטאָרט פאַרשלאָפן חלילה צום דאַוונען און מען האָט געמוזט קומען בשעתו אין שול אַריין, סיידן על־פּי גרוים נויט. און איז מען געגאַנגען אין שול אַריין, פלעגט מען ניט אַרויסגיין פון דאָרטן צוליב געשעפטן, איידער מען האָט ניט אויסגעהערט דברי תּורה פון אַ תּלמיד־חכם, אָדער פּירוש רש״י אויף דער תּורה, נביאים אָדער כּתובים אָדער משניות אָדער דינים, וואָס עמעצן האָט זיך נאָר פאַרוואָלט לערנען, וואָרעם אין אַלע שולן זיינען געווען אַ פולע תּלמידי־חכמים, וואָס פלעגן לערנען מיטן עולם גלייך נאָכן דאַוונען, אינדערפרי און אינאָוונט, כּדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: „זיי וועלן זיך שטאַרקן וואָס ווייטער אַלץ מער, ביז זיי וועלן דערזען דעם אייבערשטן אין ציון".

דער זייל גמילות חסדים. ס'איז קיין שיעור און קיין גרענעץ ניט געווען צו גמילות חסדים אין דער פּוילישער מדינה. קודם־כּל אין הכנסת־אורחים. בשעת אַ תּלמיד־חכם אָדער אַ בעל־דרשן פלעגט קומען צו גאַסט אין אַזוינע קהילות, וואו פּאָר אורחים זיינען געווען אָנגענומען קוויטלעך, האָט דער תּלמיד־חכם ניט באַדאַרפט פאַרשוועכן זיין כּבוד און אַרויסנעמען אַ קוויטל, נייערט ער פלעגט גיין צו איינעם פון די פּרנסים אין דער קהילה, צו וועמען סע האָט זיך אים פאַרוואָלט, און פלעגט דאָרטן איינשטיין. דענסטמאָל פלעגט קומען דער קהל־שמש און באַווייזן דעם גבאי אָדער דעם פּרנס־חודש פון יענער צייט, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן, און זיי פלעגן אים געבן אַ מתּנה לויט זייער פאַרשטאַנד און זי צושיקן אים דורכן שמש דרך כּבוד. און ער פלעגט איינשטיין ביי דעם באַלעבאָס, וויפיל טעג ער האָט נאָר געוואָלט.

און אַזוי איז געווען אויך מיט אַנדערע אורחים, וואָס פלעגן באַקומען קוויטלעך. מען פלעגט דעם אורח געבן אַ קוויטל און ער פלעגט איינשטיין ביי אַ באַלעבאָס, וואָס דער גורל איז אויף אים געפאַלן, וויפיל טעג ער האָט געוואָלט, לכל־הפחות האָט איין קוויטל געגאָלטן אויף דריי טעג, מען פלעגט אים געבן עסן און טרינקען, אינדערפרי, אינאָוונט און מיטאָג־צייט, און האָבן זיי געוואָלט גיין אין וועג אַריין, האָט מען זיי מיטגעגעבן צדה לדרך און מען פלעגט זיי אָפּשיקן מיט פערד און וואָגן פון איין קהילה צו דער אַנדערער.

און ווען סע פלעגן קומען פון ווייטע לענדער אָדער פון אַנדערע שטעט בחורים און יינגלעך, באַלעבאַטים צי בתולות, פלעגט מען זיי תיכף־ומיד געבן מלבושים. און האָט עמעצער געוואָלט זיך פאַר־נעמען מיט עפּעס אַ מלאכה, פלעגט מען אים אָפּגעבן צו אַ בעל־מלאכה, און ווען סע האָט זיך געוואָלט דינען, פלעגט מען אים אָפּגעבן אין אַ שטוב פאַר אַ משרת און פאַר אַ דינסט, און ווער סע האָט געוואָלט לערנען, פלעגט מען דינגען פאַר אים אַ מלמד, כדי ער זאָל זיך לערנען ביי אים און דערנאָך, אַז ער איז שוין גע־וואָרן אַ חשובער בחור, פלעגט אים אַ גביר נעמען צו זיך אין שטוב אַריין און אים געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב און עטלעכע אלפים גילדן נדן, פלעגט אים אָנטאָן אין בגדי מלכות, וואָרעם זיי זיינען דען אמתע מלכים, אויב ניט געלערנטע און רבנים.

און נאָך דער חתונה פלעגט ער אים אַוועקשיקן פון זיין הויז לערנען אין גרויסע ישיבות, און אַז ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים צוריק אין צוויי אָדער דריי יאָר אַרום, פלעגט פאַר אים דער שווער אויס־האַלטן אַ ישיבה אין שטוב און פונאַנדערטיילן געלט צווישן באַלעבאַטים גרויסע תלמידי־חכמים, זיי זאָלן קומען לערנען צו אים אין דער ישיבה עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, ביז ער פלעגט ווערן אַ ראש־ישיבה אין וואָסער עס איז קהילה.

און אויב דער יינגל איז נאָך צו יענער צייט קיין חשובער בחור ניט געווען, נאָר האָט בלויז געהאַט חשק צום לערנען אין ס'איז געווען אַ סברה, אַז ער וועט מיט דער צייט, אויב ער וועט לערנען, ווערן אַ תלמיד־חכם, פלעגט צייטנווייז קומען אַ גביר, וואָס

האָט געהאַט אַ קליין טעכטערל, און פלעגט דעם יינגל געבן עסן און טרינקען און מלבושים און אַלצדינג וואָס ער האָט נאָר באַדאַרפט פונקט אַזוי ווי אַן אייגענעם זון, און פלעגט אים דינגען אַ מלמד, ביז ער איז געוואָרן אַ פּאַרטיקע כלי, און דערנאָך פלעגט ער אים געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, אַזוי ווי פריער איז באַשריבן. ניטאָ קיין גמילות חסד, וואָס זאָל זיין גרעסער פאַר דעם.

און אויך פאַר אָרעמע בתולות זיינען געווען גוטע תיקונים ביז גאָר אין איטלעכער מדינה, און ס'איז ניט געווען קיין איין אָרעמע בתולה פון אַכצן יאָר, וואָס זאָל ניט האָבן חתונה געהאַט: אַ פולע ווייבער צדקניות האָבן זיך מתעסק געווען מיט דער דאָזיקער מצווה, זאָל זיי דער אייבערשטער געבן זייער געצאָלט און רחמנות האָבן אויפן רעשט פון זיין פאָלק ישראל.

דער פערטער זייל — דין. אין פוילן האָט מען זיך נוהג געווען ווי אין ירושלים פאַרן חורבן. מען האָט אַוועקגעזעצט בתי-דינים אין איטלעכער שטאָט, און ווער ס'האָט ניט געוואָלט זיך משפטן פאַרן בית-דין פון זיין שטאָט, פלעגט קאָנען גיין צום בית-דין, וואָס איז געווען נאָענט צו זיין שטאָט, און האָט מען ניט געוואָלט זיך משפטן פאַרן נאָענטן בית-דין, איז מען געגאַנגען צום גרויסן בית-דין. וואָרעם אין איטלעכער מדינה איז געווען אַ גרויסער בית-דין. אָט אַזוי, למשל, איז די קהילה קדושה אָסטראָה געווען דער גרויסער בית-דין פאַר דער מדינה וואָלין אין אוקראַינע, און די קהילה קדושה לוואָוו איז געווען דער גרויסער בית-דין פאַר דער מדינה רייסן. און אַזוי איז געווען די מעשה מיט אַ פולע גרויסע קהילות: איטלעכע פון זיי איז געווען דער גרויסער בית-דין אין איר מדינה. און אויב סע פלעגן זיך משפטן די ראשי הקהלה צווישן זיך, זיינען זיי געגאַנגען צו די פרנסים פון ועד ארבע ארצות, זאָל זיי דער אייבערשטער באַהיטן און באַשיצן, וואָס פלעגט זיצן צוויי מאָל אין יאָר, און פון אַלע ראשי הקהילות פלעגט מען אויסקלייבן צו איין פרנס, און זיי פלעגן צו זיך מצרף זיין זעקס לאַנד-גאונים פון פוילן: אָטאָ זיי האָט מען דאָס גערופן ארבע ארצות. און זיי פלעגן זיצן אויף די לובלינער יאַרידים צווישן פורים און פסח, און אויפן יאַרעסלאַווער יאַריד אין

חודש אב אָדער אלול. און די פּרנסים פון די ארבע ארצות זיינען געווען ווי דער סנהדרין פון לשכּת הגזית אין זיין צייט, און זיי האָבן געהאַט כּוח צו משפּטן די פּוילישע יידן, אויפשטעלן צוימען, תּקנות, שטראָפן מענטשן לויט זייער פאַרשטאַנד. און וואו ס'איז נאָר געווען אַ האַרבער ענין, פלעגט מען ברענגען צו זיי און זיי פלעגן משפּטן. און די פּרנסים פון די ארבע ארצות פלעגן פאַר זיך אויסקלייבן דיינים פון די פאַרשיידענע מדינות, כּדי זיך גרינגער צו מאַכן די אַרבעט, און זיי פלעגט מען רופן לאַנד־דיינים, און אַלע דיני ממונות פלעגן קומען פאַר די דאָזיקע לאַנד־דיינים. אָבער ענינים פון קנס און חזקות און אַנדערע האַרבע דינים פלעגן קומען פאַר די פּרנסים, זאָל זיי דער אייבערשטער באַהיטן און באַשיצן. און סע פלעגט ניט טרעפן, אַז אַ ייד זאָל גיין זיך משפּטן פאַר גוישע דיינים אָדער פאַר אַ פּוילישן שררה אָדער פאַרן מלך ירום הודו. נאָר טאָמער איז פאַרט געווען עמעצער, אַ יידיש קינד, וואָס איז געגאַנגען זיך משפּטן פאַר גוישע דיינים, פלעגט מען אים שטראָפן מיט גרויס שאַנד, כּדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: און אונזערע שונאים טוען משפּטן.

דער זייל אמת. אין איטלעכער קהילה זיינען געווען ממונים אויף וואָג און מאָס און אויף אַנדערע געשעפטן, כּדי אַלע זאָלן זיך פירן מיטן אמתן וועג.

דער זייל שלום. אין פּסוק שטייט: גאָט וועט געבן פעסט־קייט צו זיין פאָלק, גאָט וועט בענטשן זיין פאָלק מיט שלום. אין פּוילן איז געווען אַזוי פיל תּורה, אַז סע פלעגן ניט זיצן דריי מענטשן ביי דער סעודה, וואָס זאָלן ניט ריידן צווישן זיך דברי תּורה, וואָרעם אַלע פלעגן זיך מפלפּל זיין אין הלכה, צי אין אויסטערלישע מדרשים די גאַנצע צייט פון עסן, כּדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: און דיין תּורה איז אין מיינע געדערים.

און גאָט האָט זיי געגעבן זייער געצאָלט, און אַפילו בשעת זיי זיינען געקומען אין לאַנד פון זייערע שונאים, האָט ער זיי ניט פאַרמיאוסט און ניט אָפּגעזאָגט זיך פון זיין צוזאָג צו זיי. אין איטלעכן אָרט, וואוהין זיי זיינען נאָר געקומען צווישן אחינו בני ישראל, האָט מען זיי גרויסע טובות געטאָן. קודם כּל האָט מען געהאָלפן אונזערע ברידער, וואָס

זיינען געווען אין געפענגעניש ביי די טאָטערן. האָבן זיי די טאָטערן אָפּגעפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז געווען אַ גרויסע חשובע שטאָט בישראל, און אין דער שיינער בארימטער שטאָט סאַלאָניקי און אין אַנדערע קהילות פון טערקיי און פון מצרים און פון בערבעריע אין אַנדערע מדינות און תפוצות ישראל האָט מען זיי אויסגעלייזט פאַר גוט געלט, אַזוי ווי מיר האָבן אויבן באַשריבן. און ביז צום היינטיקן טאָג האָט מען דאָרטן ניט אָפּגעלאָזט די הענט און מען לייזט אויס אַלע געפאַנגענע, וואָס מען ברענגט צו זיי יעדן טאָג, זאָל זיי דער אייבערשטער געבן זייער געצאָלט. און אַלע אַנטרונענע פון דעם שנואים שווערד, וואָס זיינען אַוועק קיין מערען, צי עסטרייך, צי בעמען, אין דייטשלאַנד און איטאַליע, האָט מען זיי אומעטום פריינדלעך צוגענומען, געגעבן עסן און טרינקען און געלעגער אויף דער נאַכט מיט מלבושים און אַ פולע מתנות, איטלעכן לויט זיין חשיבות, און מען האָט זיי געטאָן אַ פולע אַנדערע טובות, און מער פון אַלעמען האָט מען געטאָן אין דייטשלאַנד, מער וויפיל זיי האָבן געקאָנט, און זייער צדקות איז געגאַנגען פאַר זיי פאָראויס און האָט באַהיט און באַשיצט זיי און כל ישראל אין זייערע וואוינערטער. זיינען יידן געזעסן אין זייערע קהילות אין שלום און שלווה. זייער זכות זאָל אונז און אונזערע קינדער ביישטיין, אַז גאָט זאָל שוין דערהערן אונזער געשריי און אונז צונויפקלייבן פון אַלע עקן וועלט און זאָל שיקן דעם אמתן משיח גאָר אינגיכן פאַר אונזערע טעג. אמן סלה.

נתן־נטע האַנאָווער

זיין לעבן און זיין ליטעראַרישע טעטיקייט

פון י. איזראַעלסאָן

איבערדרוק פון די היסטאָרישע שריפטן פון יידישן
וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ב. I

דער פאַרשטאָרבענער י. איזראַעלסאָן, דער פּאַרדינסטפולער יידישער אָריענטאַליסט און מאַגיסטער פאַר געשיכטע, איז אַדאַנק זיין אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקייט, דעם ברייטן עולם געווען ווייניק באַקאַנט, אָבער אין די וויסנשאַפטלעכע קרייזן קען מען אים גוט. נאָכן ענדיקן מיט אַן אויסצייכענונג דעם פאַקולטעט פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכן אין פּעטערבורג, האָט ער פיל יאָרן געאַרבעט אין אויסלאַנד, וואו ער האָט אָנטייל גענומען אין אַ ריי פראַנצויזישע, דייטשישע און העברעישע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס. אין רוסלאַנד האָט ער מיטגעאַרבעט, אַלס אָנערקענטער אַראַביסט, אין דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע, ווי אויך אין רוסיש-יידישע אויסגאַבעס, באַזונדערס אין „וואָסכאָד“, איז באַקאַנט געוואָרן דער עיקר מיט זיין אויסגעצייכנטער וויסנשאַפטלעכער איבערזעצונג אין רוסיש פון יוסף פלאַוויוסעס ווערק.

אַ זייער וויכטיקע ראָלע האָט דער פאַרשטאָרבענער געשפּילט, אַלס וויסנשאַפטלער, בעת דעם ביילים-פּראָצעס, — אַ פאַקט, וואָס איז דער אויסערלעכער וועלט כמעט ווי ניט באַקאַנט. ער האָט פיל געאַרבעט איבער דעם ענטפער פון דער פאַרטיידיקונג אויף דער „רעליגיעזער עקספּערטיזע“ וועגן עלילת-דם ביי יידן. זייענדיק אַ גרויסער קענער פון דער ביבליש-תלמודישער און רבנישער ליטעראַטור און אַן אייראָפּעיש-געשולטער היסטאָריקער, האָט איזראַעלסאָן גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דעם אַנאַליז פון דער עקספּערטיזע. אָט דער אַנאַליז שטעלט פאָר אַ גרינדלעך וויסנשאַפטלעך ווערק. אַ קאָפּיע פון דעם ווערק, וואָס איז געבליבן אין כתב-יד, געפינט זיך איצט אין אונזערע הענט.

דעם אַרטיקל, וואָס מיר דרוקן דאָ וועגן נתן־נטע האַנאָווער, האָבן מיר באַקומען פון י. איזראַעלסאָן נאָך אין יאָר 1920, בעת ער האָט געוואוינט אין קיעוו. ערשט איצט — נאָך זיין טויט — האָבן מיר די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן אים. י. איזראַעלסאָן איז אין יאָר 1926 געשטאָרבן אין ליבאַווע, אין עלטער פון 70 יאָר. אַ טייל פון זיין ליטעראַרישער ירושה איז לעצטנס אַריבער צום יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

ר ע ד אַ ק צ י ע

פ ו ן ד י „ה י ס ט אָ ר י ש ע ש ר י פ ט ן"

דעם 16טן יאָרהונדערט האַלט מען פאַר אַ „גאָלדענער צייט" ביי די יידן אין פוילן. עס האָט זיך זיי דעמאָלט געלעבט בערך רויק און זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אין אַלגעמיין ניט קיין שלעכטע. פון עקאָנאָמישע גזירות האָבן זיי ווייניק געליטן. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט פריי אַרומצופאָרן און צו האַנדלען און האָבן ניט געפילט קיין באַזונדערע שנאה מצד דער אַרומיקער סביבה. דער באַקאַנטער רבנישער גדול ר' משה איסערליש (רמ"א) דריקט זיך אויס אין זיינעם אַ בריוו צו אַ רב, וועלכער איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד קיין פוילן, בזה הלשון: „בעסער אַ טרוקן שטיקל ברויט און מנוחה דאָ ביי אונז אין לאַנד, וואו די שנאה איז ניט אַזוי גרויס, ווי דאָס לעבן אין דייטשלאַנד"[1].

נאָך בעסער איז געווען די יידישע לאַגע אין אוקראַינע, וועלכע האָט זיך נאָך דער לובלינער אוניע (1569) פאַראייניקט מיט פוילן. די קאָלאָניזירונג פון אוקראַינע איז ביז דעמאָלט געגאַנגען זייער פּאַוואָליע, אָבער צו יענער צייט האָט זי זיך שטאַרק אַ רוק געטאָן פאָראויס. פריצים, מאַגנאַטן, קליינע שליאַכטשיטשעס — אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין אוקראַינע און האָבן פאַרנומען דאָס אומבאַוועצטע לאַנד. אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען דאָרטן אויסגעוואַקסן גרויסע און קלענערע מאַיאָנטקעס, שטעט און שטעטלעך. גלייך נאָך די פריצים זיינען אַהין געקומען אויך יידן, און דאָס האָט געבראַכט פיל נוצן דעם לאַנד. די יידן האָבן אַנטוויקלט דעם מסחר און די מלאכות און האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן צו פאַרפעסטיקן דעם עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד. זיי פלעגן האַלטן אין אַרענדע גיטער און אַפילו גאַנצע שטעטלעך; אין אַזוינע שטעטלעך פלעגן זיי טיילמאָל שפילן די ראָלע פון באַלעבאַטים אַלס פאַרוואַלטער פון שטעטל[2]. זיי פלעגן דאָ אַרענדירן די שטייערן, האַלטן שענקען

און פלעגן זיך אויך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט. דעם פּויפּס לעגאַט קאָמענדאָני דערציילט, אַז די יידן אין אוקראַינע פאַרמאָגן גרונט־אייגנטום. באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל, און דערביי אָבער זיינען זיי זיך אויך פיל מתעסק מיט וויסנשאַפט, על־פּי־רוב מיט מעדיצין און אַסטראָנאָמיע. דאָס זיינען פאַרמעגלעכע און געאַכטעטע מענטשן, וועלכע פלעגן ניט־זעלטן פאַקטיש זיין די אָרטיקע הערשער. זיי האָבן געטראָגן כלי־זיין און האָבן געהאַט דיזעלביקע רעכט, ווי די אַרומיקע באַפעלקערונג[3]. יעקב עמדין דערציילט אויך, אַז די יידן אין אוקראַינע אין דער תקופה ערב די שרעקלעכע יאָרן האָבן זיך מתעסק געווען מיט וועלטלעכע חכמות, מיט לימודים חיצוניים[4]. די גינציקע תנאים פונם יידישן לעבן אין אוקראַינע האָבן אַהין צוגע־צויגן פיל יידן פון אַנדערע לענדער, וואו ס'האָט זיך דעמאָלט שווער געלעבט, באַזונדערס פון דייטשלאַנד, וואו די יידן האָבן אין 16טן יאָרהונדערט שטאַרק געליטן פון די שטענדיקע רדיפות וואו מ'האָט זיי גערודפט און פאַרטריבן אַמאָל פון איין שטאָט, אַמאָל פון אַן אַנדערער[5].

פון דייטשלאַנד איז אויך געקומען קיין אוקראַינע די משפחה, וואָס פון איר שטאַמט נתן־נטע האַנאָווער[6]. דער פאַמיליע־נאָמען באַווייזט, אַז די דאָזיקע משפחה האָט געשטאַמט פון דער שטאָט האַנאָווער, ווייל יידן פלעגן דעמאָלט באַקומען די נעמען פון די שטעט, וועלכע זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן[7]. ווען האָט די פאַמיליע האַנאָווער עמיגרירט פון דייטשלאַנד — דאָס איז אונז ניט באַוואוסט, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס פּאַסירט אין יאָר 1593, ווייל דעמאָלט זיינען די יידן ענדגילטיק פאַרטריבן געוואָרן פון דער דערמאָנטער שטאָט[8].

נתן־נטעס געבוירנשטאָט איז געווען אָסטראָה (וואָלין)[9]; מען מעג משער זיין, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן פון 17טן יאָרהונדערט. וועגן זיין קינדהייט און זיינע דערציִונגס־יאָרן האָבן מיר אויך קיין שום ידיעות ניט, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער באַקומען די געוויינטלעכע יידישע דערציִונג פון יענער צייט, די זעלביקע, וואָס ער שילדערט אויף די לעצטע זייטן פון זיין בוך „יון מצולה“, וואו ער באַשרייבט דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידן

אין פוילן[10]. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט שטאַרקע רוחניותדיקע אינטערעסן. אָסטראָה איז דעמאָלט געווען די הויפּטשטאָט פון דער וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט[11] מיט אַ געדיכטער ייִדישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע רייכע האַנדלס־שטאָט האָט אין יענער צייט שטאַרק געשמט פאַר אַ מקום תורה, וואו עס האָבן געוואוינט פיל אָנגעזעענע תלמודיסטן און לומדים. דאָרטן האָבן געלעבט די באַרימטע גדולים — די רבנים און גלייכצייטיק אויך די אָרטיקע ראשי־ישיבה: שלמה לוריא (מהרש"ל), שמואל אידלש (מהרש"א), דער מחבר פונם פירוש צום שלחן ערוך — „טורי זהב" דוד הלוי, וואָס איז מער באַוואוסט אונטערן נאָמען „ט"ז"[12].

נתן־נטעס פאָטער איז, ווייזט אויס, אויך ניט געווען גלאַט אַ פּשוטער ייד, און ס'איז מעגלעך, אַז ער האָט פאַרנומען דעם כּסא־הרבנות; בכל אופן, זיין זון רופט אים מיטן טיטל — מוהר"ר, און אין דעם „אל מלא רחמים", וואָס וועגן אים וועלן מיר שפּעטער ריידן, הייסט ער „מורנו הרב ר' משה".

אַלס קינד האָט נתן־נטע געלערנט תורה ביי זיין פאָטער. שפּעטער האָט ער געלערנט אין דער אָסטראָהער ישיבה, מעגלעך — ביים מהרש"א אַליין; דער מהרש"א איז געווען ראש־ישיבה אין אָסטראָה ביז זיין טויט אין יאָר 1632.

דער תלמודישער לימוד אַליין האָט אָבער נתן־נטען ניט גע־קאָנט באַפרידיקן, און ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט קבלה. דער עיקר האָט ער זיך פאַרטיפט אין דער קבלה־ליטעראַטור פונם אר"י, וואָס האָט דעמאָלט שוין באַוויזן אַריינצודרינגען אין פּוילן און האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אויך אין אוקראַינע. פאַר דער דאָזיקער נייער שיטה האָבן דעמאָלט געפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע דעם אר"יס תלמידים, באַזונדערס ישראל סרוק[13], וועל־כער איז אַרומגעפאָרן איבער אַ סך יידישע לענדער בכדי צו פאַר־שפּרייטן דעם אר"ס תורה, און זיין איידעם שלמה שלמיל. דער לעצטער האָט אין זיינע בריוו צו אייניקע קהילות אין אייראָפּע גע־הויבן דעם אר"י ביז אין הימל אַריין[14]. דעם אר"יס תורה האָט זיך אין יענע יאָרן גיך פאַרשפּרייט קודם־כל אין איטאַליע, און שפּע־טער אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד. און פון דאָרטן איז זי געקומען

קיין פוילן. דאָ איז די נייע שיטה אויפגענומען געוואָרן מיט התפעלות פון נתן שפירא און זיינע זין [15]. אין אוקראַינע איז איר צוגעשטאַנען רבי ישעיה האָראָוויץ, אָדער ווי מען רופט אים לויט זיין חיבור „שני לוחות הברית" — דער של"ה, וואָס איז געווען אַ געוויסע צייט אַ רב אין אָסטראָה [16]. ער און רבי שמשון מאָסטראָפּאָליע, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש השם אין פּאָלאָנע, זיינען אין אוקראַינע געווען די וויכטיקסטע אָנהענגער פון דעם אר"י'ס קבלה [17].

די דרשה „טעמי־סוכה", וואָס נתן־נטע האָט געהאַלטן אין 1646טן יאָר אין קראָקע און וואָס איז שפּעטער געוואָרן אָפּגעדרוקט, באַווייזט, אַז ער האָט שוין פון דער היים מיטגעבראַכט טיפע ידיעות אין קבלה און אין איר וויכטיקסטן מקור — אין „זוהר". שפּעטער, בשעת ער האָט געלעבט אין איטאַליע צווישן באַגייסטערטע חסידים פון קבלה און איז געווען אונטער דעם רושם פון די צרות און פּיין, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אין אוקראַינע, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרטיפט אין קבלה און איז געוואָרן אַ הייסער חסיד פון דעם אר"יס—פון רבי יצחק לוריאס תורה. דערביי זיינען אים ניט געווען פרעמד אויך וועלטלעכע חכמות. ער האָט קאָנטיק געהאַט אַ באַזונדערע נטיה צו געשיכטע[18]. אין זיין בוך „יון מצולה" ווייזט ער אַרויס אַ פיינעם היסטאָרישן חוש פון אַן אמתן היסטאָריקער. ער האָט געקאָנט די פּוילישע, דייטשע, לאַטיינישע און איטאַליענישע שפּראַך און אַ דאַנק דעם פאַרפאַסט אַ פיר־שפּראַכיקן ווערטער־בוך.

נאָך זיין חתונה איז ער אַריבערגעפאָרן צו זיין שווער ר' אברהם [19] קיין זאַסלאַוו [20]. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך דאָרטן באַשעפטיקט מיט מגידות און פלעגט פון צייט צו צייט אַרויספאָרן אויך אין אַנדערע קהילות האַלטן דרשות. אויבן איז שוין געווען דערמאָנט די דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן 1646 אין קראָקע. אין זאַסלאַוו זיינען אים געבוירן געוואָרן צוויי טעכטער [21]; צי האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע קינדער, איז אונז ניט באַוואוסט.

אַזוי האָט ער געלעבט רויק און גליקלעך, ביז עס איז געקומען איבער אוקראַינע די שרעקלעכע צייט, דער שטורעמווינט, וואָס האָט געמאַכט אַ תל פון אַזוי פיל גרויסע קהילות, וואָס האָט אָפּגע־שטעלט די אַנטוויקלונג פון אוקראַינישן יידנטום אויף אַ לאַנגער

צייט. די דאָזיקע צרה האָט געצוואונגען נתן-נטע האַנאָווער צו פאַרלאָזן זיין רויִק לעבן און זיך נעמען צום וואַנדערשטעקן.

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1648. „דאָס יאָר, וואָס האָט געבראַכט שלום און שלווה פאַר מיטל-אייראָפּע און פרייהייט פאַר ענגלאַנד, דאָס יאָר, ווען, לויט פיער-דע-לאַפּאָנס נביאות, קריסטוס האָט געזאָלט צום צווייטן מאָל דערשיינען פאַר דער וועלט, און ווען, לויטן „זוהר", האָט געזאָלט קומען משיח, — דאָס זעלביקע יאָר איז געווען אַ יאָר פון שרעקלעכע צרות און פיין פאַר די אוקראַינער יידן"[22]. פלוצים, אומגעריכט, ווי אַ דונער אין אַ שטילן העלן טאָג, האָט אויפגעפלאַקערט דער קאָזאַקן-אויפשטאַנד אין אוקראַינע, אָנגעפירט דורך דעם טשיהירינער „סאָטניק" — באָגדאַן כמיעלניצקי. דער אויפשטאַנד, וואָס איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע אונטערן נאָמען „גזרות ת"ח ות"ט", איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך פאַרשיידענע רעליגיעזע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיבות און איז געווען געווענדט קעגן די פּאָליאַקן — די הערשער, אָבער פאַקטיש איז דאָס געוואָרן אַן אויפשטאַנד אויך קעגן יידן, וועלכע דאָס אוקראַיִנישע פאָלק האָט געהאַלטן פאַר די מיטהעלפער פון זיינע פוילישע באַדריקער.

אין דער אמתן אָבער האָט די יידישע מאַסע אַליין ניט ווייניקער פון דעם אוקראַיִנישן המון געליטן פון פוילישן דרוק און האָט געצוואונגענערהייט געמוזט טאָן דעם ווילן פון די פוילישע פאַנעס. די דאָזיקע באַוועגונג האָט מיטגעריסן אין אוקראַינע דאָס פויערטום און די שטאָטישע באַפעלקערונג און האָט זיך ברייטער ווי אַ כוואַליע צעגאָסן איבערן גאַנצן דניעפּער-קאַנט. די אויפגעשטאַנענע אוקראַיִנער האָבן זיך פאַראייניקט מיט זייערע פריערדיקע שונאים, די קרימער טאָטערן, וועלכע האָבן געזוכט נאָר אַ געלעגנהייט צו גזלה, און צוזאַמען מיט די טאָטערן האָבן זיי זיך אַלאָז געטאָן ראַבעווען און אויסהרגענען די יידישע און די פוילישע באַפעלקערונג מיט אַ שרעקלעכער רציחה. זיי האָבן פאַרברענט און פאַרטיליקט אַלץ, וואָס איז זיי געשטאַנען אין וועג; ווער עס איז נאָר אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָט געמוזט אויסשטיין עינויים קשים פאַרן טויט. כמעלניצקים חיילות האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאָר ניצחונות איבער די פּאָליאַקן, האָבן

פארברענט און אויסגעהרגעט אגאנצע ריי שטעט מיט א גרויסער יידישער באפעלקערונג, געמאכט א בלוט־באד אין די יידישע שטעט נעמיראוו און טולטשין און האבן דערלאנגט ביז פאלאנע, ניט ווייט פון זאסלאוו, וואו נתן־נטע האט דעמאלט געוואוינט.

אויף דער דאזיקער שטאט לוינט זיך עטוואס לענגער אפצושטעלן, און ביי דער געלעגנהייט לאזן רעדן דעם מחבר פון „יון מצולה" אליין.

נתן־נטע באשרייבט דעם גורל פון זאסלאוו און פון אירע איינוואוינער בזה הלשון [23]: „מיר האבן אין זאסלאוו דערהערט, אז די טאטערן און די יוונים (אוקראינער) באלעגערן די שטאט פאלאנע — ווייל מיר פלעגן יעדן טאג שיקן שלוחים קיין פאלאנע. דינסטאג, א' לחודש מנחם אב, האט דער שליח ניט געקאנט צוקומען צו דער שטאט, ווייל זי איז שוין געווען ארומגערינגלט פון שונא. ערשט אויף מארגן, מיטוואך, איז דער שליח צוריקגעקומען מיט דער טרויעריקער בשורה, אז די שונאים באלעגערן פאלאנע. זאסלאוו ליגט ניט מער ווי זעקס מייל פון פאלאנע. זיינען מיר אלע, ווער ס'איז נאר געווען בכוח, דאנערשטאג אנטלאפן פון שטאט, איבערגעלאזט אונזערע הייזער פול מיט האב און גוטס, מיט סחורה, ספרים און טייערע חפצים, ניט געזשאלעוועט אונזער פארמעגן, אבי נאר צו ראטעווען אונזער לעבן און דאס לעבן פון אונזערע זין און טעכטער. א טייל איז געלאפן קיין אסטראה, אין דער הויפטשטאט פון לאנד, א גרויסע שטאט פול מיט לומדים, חכמים, א גרויסער מקום־תורה. איך מיט מיין פאמיליע און מיין שווער ר' אברהם פון זאסלאוו מיט זיין משפחה זיינען אנטלאפן קיין מעזעריטש, וואס ליגט א מרחק פון א תחום־שבת פון דער הויפטשטאט אסטראה.

אין אסטראה און אין מעזריטש זיינען זיך צונויפגעלאפן איבער צען טויזנט יידן מיט זייערע פאמיליעס, וועלכע האבן געוואלט איבערווארטן שבת־חזון, ביז מ'וועט באקומען ידיעות פון פאלאנע און ביז די לאגע וועט קלאר ווערן. מיר זיינען געקומען קיין מעזריטש ערב־שבת בייטאג, און גלייך נאכדעם איז געקומען די ידיעה, אז דער זאסלאווער דוכוס, דער קאמאנדיר דאמיניק וועט מיט א גרויסן חיל נאך דעמזעלביקן טאג ארויסגיין אנטקעגן דעם דוכוס וישנעוועצקי, כדי צוזאמען גיין באפרייען פאלאנע פון דעם שונא. און אזוי איז טאקע

געווען. דער דוכּוס און מיט אים טויזנט אויסדערוויילטע זעלנער, און צווישן זיי דער גבור מיטן נאָמען לאַשטש, זיינען אַרויסגעטראָטן, און דער איבעריקער טייל איז געגאַנגען פון הינטן. מיר האָבן זיך דערפרייט און זיינען געווען זיכער, אַז נאָך שבת-חזון וועלן מיר זיך אומקערן צוריק אַהיים, וויל ביז זאַסלאַוו איז געווען נאָר 4 מייל. מיר האָבן אויך געהאָפט, אַז אונזערע ברידער אין פּאָלאָנע וועלן אויסגעלייזט ווערן פון די צרות.

„נאָר שוין האַרט פאַר קבלת-שבת איז געקומען די ישוי-דערלעכע בשורה, אַז דער מאַגנאַט, דער ראש-העיר פון פּאָלאָנע, און מיט אים אין איינעם אַסך מאַגנאַטן זיינען אַנטלאָפן פון דאָרטן און האָבן דערציילט, אַז פּאָלאָנע איז געפאַלן. אַלע דאָרטיקע מאַגנאַטן און יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן און דער שונא גייט אויף זאַסלאַוו. דער דוכּוס ווישנעוועצקי מיט זיין חיל איז אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָוו, און די קאָזאַקן און די טאָטערן האָבן אים נאָכגעיאָגט און אַ טייל פון זיי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו אָסטראָה און מעזריטש. דעמאָלט איז אויף די פּוילישע מאַגנאַטן אָנגעפאַלן אַ שרעק און אַ גרויסער פּחד איז אויך געפאַלן אויף די יידן, די געמיטער זיינען געפאַלן און אַלע האָבן געוואַרט נאָר אויף דעם, וואָס וועט טאָן דער קאָמאַנדיר — דער דוכּוס דאָמיניק.

„אינמיטן דער נאַכט איז דער דוכּוס דאָמיניק אַרויס פון דער שטאָט דורכן די טויערן, וואָס פירן קיין פוילן, מחמת ער האָט מורא געהאַט צו גיין מיטן טראַקט, וואָס פירט קיין קרעמענעץ דורך זאַסלאַוו, וואו ס'זיינען שוין געשטאַנען גרויסע מחנות קאָזאַקן און טאָטערן, און דאָמיניק האָט בּיי זיך געהאַט נאָר אַ קליינעם חיל. האָט ער בכן באַשלאָסן צו גיין אויף אַן אַרום-וועג קיין קרעמענעץ, ניין מייל דורכן וואַלד, און דאָרטן אָפּוואַרטן, ביז ס'וועלן צו אים צוקומען נאָך פּוילישע חילות, כּדי מיט זיי צוזאַמען גיין קיין קאָנסטאַנטינאָוו. דער עולם האָט אָבער געמיינט, אַז דער שר-החיל אַנטלויפט קיין פוילן, און האָט צו זיך אַזוי געזאָגט: „אויב דאָס פייער האָט אַרומגעכאַפּט די צעדערביימער, וואָס-זשע בלייבט די קליינע גרעזעלעך צו טאָן? [24] אויב דער שר-החיל איז אַנטלאָפן, וואָס זשע וועט זיין מיט אונז?" די פּרנסים פון אָסטראָה האָבן

מכריז ומודיע געווען, אַז קיין איין ייד זאָל למען השם נישט בלייבן אין שטאָט, און דאָס אייגענע האָט מען געטאָן אין מעזריטש, ווייל דער שונא איז געשטאַנען שוין אַ מרחק פֿון צוויי מייל, אַחוץ דעם זיינען מיר נישט געווען זיכער, אַז די אָרטיקע איינוואוינער, די יוונים (אוקראַינער), וועלן אויף אונז אויך ניט אָנפֿאַלן. און אַלע האָבן די עצה געהאָרכט און זיינען אַנטלאָפֿן. ווער ס'האָט געהאַט פֿערד־און־וואָגן איז געפֿאָרן, ווער ס'האָט קיין פֿערד־און־וואָגן ניט געהאַט, הגם ער איז געווען בכוח עס צו קויפֿן, האָט דערצו קיין צייט ניט געהאַט, און האָט פֿאַרנומען ווייב און קינד, איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע האָב־און גוטס אויף הפקר און געלאָפֿן צופֿוס. אַפֿילו די, וואָס האָבן געהאַט פֿערד־און־וואָגן און האָבן זיי אָנגעפּאַקט מיט סחורה, ספֿרים אָדער אַנדערע זאַכן, האָבן געמוזט שפּעטער דאָס אַלץ אָפּגעבן אין וועג דעם קרעטשמער, כדי ס'זאָל לייכטער זיין צו אַנטלויפֿן. און עס האָבן זיך געצויגן דעם שבת־חזון דריי רייען פֿורן איינע לעבן דער אַנדערער אין דער ברייט — אויף אַ מרחק פֿון זיבן מייל פֿון אָסטראָה ביז דובנע, איין וואָגן האַרט הינטער דעם אַנדערן, ניט גערעכנט אָן אַ צאָל פֿוסגייער. ביי טאָג צוויי אַ זייגער דעמזעלביקן שבת־חזון האָבן אונז דעריאָגט דריי רייטער, איין ייד, ר' משה צורף פֿון אָסטראָה, און צוויי פּוילישע פּאַנעס, וועלכע האָבן צו אונז געזאָגט: „וואָס גייט איר אַזוי פּאַמעלעך, דער שונא איז דאָך שוין באַלד דאָ, ער איז שוין אין מעזריטש, מיר זיינען קוים פֿון אים ניצול געוואָרן!“ גלייך איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה און אַ שרעקלעכע רגע איז געקומען פֿאַר אונזערע אחינו בית ישראל, וואָס האָט גאָר ניט איר גלייכן. יעדערער האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון וואָגן זיין גאָלד און זילבער, זיינע בגדים, ספֿרים, בעטגעוואַנט — אַבי נאָר גיכער צו אַנטלויפֿן און ראַטעווען די נשמה. אויפֿן פֿעלד האָט זיך געוואַלגערט גאָלד און זילבער און קליידער — און קיין ייד האָט עס ניט אויפֿגעהויבן. אין יענעם מאָמענט איז מקוים געוואָרן אויף אונז די תוכחה: „זייער זילבער און גאָלד וועלן זיי אַרויסוואַרפֿן אין אַלע גאַסן“[25]. אַ טייל האָט געוואָרפֿן זייער פֿערד־און־וואָגן מיט אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען, זייערע ווייבער, און זיינען אַנטלאָפֿן אין וואַלד. און פֿיל פֿרויען און מענער, וואָס האָבן גע־

טראָגן מיט זיך זייערע קינדער, האָבן אין דער בהלה געלאָזט די קינדער און זיינען אַנטלאָפן און באַהאַלטן זיך אין די וועלדער און אין די גריבער, כדי צו ראַטעווען זייער אייגן לעבן. אין דעם מאָמענט איז מקויים געוואָרן אויף אונז דער פסוק: „איר וועט לויפן און קיינער וועט אייך ניט יאָגן"[26], ווייל עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס איז געווען אַליין, ניט דער שונא און ניט די טאַטערן האָבן אונז גאָרניט נאָכגעיאָגט, נאָר דער פחד איז דעם גאַנצן שבת־חזון געווען אַזוי שטאַרק, אַז יעדערן האָט זיך געדוכט, אַז די יוונים יאָגן אים.

„אויף מאָרגן נאָך שבת איז אונז קלאָר געוואָרן דער אמת, אַז דער שר־החיל איז ניט אַנטלאָפן קיין פוילן, נאָר געגאַנגען קיין קרעמענעץ. דעמאָלט האָבן זיך אונזערע געמיטער באַרויִקט און ווייטער איז מען שוין געלאָפן אָן פחד. און מיר זיינען געגאַנגען פון איין אָרט צום צווייטן, איבער שטעטלעך און דערפער, געגעכטיקט אויפן שליאַך, און מיר האָבן קיין מנוחה ניט געקאָנט געפינען. דער ראַבעוועט אונז, דער טרעט מיט די פיס, דער מאַכט פון אונז חוזק, און עס זיינען מקויים געוואָרן אויף אונז די פסוקים: „און צווישן די דאָזיקע פעלקער וועסטו קיין רו ניט געפינען און קיין מנוחה פאַר דיינע פיס... דיין לעבן וועט דיר הענגען פאַר דיינע אויגן און טאָג און נאַכט וועסטו לעבן אין שרעק און דו וועסט ניט זיכער זיין מיט דיין לעבן"[27]. אַלע נעכט פלעגן מיר זיך אָפשטעלן אין אַ קרעטשמע ביי יוונים און טראַכטן, אַז דער קרעטשמער וועט אונז ביינאַכט הרגענען, ווייל זיי האָבן אַלע געהאַט אַ שייכות צום אויפשטאַנד, און אַז מיר פלעגן אינדערפרי אויפשטיין, פלעגן מיר זאָגן ברוך מחיה מתים, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן.

„נאָכדעם ווי די שונאים האָבן גענומען פאָלאָנע און אַ הל געמאַכט פון דער שטאָט, זיינען זיי געגאַנגען פון דאָרטן קיין זאַסלאַוו, האָבן דאָרטן צעראַבעוועט די גאַנצע קהילה, אויסגעהרגעט ביז צוויי הונדערט יידן, וועלכע זיינען ניט בכוח געווען צו אַנטלויפן מחמת שלאַפקייט; אַ טייל יידן האָבן זיך פאַרלאָזן אויף זייער גוט־פריינדשאַפט מיט די יוונים און געהאָפט, אַז יענע וועלן זיי מציל זיין, און האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, ביז די צרה וועט זיין פאַר־

ביי. דאָרטן זיינען זיי געלעגן באַהאַלטן אַ לאַנגע צייט, זיינען שיר נישט געשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט און געזאָגט צו זיך, אַז ס'איז בעסער דער טויט איידער אַזאַ לעבן. לאָמיר גיין — האָבן זיי געזאָגט — אין שטאָט אַריין און דאָרטן שטאַרבן, ווייל ס'איז בעסער צו פאַלן פון שווערד, ווי אויסגיין פאַר הונגער[28]. און אַז זיי זיינען געקומען אין שטאָט אַריין, האָבן זייערע גוטע פריינד, די איינוואוינער פון שטאָט, זיי געכאַפּט און געוואָלט זיי טויטן; האָבן די יידן אָנגעהויבן בעטן, מ'זאָל זיי טויטן אויפן בית=עולם, כדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו קבורה. די גויים האָבן נאָכגעגעבן זייער בקשה, האָבן זיי אַוועקגעפירט אויפן בית=עולם און די יידן זיינען אַריין אין שטיבל פונם בית=עולם און דאָרטן זיינען זיי אַלע דערהרגעט געוואָרן, און נאָכדעם האָבן די גויים פאַרברענט דאָס שטיבל אינאיינעם מיט די יידן. און די יידן האָבן אַזוי געהאַט צוויי מיתות — דורכן שווערד און דורכן פייער — בהרג ושרפה. און די גלחים פון זאַסלאַוו האָבן נאָך פון זיי אַראָפּגעשונדן די הויט לעבעדיקערהייט. די מאַגנאַטן, וואָס זיינען דאָרטן פון לאַנג געלעגן באַגראָבן, האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די קברים ווי פגרים[29], און דאָס גאָלד און זילבער פון די קברים האָט מען צעראַבעוועט. די קלויסטערס (די קאַטוילישע) האָט מען צעשטערט, און פון אונזער שול האָבן זיי געמאַכט אַ שטאַל פאַר פערד. דאָס אייגענע האָבן זיי אויך געטאָן אין אָסטראָה. דאָרטן האָבן זיי אויסגעהרגעט ביי זעקס הונדערט נפשות, וואָס זיינען פאַרבליבן אין שטאָט"[30].

צווישן די קרבנות פון דער אָסטראָהער שחיטה איז אויך געווען משה האַנאָווער, דער פאָטער פון נתן=נטען. דער מחבר פון „יון מצולה" דערציילט ניט וועגן זיין פאָטערס טויט, נאָר אומעטום, וואו ער רעדט וועגן אים, איז ער מוסיף צו זיין נאָמען: „הקדוש" — דער אומגעקומענער על קדוש השם[31]. אויך דערציילט ער גאָרניט וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָט אים מיט זיין פאַמיליע אָפּגעגליקט צו אַנטרינען פון די ווילדע קאָזאַקן און ניצול ווערן פון דעם לאַנד, וואָס איז געוואָרן אַן אמתע שחיטה=הויז פאַר יידן. בכלל פעלט ביי אים כמעט אינגאַנצן, ווי ביי אַלע יידישע שרייבער פון די אַלטע צייטן, דער פערזענלעכער מאָמענט. זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גיט ער אָפּ

די געשעענישן, וואָס ער באַשרייבט, און מישט ניט אַריין זיין „איך"[32]. ווי די מעשה איז, אים האָט אָפּגעהאַלטן אַרויסצוגיין בשלום פון דער סכנה און ער האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער דער וועלט, מיט אַ גרויסער פאַמיליע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט מיט אים צוזאַמען, אָן שום מיטלען צום לעבן. צוערשט איז ער געקומען קיין דייטשלאַנד און איז אַרומגעפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, און זיין חיונה האָט ער געהאַט פון האַלטן דרשות. ער איז צו דעם געווען גוט צוגעגרייט, אַדאַנק זיינע טיפע ידיעות און זיין פריערדיקער פּראַקטיק און אַדאַנק זיין רעדנער־טאַלאַנט[33]. פון די דרשות, וואָס ער פלעגט דאָ האַלטן שבת און יום־טוב, האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנץ בוך — „נטע שעשועים". דאָס בוך איז אָבער ניט געדרוקט געוואָרן.

פון דייטשלאַנד איז ער, ווייזט אויס, אַוועקגעפאָרן קיין האָלאַנד. דאָרטן, אין אַמסטערדאַם, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין קראָקעווער דרשה „טעמי־סוכה". ער איז אָבער אין דייטשלאַנד און האָלאַנד ניט לאַנג פאַרבליבן. אים האָט געצויגן קיין איטאַליע — ניט צום לאַנד „וואו די ציטראָנען בליען", נאָר וואו די קבלה האָט דעמאָלט אַזוי אויפגעבליט. דאָרטן, האָט ער געהאָפט, וועט זיין אָנגעווייטאָגט האַרץ זיך אויסרוען פון די איבערגעטראָגענע יסורים, וואָס זיינען געבליבן טיף שטעקן אין זיין זיכרון. ער איז פון תמיד געווען אַסקעטיש געשטימט, און איצט, אונטער דעם איינדרוק פון די לעצטע געשעענישן, האָט ער באַקומען אַ שטאַרקע נטיה צו מיסטיק. ער איז אויך געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט אויפשטעלן די כראָניק פון די רדיפות אין אוקראַינע. און באַשרייבנדיק דאָס, וואָס ער האָט דאָרטן געזען, האָט ער צום צווייטן מאָל דורכגעלעבט די שרעקן און פיין, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

אין יאָר 1652 געפינען מיר אים אין ווענעציע, וואו ער האָט געפונען אַ מקום־מקלט אין דעם בית־המדרש פון דעם מעדיקוס דוד וואַלענסין (דע־אַלאַנסין)[34]. און דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן זיין באַרימטן היסטאָרישן חיבור „יון מצולה". אין אַ יאָר אַרום האָט ער באַקומען אַ שטעלע פון אַ רב אין ליוואָרנע[35]. אין ליוואָרנע איז ער

זיך צונויפגעקומען מיט חיים הכהן מארם־צובא (פון אַלעפּאָ אין סיריע)[36], רבי חיים וויטאַלס אַ תלמיד, וועלכער האָט אים אַנטפּלעקט סודות פון לוריאס קבלה און האָט אים איבערגעגעבן אַ סך חידושים פון זיין רבין, וואָס זיינען ניט אַריין אין חיבור „עץ־חיים“. צו דערזעלביקער צייט האָט ער זיך מתקרב געווען מיט נתן שפּירא, וועלכער איז געקומען קיין ירושלים[37]. צוזאַמען מיט זיי איז ער צום צווייטן מאָל געקומען קיין ווענעציע און געזעסן דאָרטן צוויי יאָר צייט — 1655 און 1656 — אין דער ישיבה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ברידער אברהם און דניאל מאַניאַן, אין אַ סביבה פון אַזעלכע באַגייסטערטע אָנהענגער פון לוריאס קבלה[38], ווי ר׳ שמואל אבוהב, משה זכות און בנימין הלוי. דאָ האָט ער ענדלעך געפונען אַ רויִק לעבן און האָט געהאַט די מעגלעכקייט אינאיינעם מיט זיינע חברים זיך צו פאַרטיפן אין די סודות פון דער קבלה. מאַטעריעלע שטיצע האָט ער באַקומען פון דער חברה „תלמוד־תורה“ און פון די באַגרינדער פון דער ישיבה. אַז עס זיינען אַריבערגעגאַנגען די צוויי יאָר, איז ער אַוועק קיין וואַלאַכיע (היינטיקע רומעניע) און איז געוואָרן דאָרטן רב, פריער אין יאַס און נאָכדעם אין פּאָקשאַן[39]. וואָס האָט אים געטריבן צו פאַרלאָזן ווענעציע, ווייסן מיר ניט. עס קאָן זיין, אַז ס׳איז אים שווער געווען צו זיין אָפּהענגיק פון די בעלי־צדקה, דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע, וואָס ער האָט געמוזט זאָרגן פאַר איר. אפשר איז דאָס געווען די סיבה, פאַרוואָס ער האָט אָנגענומען דעם כסא הרבנות אין דער ווייטער, האַלב־ווילדער וואַלאַכיע. ס׳ווייזט אויס, אַז אין וואַלאַכיע האָט ער פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. אין דער דאָזיקער צייט האָט ער זיך געקאָנט אָפּגעבן מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט און ס׳איז אים געראָטן אַרויסצוגעבן צוויי זייע חיבורים, וואָס האָבן ביידע אַ פּראַקטישן צוועק: דעם פּירושפּראַכיקן ווערטערבוך „שפה ברורה“ און דעם ספר „שערי־ציון“ — אַ זאַמלונג פון פאַרשיידענע תפילות.

אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן פונם 17טן יאָרהונדערט געפינען מיר אים ווידער אין אַן אַנדער אָרט — אין אונגאַריש־ברָאָד, אַ שטאָט אין מערן; דאָרטן איז ער געווען דיין און מגיד[40]. זיינע פּסקי־דינים אַלס דיין און זיינע אויסגעצייכנטע דרשות האָבן אים

פארשאפט א סך כבוד אין דער קהילה. דא, אין בראד, האט ער חתונה געמאכט זיינע ביידע טעכטער; עס איז אונז געבליבן באקאנט דער נאמען פון איין איידעם — ישראל ניסן מברודא[41]. אין בראד האט ער אנגעשריבן צווי קבלה־ספרים „תוקף יין" און „יפה־נוף".

אים איז אבער ניט געווען באשערט אפנים רויק דורכצולעבן זיין לעצט ביסל יארן און צו שטארבן מיט א נאטירלעכן טויט. זיין ביטערער מזל האט גורם געווען, אז ער, וואס האט אין זיין לעבן אזוי פיל דורכגעליטן, וואס האט זיך אנגעזען אזוי פיל מעשים נוראים, און איז אליין קוים אנטרונען געווארן פון א שרעקלעכן טויט על קידוש השם אין אוקראינע — אז ער זאל נאך אזוי פיל וואנדערונגען און וואגלענישן אויף די עלטערע יארן קומען אין א שטאט, וואו ס'איז באלד נאכדעם אויסגעבראכן א פאגראם אויף יידן, און וואו ער איז אומגעקומען פון די הענט פון ווילדע מערדערס. דאס איז געווען די צייט פון מלחמה צווישן טערקיי (אונטער דעם סולטאן מאכמעד דעם זעקסטן), און עסטרייך (אונטער דעם קייזער לעאפאלד דעם 1טן). דער טערקישער חייל, אונטער דער אנפירונג פון קארא מוסטאפא, האט זיך אריינגעריסן אין אונגארן, באזעצט די שטאט אפען און האט זיך געלאזט גיין אויף ווין. צו די טערקן איז צוגעשטאנען דער אונגארישער גראף עמעריק טעקעלי, וועלכער איז געווען עסטרייכס א שונא און האט שוין פריער געמאכט אן אויפשטאנד קעגן דעם קיניג; ער האט צונויפגעקליבן א גרויסן חייל, וואס איז באשטאנען דאס רוב פון ווילדע קורוצן. דעמזעלביקן טאג, ווען די טערקן האבן גענומען באלעגערן ווין, דעם 14טן יולי 1683, האט זיך טעקעלים חייל, אונטער דער אנפירונג פון דוד פעטענהאזי, אריינגעריסן אין מערן. דער ערשטער קרבן איז געווען די שטאט אונגאריש־בראד, וואס איז געבליבן אינגאנצן אן מיליטערישן שוץ. די באנדעס זיינען פלוצים אנגעפאלן אויף דער שטאט, גאנץ פרי, בשעת די יידן האבן געדאוונט שחרית אין שול. די ווילדע קורוצן האבן זיך אריינגעריסן אין דער שול און אויסגעקוילעט אן רחמנות אלע יידן, וואס זיינען דארטן געווען. פון זייערע הענט איז אויך געפאלן נתן־נטע האנאווער. זיין לעצטע בקשה איז געווען, מען זאל אים מקבר זיין אויפן יידישן בית־עלמין. זיין בקשה איז דערפילט געווארן, און ביזן היינטיקן

טאָג שטייט נאָך אויף זיין קבר אַמצבה מיט פּאָלגנדיקער אויפ־שריפט: [42]

תמ"צ"ל

רבינו הקדוש חמדת ישראל
כלי הקודש מנורה הטהורה
פה המתגבר בתורה
נהרג במיתה חמורה,
אשריו שיצאה נשמתו מגוף טהורה
והשלים נפשו על יחוד שם הבורא,
מי לנו גדול ממורנו הרב
ר' נתן נטע
ב"מ משה מאסטרה, עלתה נשמתו
למרום, וכתר תורה על ראשה לעטרה
כ' תמוז בחודש נהפך מיגון לצרה
ת"נ"צ"ב"ה

אַט אַזוי איז געקומען דער סוף צו נתן־נטע האַגאָווערס לעבן, אַ לעבן, וואָס איז געווען פול מיט צרות, לייד און יסורים, אָבער אויך רייך מיט ליטעראַרישן אויפטו, וואָס האָט פאַראייביקט זיין אָנדענק ביי די שפּעטערדיקע דורות. אויף וויפיל ער איז געווען באַרימט שוין ביי זיין לעבן, קאָן מען זען פון דעם „אל מלא רחמים", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן וועגן דער שחיטה אין אונגאַריש־בראָד, און פון די שבחים אין דעם הספר אויף די בראָדער קרבנות, וואָס האָט ערשיינט אונטערן נאָמען „חורבן גדול שהיה בק"ק אונגריש ברודא".
אַט זיינען די ווערטער, וואָס ריידן וועגן אים:

פון דעם „אל מלא רחמים" [43]:

„ויזכור את נשמת חסידא ופרישא
מורי מורינו הרב ר" נתן נטע
ב" הקדוש מורינו הרב ר" משה.
נידון במיתה משונה וקשה,
תפילין על זרועו וראשו בקדושה.
למה תביט מחשה —
זו תורה וזו שכרה.

פה מפיק מרגליות ילחוך בעפרא,
מוכיח לרבים היה, והדריכם בדרך ישרה,
על אלה אני בוכיה ועיני מים נגרה".

דער אָרט פון ספר „חורבן גדול", וואָס איז געשריבן אין יידיש:

„הגאון הגדול מרינו רב נטע
אין דר גנצי וועלט איז ניט זיין גלייכן.
הוט זיך דאס ערשטי מאל לדר ניט קענין אנטווייכן,
און האט אים לאדר דער שאטן אין קאפ געטראפן...
צו אלר ליא נדבות אין דער וועלט,
איז איבראל זיין געלט.
פון זיין תורה ומעשים קען מין ניט אַלש דר שרייבען,
ווי זאָלין מיר ניט צער טרייבען...
ווי אים זיין נשמה איז אויז גיגנגין
האבין אים מוזין די לייט די הנט גילנגין,
דז זי וועלין טאן די קבורה,
אולי וורט זיין מיתה זיין איין כפרה".

ער האָט באמת פאַרדינט די דאָזיקע שבחים אַראַנק זיינע פיינע מידות און זיין פאַרשיידנאַרטיקער און גרויסער לומדות. און טיפע יראת־שמים, זיין אַסקעטיש שטרענגע לעבנספירונג, זיין ברייטע האַנט אין צדקה־זאַכן, בשעת ער אַליין איז געווען אַן אָרעמאַן און אַ מסתפק במועט, זיינע אינהאַלט־רייכע און טיף דורכגעפילטע דרשות, זיין וויכטיקע ליטעראַרישע אַרבעט — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף זיין סביבה, און האָט אים פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען און אַ גוטן אָנדענק.

דער עיקר איז ער באַקאַנט געוואָרן דורך זיינע ווערק. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט איניקע פון זיינע חיבורים, אָבער עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אויספירלעכער אויף יעדן חיבור באַזונדער. מיר גיבן דאָ דעם אינהאַלט און אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון יעדן ספר, לויטן כראָנאָלאָגישן סדר:

1) „טעמי־סוכה“ — אַ דרשה וועגן דעם באַטייט פונעם יום־טוב סוכות און וועגן די תפילות פון סוכות. די דרשה איז געהאַלטן געוואָרן אין קראָקע 1646, אָבער געדרוקט געוואָרן איז זי ערשט 1652 אין אַמסטערדאַם. פריער האָט זי ניט געקאָנט געדרוקט ווערן מחמת דעם, ווי דער מחבר שרייבט: „מלסבת הרעש והמהומה שהיה בארצנו באילו השנים, גזירות קשות רעות ושמדות ומיתות משונים, ודבר וחרב, וכיונה בחגוי הסלעים היינו טמונים וגם כספנו השלכנו כאבנים“.

אין דעם דאָזיקן קליינעם ספר, וואָס פאַרנעמט נאָר 12 דפים קוואַרטאָ, האָט דער מחבר געבראַכט אַלע מאמרים פון תלמוד, וואָס האָבן אַ שייכות צו סוכות און וואָס ער דערקלערט זיי אויפן אַלעגאָרישן אופן, און איז זיך דערביי סומך אויפן „זוהר“. אין דעם דאָזיקן ערשטן חיבור ברענגט שוין דער מחבר אַריין אַ קבלהשן עלעמענט, וואָס ווערט אין די אַנדערע ווערק אַלץ שטאַרקער.

2 „יון־מצולה“ — אַ היסטאָרישע ווערק. באַשרייבונג פון די גזירות ת"ח ות"ט און פון די שפּעטערדיקע יאָרן ביז 1652 (תי"ב). דער נאָמען „יון־מצולה“ איז גענומען פון תהילים, קאַפּיטל ס"ט, פסוק י"ג, און הייסט אויף יידיש „אַ טיפער זומפּ“. בוכשטעבלעך איבערגעזעצט, הייסט יון — אַ זומפּ און מצולה — אַ וואַסער־אָפּגרונט. דער מחבר באַנוצט אָבער דעם אויסדרוק בדרך רמז. דאָס וואָרט יון האָט פריער געהייסן אַ יאָניער, נאָכדעם בכלל אַ גריך; שפּעטער האָט מען אונטערן וואָרט יוונים געמיינט די רוסן, ווייל זיי האָבן אָנגענומען דעם גריכיש־קאַטוילישן גלויבן. אין דעם דאָזיקן פאַל, ביי נתן־נטע האַנאָווער, הייסן „יוונים“ — די אוקראַינער בכלל און די קאָזאַקן בפרט, אַזוי אַז „יון־מצולה“ קאָן הייסן „דער קאָזאַקישער אָפּגרונט“. דער דאָזיקער נאָמען האָט אָבער נאָך אַן אַנדער טעם: דער צאָל־באַטייט פון די אותיות אין „טבעתי ביון מצולה“ (ווי עס שטייט אין תהילים) איז דערזעלביקער, ווי די צאָל אין „חמיל וקדר ביון יחדיו חברו“ (כמעלניצקי און די טאַטערן האָבן אינאיינעם אַריינגעדרונגען אין אוקראַינע). ער באַנוצט אָפט אַזוינע צרופי־אותיות, גימטריאות און אַנדערע קבלהשע המצאות[44],

וואָס לויט זיי קאָן מען געפֿינען אין תּנ״ך נבֿואות פֿאַר אַלע צרות, וואָס קומען אָן אויף ייִדן.

נאָכדעם ווי דער מחבר איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַנע קבלהשע אײַנפֿאַלן, גייט ער איבער צום סיפּור המעשה פֿון די היסטאָרישע געשעענישן. און דאָ ווײַזט ער אַרויס אַ פֿײַנעם פֿאַרשטאַנד פֿאַר געשיכטע און אונטערשיידט זיך גרינדלעך פֿון אַנדערע אַלטע ייִדישע כראָנאָגראַפֿן און היסטאָריקער, וואָס וואַרפֿן אָן אַ באַרג מיט פֿאַקטן, אָן שום כראָנאָלאָגישן סדר און אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג[45]. נתן־נטע האַנאָווער דערציילט וועגן די געשעענישן כראָנאָלאָגיש, צייכנט אָן יעדן מאָל די גענויע דאַטע פֿון דעם אָדער יענעם פֿאַקט און דערבײַ ווײַזט ער אַרויס גרויס פֿאַרשטאַנד און קענטעניש פֿון דעם אַלגעמיינעם גאַנג פֿון דעם אויפֿשטאַנד אין אוקראַיִנע און פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס פֿון די פּאָליאַקן. אמת, ער איז געווען אַ לעבעדיקער עד־ראיה פֿון די אַלע געשעענישן און זיי האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין זײַן זכּרון, אָבער די ייִדישע היסטאָריקער זײַנען ניט גאַנץ פּינקטלעך אויך בנוגע די פֿאַקטן, וואָס זיי האָבן אַליין איבערגעלעבט. באַזונדערס בולט ווײַזן זיך אַרויס זײַנע מעלות אַלס געשיכטע־שרײַבער, ווען מען פֿאַרגלײַכט זײַן ווערק מיט אַנדערע חיבורים, וואָס באַשרײַבן דיזעלביקע תּקופֿה.

זײַן באַשרײַבונג הייבט נתן־נטע אָן מיט די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אַזוי פֿיל קאָזאַקישע מרידות אין יענער צײַט, און ער באַמערקט דערבײַ גאַנץ ריכטיק, אַז בעיקר איז דער אויפֿשטאַנד געקומען אַלס רעזולטאַט פֿון אַן אומדערטרעגלעכער רעליגיעזער און עקאָנאָמישער אונטערדריקונג פֿון די קאָזאַקן. ער באַרירט קורץ די אויפֿשטאַנדן פֿון נאַליוואַיקאָ און פֿון פּאַווליוק און גייט איבער צום עיקר המעשה — צו כמעלניצקיס אויפֿשטאַנד. ער באַשרײַבט דעם אָנפֿירער פֿון די קאָזאַקן, באָגדאַן כמעלניצקין, דערציילט וועגן זײַן בונד מיט די טאָטערן און שטעלט זיך אָפּ באריכות אויף די הויפּט־מאָמענטן פֿון דעם אויפֿשטאַנד און אויף די רעזולטאַטן, וואָס דער אויפֿשטאַנד האָט געהאַט פֿאַר די ייִדן. מיט אַ שרעקלעכער רציחה האָבן זיך די קאָזאַקן אינאיינעם מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג אַרויסגעוואָרפֿן אויף ייִדן און זיי געהרגעט, געפּייניקט

מיט אַלע עינויים קשים, ניט צו האָבן קיין רחמנות אויף פרויען און קינדער. נתן-נטע האַנאָווער פאַרצייכנט די נעמען פון די וויכטיקסטע קהילות אין אוקראַינע, ליטע און פוילן, וואָס זיינען דעמאָלט פאַרלענדט געוואָרן פון די קאָזאַקן, מיט גענויע דאַטן (טאָג און חודש), ווען דאָס האָט פאַסירט, און מיט דער צאָל קרבנות. בדרך אגב באַשרייבט ער קורץ, אָבער בולט, ווי אַזוי די פאָליאַקן האָבן געפירט מלחמה קעגן די קאָזאַקן און גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון די פוילישע אָנפירער. און אַזוי ווי עפעס מיט אַ כיוון, כדי דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אוקראַינע, זאָל ווערן פאַר אונז נאָך בולטער, כדי דער ווייטאָג פון דעם חורבן זאָל זיין נאָך שאַרפער, — גיט ער אויף די לעצטע זייטן פון זיין ווערק אַ זייער אינטערעסאַנט בילד פון דעם יידישן גייסטיקן, קולטורעלן לעבן אין פוילן ערב דער קאַטאַסטראָפע. ער באַשרייבט די לאַגע פון די חדרים, תלמוד=תורהס און ישיבות און דערציילט מיט באַגייסטערונג, ווי געטריי די פוילישע יידן זיינען דעם תלמוד, מיט וואָס פאַר אַ ליבע און מסירת=נפש זיי שטיצן יעדערן, ווער ס'לערנט תורה, ווי דער פוילישער יידישער קיבוץ איז פרום און טוט צדקה. ער באַרירט אויך קורץ דעם דאָרטיקן בית=דין און דעם „ועד ארבע ארצות“. אין די דאָזיקע שורות פילט זיך דער טיפער ווייטאָג, וואָס כאַפט אָן דעם מחבר, ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם פריערדיקן גליקלעכן, רויקן לעבן פון די יידן אין פוילן, בעת דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פול מיט לומדים און ס'איז כמעט קיין יידישע שטוב ניט געווען, וואו מען האָט ניט געהערט קיין דברי=תורה, און ער פאַרגלייכט עס מיט דער טרויעריקער לאַגע נאָכן חורבן, ווען פון אַלע קהילות איז געוואָרן אַ תל, ווען אַלע שולן און בתי=מדרשים, וואו ס'האָט פריער געקלונגען „גאָטס וואָרט“, זיינען חרוב געוואָרן, ווען אַ סך יידן זיינען אומגעקומען על קידוש=השם און די איבעריקע וואָגלען אַרום אין פרעמדע לענדער. צום סוף דריקט ער אויס אַ דאַנק יענע קהילות אין פאַרשיידענע לענדער, וואָס האָבן זיך משתדל געווען אויסצוקויפן די יידן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, און וואָס האָבן אויף אַלע אופנים אונטערגעשטיצט די אומגליקלעכע.

דאָס בוך איז מערקווערדיק מיט זיין פשוטער און קלאָרער

שפּראַך, אָן איבעריקער מליצה; נאָר זעלטן וואַרפן זיך דורך תּלמודישע אויסדרוקן און פראַזעס. אָבער די גרעסטע מעלה פון דעם דאָזיקן ווערק איז זיין דאָקומענטאַלישקייט און היסטאָרישע פּינקטלעכקייט; דאָס מאַכט אים פאַר אַן ערשטקלאַסיקן מקור צו דער געשיכטע פון גזירות ת"ח ות"ט.

דאָס בוך איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין וועניציע אין יאָר 1653. וועגן די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פונעם בוך זע: וואָלף, „ביבליאָטעקאַ העברעאַ", I, 923; שטיינשניידער, באָדלעיאַנער קאַטאַלאָג, 2044; שטיינשניידער, „די געשיכטסליטעראַטור דער יודן", 121, נומ. 169; בן־יעקב, „אוצר הספרים", 217, נומ. 129; פירסט, „ביבליאָטעקאַ יודאַיקאַ", ב. 1, 361. עס זיינען אויך פאַראַן איבערזעצונגען פונעם בוך אויף יידיש, פראַנצויזיש, דייטש און רוסיש. זע וועגן דעם ביי שטיינשניידערן, „געשיכטסליטעראַטור", ז. 121 נר. 169.[46]

3) „שפה ברורה" — אַ ווערטערבוך אין פיר שפּראַכן — העברעיש, דייטש, לאַטייניש און איטאַליעניש. דאָס בוך באַשטייט פון 20 קאַפּיטלען און איז איינגעטיילט לויט די באַגריף־קאַטעגאָריעס. אַזוי, למשל, געפינען מיר אינעם ערשטן קאַפּיטל ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו הימל און צו די הימל־קערפּער; דער צווייטער קאַפּיטל באַהאַנדלט די ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו אמונה אאַד"וו. דאָס בוך האָט געהאַט אַ פּראַקטישן צוועק — צו געבן אַ הילף־מיטל די פאַרוואָגלטע אוקראַינער יידן, וואָס וואַנדערן אַרום אין פרעמדשפּראַכיקע לענדער. אין דער אַרבעט האָבן אים געהאָלפן: יעקב שברשינר — בנוגע דער לאַטיינישער שפּראַך, און גבריאל בלאַניס — בנוגע איטאַליעניש[47]. די ערשטע אויסגאַבע איז אַרויס אין פּראָג 1660; דאָס צווייטע מאָל איז דאָס בוך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1701 פון יעקב קאָפּיל, וועלכער האָט מוסיף געווען נאָך אַ פינפטן עמוד — פראַנצויזיש[48]; דאָס דריטע מאָל — אין לעמבערג אין יאָר 1786. זע: וואָלף, 924; שטיינשניידער, קאַטאַלאָג, 2047; פירסט — 361; בן־יעקב, „אוצר הספרים", ז. 607, נומ. 1187. שלמה לונדון פון נאָוואָגרודעק האָט איינגעשלאָסן דעם ווערטערבוך מיט קיצורים אין זיין זאַמלבוך

„קהלת שלמה“, ניט אָנגעבנדיק דעם נאָמען פונעם מחבר און באַגייענדיק אויף אַזאַ אופן אַ פּלאַגיאַט[49].

4) „שערי־ציון“ — אַ זאַמלונג פון תּפילות פאַר תּעניתים, יום־טובים, תּיקון־חצות א"אַנד, מיט אַ קבליסטישן אינהאַלט, איינגעטיילט אין זיבן קאַפּיטלעך. די דאָזיקע תּפילות זיינען געשאַפן געוואָרן דאָס רוב אין דער סביבה פון אר"ים תּלמידים. זינט דעם אר"ים תּורה האָט זיך פון ארץ־ישראל פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע, האָט זי אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבן. פריער איז די קבלה געווען אַן אייגנאַרטיקע פילאָסאָפישע סיסטעם, וואָס האָט געהערט נאָר צו אַ קליינער סביבה פון אייניקע אויסדערוויילטע. איצט האָט זי באַקומען אַ פּראַקטישן כאַראַקטער און איז אַריינגעדרונגען אין די ברייטע פאָלקסשיכטן, אַרומכאַפּנדיק אַלע זייטן פון יידישן לעבן. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס געווען אַ פועל־יוצא פון די רדיפות און צרות אָן אַ סוף, וואָס יידן האָבן אַריבערגעטראָגן ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ נטיה צו מיסטיק, צו סיגופים און תּעניתים און — צו קבלה. אין דער שיטה האָבן זיי געהאָפט צו באַקומען אַן ענטפער אויף דער שאלה, וואָס האָט זיי געפייניקט אָן אַן אויפהער: ווען וועט נעמען אַ סוף צו זייערע ליידן, ווען וועט קומען דער קץ, די צוגעזאָגטע משיח־צייט. די קבלה איז געווען אויך אַ מיטל מיט אייגענע כוחות מקרב צו זיין דעם קץ: מיט אמתער פרומקייט, מיט אָפטע תּעניתים און דער עיקר — מיט הייסער תּפילה צום אייבערשטן, ווען דער מענטש פאַרגעסט אַלץ אַרום און קומט אַריין אין דער מדרגה פון התלהבות, ווען די נשמה באַהעפט זיך מיט גאָט, — מיט אָט אַזאַ דבקות קאָן מען אַראָפּברענגען משיחן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די קבלה האָט געמוזט האָבן אַ גרויסע השפעה אויף די תּפילות, און די לעצטע האָבן טאַקע אַריינגענומען אַ סך קבליסטישע עלעמענטן. עס זיינען צוגעקומען ביי יידן נייע תּפילות און פּיוטים, וואָס זיינען אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט קבלה.

אין דעם פּרט האָט זייער פיל אויפגעטאָן אונזער מחבר, וועלכער איז געווען, ווי געזאָגט, דעם אר"ים אַ הייסער חסיד. אין זיין

מחזור זיינען אַריין תפילות פֿונעם „עץ־חיים“, וואָס ר' חיים וויטאַל, דעם אריז"ס אַ געטרייער תלמיד, האָט אָנגעשריבן, און פֿון אַנדערע צפֿתער מקובלים, פּיוטים פֿון ר' חיים הכּהן, פֿון ר' משה זכות א"אַנד. דער מחזור פֿון נתן האַנאָווער האָט זיך זייער גוט פֿאַרשפּרייט. ער איז אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און איז געוואָרן ביים עולם זייער באַליבט. אייניקע תפילות זיינען אַריבער אויך אין די איצטיקע סידורים און ווערן נאָך באַנוצט ביז היינטיקן טאָג. אַזוי, למשל, איז אַדאַנק אים שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן דער תיקון־חצות — אַ מנהג, וואָס איז ביז יענער צייט געווען פֿאַרשפּרייט נאָר אין אייניקע איטאַליענישע קהילות; פֿון דאָרטן איז ער אַריבער אויך אין אונזערע סידורים[50]. די תפילה „ריבונו־של־עולם“, וואָס מען זאָגט נאָכן אַרויסנעמען די ספֿר־תורה פֿונעם ארון־קודש, און דער „יהי רצון“ נאָך „ברכת כּוהנים“— זיינען אויך גענומען געוואָרן פֿון דער דאָזיקער זאַמלונג און זיינען איצט אַריין אין די תפילות[51].

די ערשטע אויסגאַבע פֿונעם „שערי־ציון“ האָט דערשיינט אין פּראָג אין יאָר 1662. די צווייטע האָט דערשיינט אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1671, בשעת נתן האַנאָווער איז שוין געווען געזעסן אין אונגאַריש־בראָד און האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען קיין אַמסטערדאַם אַליין מגיה זיין דעם ספֿר. ער האָט דעריבער געשיקט אַהין זיין ברודער מרדכי גומפּרעכט. אַ שפּעטערדיקע אויסגאַבע האָט דערשיינט אין דירענפֿורט אין יאָר 1705, אין דער דרוקעריי פֿונעם באַקאַנטן ביבליאָגראַף און בוכדרוקער שבתי ב"ס, אונטער דער השגחה פֿון דעם מחברס אייניקל מרדכי מערקיל בן ר' ישראל ניסן. די לעצטע אויסגאַבע איז באַקאַנט דערמיט, וואָס איבער איר האָט מען פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן דעם בוכדרוקער שבתי ב"ס. געבראַכט דערצו האָט די מסירה פֿון דעם יעזויט פֿראַנציסקוס קאַלבאַ, דעם לעקטאָר פֿון העברעיש אין פּראָגער אוניווערסיטעט. דער יעזויט האָט געמסרט, אַז אין דעם פּיוט „דודי ירד לגני“, וואָס דער מקובל חיים הכּוהן האָט פֿאַרפֿאַסט[52], איז דאָ גאָטלעסטערונג און אַ באַליידיקונג פֿונעם קיניג. שבתי ב"ס, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען אַ זקן, און זיין זון, וועמען ער האָט נאָך

פאַרן טויט איבערגעגעבן די דרוקעריי, זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. זיי זיינען אָפּגעזעסן צוויי חדשים; שפּעטער האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט אויף ערבות, ווייל דער פּראָפעסאָר פאַר העברעיש אין דער ברעסלויער גימנאַזיע — גוסטאַוו פּאָל האָט אַלס עקספּערט געגעבן אַ גוטע מיינונג, — קעגן דער באַשולדיקונג[53]. וועגן די איבעריקע אויסגאַבן זע: וואָלף, 1, 323, און III, 852; שטיינשניידער, קאַטאַלאָג, 2047; פירסט, I, 361; בן־יעקב, „אוצר הספרים“, 604, נומ. 1134; פריימאַן, „אַנאַלן דער העברעאישן דרוקעריי אין ווילהעלמסדאָרף“, אין „בערלינער פעסטשריפט“, 104, נומ. 24 און 113, נומ. 143.

אַחוץ די ספרים, וואָס האָבן ערשיינט געדרוקטע, האָט נתן האַנאָווער אָנגעשריבן איי ניקע ווערק, וואָס זיינען געבליבן ניט פאַרעפנטלעכט. דהיינו:

1. „נטע שעשועים“ — דרשות אויף אַלע פרשיות פון חומש און אויף אַלע יום־טובים, וואָס זיינען פון אים געהאַלטן געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט אין דייטשלאַנד. דאָס ווערק ווערט דערמאָנט אין דער הקדמה צו „טעמי־סוכה“ און צו „יון־מצולה“, וואָס זיין איי ניקל מרדכי מערקיל האָט אָנגעשריבן. זע: בן־יעקב, „אוצר הספרים“, ז. 217, נומ. 129; וואָלף, III, 852; פירסט, I, 362.

2. „נטע נאמן“ — אין דעם חיבור דערקלערט דער מחבר דעם אר״יס תורה אויפן סמך פון חיים וויטאַלס ווערק. דער „נטע נאמן“ ווערט דערמאָנט אין דער הקדמה צו „שערי־ציון“. זע: וואָלף, פירסט און בן־יעקב אין די אויבנפאַרצייכנטע ערטער.

3. „תוקף יין“ — די באַדייטונג פון פורים על־פי הקבלה. דער כתב־יד האָט זיך פריער געפונען אין דוד אָפּענהיימערס ביבליאָטעק; איצט געפינט ער זיך אין דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק אין אָקספאָרד. זע: נייבויער, מאַנוסקריפטן־קאַטאַלאָג פון דער באָדלעיאַנע, נומ. 1906. וואָלף (III, 853) און בן־יעקב („אוצר הספרים“, ז. 628, נומ. 233) האַלטן פאַרן מחבר פון דעם ווערק איינעם „נתן־נטע אונגאַריש־בראָד“; זיי האָבן אָבער ניט דערקענט, אַז דאָס איז דערזעלביקער נתן־נטע האַנאָווער, דער מחבר פון

„יון־מצולה“, וואָס איז געפאַלן על קידוש השם אין אונגאַריש־בראָד. זייער טעות רופט אַרויס אַ פאַרוואונדערונג, מחמת אין כתב־יד שטייט ביי זיין נאָמען בפירוש דער אויסדרוק הי״ד (ה׳ ינקום דמו), וועלכן מ׳גיט צו נאָר אַ קדוש. וועגן דעם ווערק „תוקף ייִן“ זע: שטיינשניידער, „פורים אונד פאַראָדיע“ אין „מאָנאַטשריפט“ 1903, ז. 176.

4. „יפה נוף“ — אַ פירוש אויף תהילים און אויף די תפילות עפ״י הקבלה. דאָס דאָזיקע בוך האָט באַנוצט דער מחבר פונעם סידור „כתר יוסף“ (בערלין, 1770). זע: „סדר הדורות“, אויסגאַבע פון משכיל־לאיתן, 55 און 58; אויך בן־יעקב, „אוצר הספרים“, ז. 288, נומ. 361; אויך קויפמאַן, „די פערהעערונג פון אונגאַריש בראָד“, אין „מאָנאַטסשריפט“ 1893, ז. 274.

פירסט שרייבט צו נתן האַנאָווערן אויך אַ פירוש אויף די „אותיות דר׳ עקיבא“, נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט ער פאַרביטן אונזער מחבר מיט נתן־נטע בן משה האַמערשלאַק, פון וועלכן עס איז טאַקע פאַרבליבן אין כ״י אַ פירוש צום דערמאָנטן ספר. זע: וואָלף, I, 925 און III, 853; בן־יעקב, 459, נומ. 126.

שטיינשניידער (זע „מאָנאַטסשריפט“, 1903, 176) שרייבט אים צו נאָך אַ חיבור, אונטערן נאָמען „חיי עולם נטע“, שטיצנדיק זיך דערביי אויף די ווערטער פון נתן האַנאָווערס אייניקל מערקיל, אין דער הקדמה צו זיין „התרת נדרים“, וואו ער שרייבט, אַז ער איז דער אייניקל פון „הקדוש החסיד המנוח מהור״ר נטע הי״ד, בעל המחבר נטע שעשועים וחיי עולם נטע, אמן“. שטיינשניידער האַלט די ווערטער „חיי עולם נטע“ פאַר דעם נאָמען פון אַ ווערק, אָבער דאָס איז גיכער פשוט אַ מליצה מיט אַ רמז אויף זיין נאָמען, ווי עס באַווייזט דאָס לעצטע וואָרט אמן.

ווען מען באַטראַכט די ווערק, וואָס נתן־נטע האַנאָווער האָט אָנגעשריבן אויף פאַרשיידענע געביטן, מוז מען באַוואונדערן זיין פרוכטבאַרקייט. באַזונדערס ווען מען באַרעכנט, אין וועלכע תנאים אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און וועלכע ליידן אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין. מען זעט, אַז דאָס איז געווען אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ פעסטן כאַראַקטער. זיין טיפער גלויבן האָט אים געגעבן דעם

פוח אַריבערצוטראָגן אַלע צרות און אין זיין גייסטיקער אַרבעט האָט ער געפונען די איינציקע נחמה.

פאַר אונז איז אינטערעסאַנט ניט נאָר זיין טראַגישער גורל, נאָר אויך זיין מאָראַלישער פּרצוף און זיין ליטעראַרישע ירושה. קויפמאַן שרייבט[54], אַז ער איז באַרימט געוואָרן דורך זיין זאַמלונג פון תפילות „שערי־ציון", וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ סך אויסגאַבן און איז שטאַרק פאַרשפרייט געוואָרן. דאָס איז אמת בנוגע צו זיין פּאָפּולערקייט ביי די רעליגיעזע פאָלקסמאַסן. אָבער דער גרויסער נאָמען, וואָס איז פאַרבליבן ניט נאָר אויף אַ פּאָר צענדליק יאָר, נאָר אויף דורות, האָט אים פאַרשאַפט זיין היסטאָריש ווערק — „יון־מצולה". נתן־נטע האַנאָווער וועט פאַר אונז תמיד פאַרבלייבן דער קלאַסישער באַשרייבער פון די גזירות ת"ח ות"ט.

אַנמערקונגען

1 בן־ציון כ״ץ, „לקורות היהודים״, 3, שו״ת רמ״א, תשובה צ״ה.

2 אין „יון מצולה״ (ווענעציע, 1653, דף ג׳, עמ׳ ב׳) ווערט דערציילט, אַז דער פאַרוואַלטער פון טשיהירין (מושל ופקיד על העיר) איז געווען אַ ייד — זכריה סאַפּילענקי.

3) Czacki, Rozprawa o Żydach, 51

אויספירלעכער זע אין גרעצס געשיכטע, דריטע אויסגאַבע פון 1891 (דייטש), באַנד IX, 59.

4 „סדור יעקב עמדין״, ח״ב — שער השמים, אלטונא, תק״ז, דף ע״ז, עמוד ב׳.

5 Lewin, Deutsche Einwanderer in polnische Ghetti („Jahrbuch der Jüdisch-Literarischen Gesellschaft“, 1906, 308 ff.)

6 אויף די שער־בלעטלעך פון זיינע ווערק גיט צו נתן־נטע האַנאָווער תמיד צו זיין נאָמען דאָס וואָרט אשכנזי. אין דעם 17טן קאַפּיטל פון זיין „וואָקאַבולאַריום״, וואו ער באַרירט אגב די פראַגע וועגן זיין נאָמען, ענטפערט ער: „נתן אשכנזי עבדך״. זע:

Grünbaum: Jüdischdeutsche Chrestomathie, 549.

7 Lewin, דער אויבנדערמאָנטער אַרטיקל, אינעם „יאָרבוך״ פון 1907, ז׳ 80.

8 די יידישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש), ב׳ VI, 159.

9 אַז נתן־נטע האַנאָווער איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָה, קאָן מען זען פון דער אויפשריפט אויף זיין מצבה (זע אונטן), וואו עס שטייט: „ר׳ נתן־נטע ב״מ משה מאסטרה״. מען קאָן אפילו דאָס וואָרט מאסטרה באַציען אויף זיין פאָטער, נאָר גיכער לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס באַציט זיך אויף נתן־נטען אליין. אין דעם בוך פון נפי־גירונדי, „תולדות גדולי ישראל״, ז׳ 270, ווערט דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין קראָקע. אָבער דאָס איז אַ טעות, און דער טעות נעמט זיך אָדער דערפון, וואָס אויף דעם שער־בלאַט פון זיין חיבור „טעמי־סוכה״ שטייט, אַז ער האָט געהאַלטן די דרשה אין קראָקע, אָדער דערפון, וואָס מ׳האָט אים פאַרביטן מיט אַן אַנדערן, ווי עס ווייזט אויס—

מיט נתן־נטע שפּירא פון קראָקע. וועגן זיין ברודער דערוויסן מיר זיך פון דעם שער־בלאַט צום מחזור „שערי־ציון", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין אמסטערדאַם 1671 אונטער זיין השגחה. דאָרטן שטייט, אַז ער איז געוועזן רב אין דער פּוילישער שטאָט גוואַדיף. זע: Wolf, Bibliotheca Hebraea, III, 852.

10 „יון מצולה", י"א — י"ב.

11 דאָרטן, דף ו', עמ' ב': „ק"ק אוסטרה הבירה שהיה מטרופולין במדינת רוסיא והיה עיר גדולה לאלהים של חכמים וסופרים, ותורה וגדולה היה במקום אחד". — זע „צוק העתים" אינעם „אוצר הספרות" ח"ג, ז' 121: „ק"ק אוסטרה, העיר הגדולה של חכמים וסופרים, תורה וגדולה, חשובים ונבונים ואנשי סגולה, למדינת רוסיא — היתה מטרופולין".

12 ביבער, „מזכרת לגדולי אוסטרהא", ז' 31, 43, 53.

13 דוד כּהנא, „תולדות המקובלים השבתאים והחסידים", ז' 29—30.

14 דאָרטן, ז' 36—40.

15 וועגן דעם, ווי אַזוי די קבלה פון יצחק לוריא האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע, זע: דעמביצער, „כלילת יופי", ח"ב, ז' קי"ח — קכ"ב.

16 ביבער, דאָס אויבנדערמאָנטע ווערק, ז' ב'.

17 „יון מצולה", דף ו', עמ' ב'.

18 אַזוי, למשל, ציטירט ער אין „יון מצולה" (דף ב', עמ' ב') די כראָניק „צמח דוד".

19 „יון מצולה", דף ו', עמ' ב'.

20 דאָרטן. אין זיינע ווערק איז ער מוסיף צו זיין נאָמען די ווערטער: „אשר שכונתו ומעונתו בק"ק זסלב".

21 אין דער פאַרבליבענער רשימה פון די הזיקות, וואָס די דערהרגעטע אין אונגאַריש־בראָד האָבן געליטן (צווישן זיי איז אויך געווען, ווי מיר וועלן זען ווייטער, נתן־נטע האַנאָווער), זיינען דערמאָנט זיינע צוויי איידעמס, זע: D. Kaufmann: Die Verheerung von Ungarisch Brod durch den Kuruzzenüberfall vom 14 Juli 1683 („Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums", 1893, 274).

22 Zunz, Die synagogale Poesie des Mittelalters, 344.

אין יאָר 1648 איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום פון וועסטפאַלן; אין ענגלאַנד האָט אין דעם יאָר אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און עס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דער קיניג קאַרל 1; אין דעם יאָר האָבן אַ סך גלויביקע קריסטן געוואַרט, אַז קריסטוס זאָל „צום צווייטן מאָל קומען"; דער „זוהר" האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז אין דעם יאָר דאַרף קומען משיח („זוהר", אויסג' ווילנע 1911, פּרשה תולדות, דף קל"ט, עמ' ב').

23 „יון מצולה", דף ו'—ז'.

24 א גמרא־ווערטל, מועד קטן, כ"ח, עמ' ב'.

25 איןביידע תוכחות געפינט זיך ניט אזא פסוק און בכלל איז אין גאנצן תנ"ך ניט פאראן א פסוק מיט די ווערטער, ווי דער מחבר ברענגט. א פסוק ענלעך צו דעם געפינען מיר אין יחזקאל ז', פסוק י"ט: „כספם בחוצות ישליכו וזהבם לנדה יהיה".

26 ויקרא, כ"ו, י"ז.

27 דברים כ"ח, ס"ה—ס"ו.

28 איכה ד', ט'.

29 אין דעם אויסדרוק פון תנ"ך: ישעיה י"ד, ט'.

30 אין דעם „טיט היון" (גורלאנד, „לקורות הגזרות על ישראל"), ז' 19, שטייט געשריבן, אז אין זאסלאוו זיינען אומגעקומען לערך 300 מענטשן, אין אסטראָה — לערך 1500. אין „צוק העתים" („אוצר הספרות", ז' 121) ווערט דערציילט, אז אין אסטראָה האָט מען פון דער שול געמאַכט א שטאַל.

31 ער ענדיקט, למשל, די הקדמה צו „יון מצולה" מיט די ווערטער: „כה דברי המחבר נתן־נטע בן הקדוש משה הנובר זצ"ל הי"ד" (ה' ינקום דמו).

32 דאָס באַהאַלטן דעם אייגענעם איך איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידישע שרייבערס. זיי קאָנצענטרירן זייער אויפמערקזאַמקייט אזוי שטאַרק אויף דעם אינהאַלט פון זייערע ווערק, אז זייער אייגענע פערזענלעכקייט טרעט לגמרי צוריק. אַן אויסנאַם בילדן נאָר די שרייבערס, וואָס ביי זיי איז דער אייגענער גורל צונויפגעפלאָכטן מיט א וויכטיקער געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע, ווי למשל: מנחם בן זרח — דער מחבר פון „צדה לדרך", יצחק אבּרבּנאל אָדער אברהם סבע, דער מחבר פון פירוש צום חומש „צרור המור" א"אנד. דאָס דאָזיקע פאַרשווייגן די אייגענע פערזאָן האָט געבראַכט דערצו, אז מיר האָבן גאָר ווינציק ביאָגראַפישע ידיעות וועגן אונזערע שרייבערס. די אַלטע ליטעראַטור ביי אונז איז זייער אָרעם אין אויטאָביאָגראַפיעס און מעמוארן.

33 זע אין דער הקדמה צו „טעמי סוכה": „והלכתי מחיל אל חיל למצוא מרגיע לנפשי וטרף להביא לאשתי ובנים, ודרשתי בכל תפוצות מדינת אשכנז, וחברתי דרשות על כל התורה ועל המועדים".

34 וועגן דוד וואַלענסין זע קויפמאַנס אַרטיקל אין Revue des Études Juives, XXI, 292.

35 וועגן זיין אויפהאַלט אין איטאַליע און זיין צוזאַמענטרעף מיט די מקובלים דערציילט ער אין דער הקדמה צו „שערי ציון", אין דער ערשטער אויסגאַבע; אין די איבעריקע אויסגאַבעס איז די הקדמה ניטאָ. דעם דאָזיקן

אָרט האָט איבערגעדרוקט נחום בריל און זיינע הוספות צום „לקורות הגזרות" פון גורלאַנד (זע „אוצר הספרות", ב' 4, 458—459).

36 וועגן ר' חיים הכהן זע: קונפורטי, „קורא הדורות" (קאַסעלס אויסגאַבע), דף מ"ב, עמ' א'; אויך: אַזולאַי, „שם הגדולים" (בן-יעקבס אויסגאַבע) דף י"ח, עמ' ב'. ער איז געשטאָרבן אין ליוואָרנע 1655, ווי עס שטייט אין געשריבענעם הספד, וואָס געפינט זיך אין כ"י פון אַזיאַטישן מוזיי אין לענינגראַד. זע: ווינער, „קהלת משה", 4528, עמ' 552.

37 וועגן ר' נתן שפּירא זע: נפּי-גירונדי, „תולדות גדולי ישראל", 276; אויך: אַזולאַי, דף ס"ה, עמ' ב'; געשטאָרבן אין רעדזשיאָ 1662.

38 וועגן ר' בנימין הלוי מצפת זע: נפּי-גירונדי, „תולדות גדולי ישראל", 52. וועגן ר' משה זכות (געשטאָרבן 1696) זע: אַזולאַי, דף נ"ט, עמ' ב'; נפּי-גירונדי, 225; א. כהנא, „לההיסטוריה הישראלית באיטליה", זאַמלבוך „הגורן", תרס"ב, 175—180. וועגן ר' שמואל אבוהב (געשטאָרבן 1694) זע אין „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעס יודענטומס", 1904, ז' 676 און ווייטער.

39 Wolf, Bibliotheca Hebraea I, 923.

אויף דעם שער-בלאַט פון „שערי ציון", אַרויסגעגעבן אין ווילמערסדאָרף 1690, רופט ער זיך אָן דער רב פון יאַסער שול (דאָרט, ז' 924). וועגן זיין רבנות אין פּאָקשאַן זע: שוואַרצפעלד, „ספר הזכרון", אין „אוצר הספרות", ב' 3, ז' 39.

40 אַלץ, וואָס ווערט ווייטער באַשריבן, שטיצט זיך אויפן אויסגעצייכנטן אַרטיקל פון דוד קויפמאַן (זע הערה 21), וואָס איז געשריבן געוואָרן אויפן סמך פון אַלטע מקורים און אַרכיוו-מאַטעריאַל.

41 דעם נאָמען וויסן מיר פון דעם שער-בלאַט אין „התרת נדרים", וואו דער מחבר, נתן-נטע האַנאַווערס איי‏ניקל, דערמאָנט זיין פאָטער. זע: „Brüll, Jahrbücher für jüdische Geschichte und Literatur", VIII, 169; זע אויך: ווינער, „קהלת משה", ז' 388, נומ' 3273.

42 די אויפשריפט אויף דער מצבה ברענגט דוד קויפמאַן (דאָרט, ז' 326 — 327).

43 „חורבן גדול" און „אל מלא רחמים" זע: דוד קויפמאַן (דאָרט, ז' 320—326). „חורבן גדול" איז איין מאָל געווען געדרוקט אין פּראָג 1683 און איז איצט אַ ביבליאָגראַפישע יקר-המציאות; זע אויך: שטיינשניידער, „די געשיכטס-ליטעראַטור דער יודען", ז' 130, נומער 191.

וואָלף, אין דער „ביבליאָטעקאַ העברעאַ" (III, 851) דערציילט אויפן סמך פון אַ בריוו, וואָס דער רב פון ווענעציע ר' יעקב אבוהב (זע וועגן אים: Löwenstein, „Die Familie Abohab", 679 ff) האָט געשריבן צום פּאַסטאָר

קריסטיאַן טעאָפיל אונגער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט העברעיִשער ליטעראַטור און דער עיקר מיט העברעיִשער ביבליאָגראַפיע און איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַ סך יידישע געלערנטע (זע וועגן אים „אוצר נחמד", III, 128, אויך: שטיינשניידער „Hebräische Bibliographie, XVII, 88; Berliner ,Persönliche Beziehungen zwischen Christen und Juden im Mittelalter, 23), אַז נתן-נטע האַנאָווער איז געשטאָרבן אין פּיעווע-די-סאַקקאָ אין איטאַליע; דאָס-זעלבע חזרן אויך איבער די-ראָסי (Dizicnario storico degli autori ebrei, II 741), אויך דעליטש (אין דער „געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע", 85) און פירסט אין דער „ביבליאָטעקאַ יודאַיִקאַ", ב' I, 631,— הגם פירסט האָט בעצם באַדאַרפט וויסן פון יעלינעקס אַרטיקל (אין דעם „ליטעראַטורבלאַט דעס אָריענטס" 1843, ז' 270, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגעגעבן) וועגן דער שחיטה אין אונגאַריש בראָד, אַז האַנאָווער איז דאָרט אומגעקומען. צונץ אין זיין „מאָנאַטסטאַגע דער קאַלענדעריאַהרעס" 40 וויזט ריכטיק אָן דעם אָרט און יאָר פון נתן-נטע האַנאָווערס טויט.

ביבער, געפינענדיק אין „ספרות ישראל" ז' 416, דער העבר' איבערזעצונג פון שטיינשניידערס אַרטיקל אין דער ענציקלאָפּעדיע פון ערש און גרובער (XXVII, ז' 357 — 71) וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון דער ענגלישער אויסגאַבע (דער אונטן געבראַכטער אָרט איז ניטאָ אין דער דייטשער אויסגאַבע, נאָר אין דער ענגלישער), אַז אין דעם מאַרטיראָלאָג „חורבן גדול" רעדט זיך וועגן דעם גוואַלד-טויט פון מרינו רב ר' נטע און אַז שטיינשניידער האַלט, אַז דאָס איז אונזער נתן-נטע, וואָס ער רופט אים אָן ר' נתן בן משה מאוסטרהא (אַזוי הייסט ער אויף דער מצבה), האָט ער (ביבער) אַרויסגעזאָגט (אין „מזכרת לגדולי אוסטרהא" ז' 52 און „ילקוט מנחם" ז' 20) אַ השערה, אַז דאָרט רעדט זיך וועגן אָסטראָהער רב ר' נטע, וואָס איז אַנטלאָפן פון אָסטראָה, איידער די קאָזאַקן זיינען אָנגעקומען. די דאָזיקע השערה איז ניט ריכטיק.

44 גימטריא און נוטריקון ווערן באַנוצט שוין אין תלמוד און זיי ווערן אַריינגערעכנט צווישן רבי אליעזר בן יוסי הגלילים כללים פון טייטשן די תורה (כלל 29 און 30; זע: קאַצינעלינבאָגען „נתיבות עולם", ז' 170, 173), נאָר ברייט אַנטוויקלט האָבן זיי זיך ערשט אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור, און דער עיקר ביי די מקובלים.

45 יוצאים מן הכלל אין דעם פּרט זיינען: יוסף הכהן — דער מחבר פון „עמק הבכא" און „דברי הימים למלכות צרפת", און דוד גאַנז—דער מחבר פון „צמח דוד".

46 לויט ווי יוסף סמברי דערציילט (Neubauer, Mediaevel Jewish Chronicles, I, 149) האָט מען באַשטימט צו לייענען די ספרים „יון מצולה" און „צוק העתים" אין די דריי וואָכן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באָב

„וקבעו אלו הספרים לקראתם מי״ז בתמוז עד ט׳ באב), נאָר פון אַנדערע מקורים ווייסן מיר גאָרנישט וועגן אַזאַ מנהג.

47 Perles, Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien, 42.

וועגן דעם ווערטערבוך זע אויך ב״י גרינבוים, „די יידיש-דייטשע כרעסטאָמאַטיע״, ז״ז 547 און ווייטער.

48 צונץ אין זיינע „גאָטעסדינסטליכען פאָרטרעגע״, ז׳ 466, ווייס נאָר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע.

49 Perles, ibid., 141.

50 Zunz, Die Ritus des synagogalen Gottesdiensts, 152; J. Elbogen, Der jüdische Gottesdienst, 389.

51 Berliner, Randbemerkungen zum täglichen Gebetbuche, 41—42, 47; Elbogen, ibid., 70, 200, 390.

52 לאַנדסהוט, אין „עמודי העבודה״, ז׳ 64, שרייבט צו עפ״י טעות דעם דאָזיקן פיוט ר׳ חיים ויטאַל.

53 Wolf, Bibliotheca Hebraea I, 924; Zunz, Die Ritus, 177; Oelsner, Sabbathai Bassista und sein Process, 11 ff.

54 דוד קויפמאַן, אויבנדערמאָנטער אַרטיקל, ז׳ 273.

SPIS RZECZY / TABLE OF CONTENTS

1. **Dr. Jacob Shatzky:**

   Wstęp historyczno-krytyczny do dzieła „Jewein Mecula" / *A Historical and Critical Introduction to „Jevein Metsulo"* . . . . p. 5*—159*

2. **W. Lacki-Bertoldi:**

   Tłumaczenie tekstu „Jevein Mecula" na język żydowski / *A Translation of the Text of „Jevein Metsulo" into Yiddish* . . . . p. 3—86

3. **Dr. I. Israelsohn:**

   Nosn Note Hanower, jego życie i działalność literacka / *Nosn Note Hanover, His Life and Literary Activities* . . . . p. 87—120

ŻYDOWSKI INSTYTUT NAUKOWY (JIWO)
SEKCJA HISTORYCZNA

GZEIRES TACH

WILNO / 1938

(Spis rzeczy na stronie odwrotnej)

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE (YIVO)
DEPARTMENT OF HISTORY

GZEIRES TAKH

WILNO / 1938

(For Table of Contents,
See the Following Page)

JIDIŠER VISNŠAFTLEXER INSTITUT (JIVO)
HISTORIŠE SEKCJE

GZEIRES TAX

VILNE / 1938